STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05331

HANE PESIL'S MAYNELOSHN

A. D. Oguz

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חנה פעסיל׳ס

מענה לשון.

א בוך פוהל מיט הומאר

פערפאסט פון

א. ד. אליג.

היברו פאבלישינג קאמפאני

52-50 עלדרידזש סט., ניו יארק.

HEBREW PUBLISHING CO.

50-52 ELDRIDGE ST.

NEW YORK.

אינהאלט פערצייכנים.

1. יאנקעל ווערט א פרעזידענט.
2. ער ווערט אוים פרעזידענט.
3. חנה פעסיל נעהט צו א באלל.
4. עפטער דהי באלל.
5. חנה פעסיל קריגט א פעלץ.
6. א יאזדע אויף א קאר.
7. א טראגעדיע נאך א דראמא.
8. מענות צו דער קאטץ.
9. הכנות צו א חתונה.
10. נאך דער חתונה.
11. חנה פעסיל נעהמט פאמיליע „פיקטשעס".
12. די שלח מנה.
13. חנה פעסילים מגילה.
14. אויסגעסטראשעט די קאטץ.
15. די דינסט מאכט א בייז לעבען.
16. א ביטערער מעות.
17. חנה פעסיל ווערט א שווינער.
18. קומענדיג פון סיגעל קופער סטאר.
19. די שמאלץ איז חמצ'דיג געווארען.
20. חנה פעסיל ארעסירט!
21. ביים סדר טיש.
22. נאבוועדהיניש פון געסט.
23. א סכסוך מיט א קאנדוקטאר.
24. חנה פעסיל און מאקסים גארקי.
25. ניטא פאפע, געה ליולע.
26. א מחלוקת צוליעב א לענדלאר.
27. די ניט געלונגענע פראבע.
28. חנה פעסיל האט יאהר-צייט.
29. גרינס אויף שבועות.
30. א שבועות'דיגער מאנאלאג.
31. חנה פעסיל מופט.
32. ניט געטראפען מיט די רומס.
33. קומענדיג פון קוני איילאנד.
34. חנה פעסיל וועגען קאפיטאן דרייפוס.
35. חנה פעסיל קעטשט א קאלד.
36. ווייל ער וויל, וויל זי ניט.
37. זי קלייבט זיך אין קאונטרי.
38. א מענה לשון דורך א שליח.
39. יאנקילס ליעבעס בריוועלע.
40. יאנקעל קריגט א ווארימען ברוך הבא.
41. כל נדרי און דער קול פון א שיקסע.
42. ווען יאנקעל קומט איהר אבנעמען.

43. חנה פעסיל צוריק אין שטאָדט.
44. חנה פעסיל ביים דענטיסט.
45. א מענה לשון פער טעלעפאָן.
46. נאָו טשעקי, גאו וועטשערע.
47. מען טאָהר ניט שילטען.
48. יאַנקעל קויפט לאָטס.
49. צוליעב ברייען'ס א רעדע.
50. יאנקעל איז ביזי אין שול.
51. חנה פעסלען געפעלט ניט א
חזן.
52. ברוך דין אמת.
53. שדכנים כאפען א פארציע.
54. חנה פעסיל ישוב'ט זיך.
55. חנה פעסיל פרישט זיך אָב.
56. די פאמפאדור געפעהלט איהר ניט.
57. די שנור ברענט צופיעל גאז.
58. עס געפעלט איהר ניט דער ניגון.
59. דער רבי האָט געהייסען פרעה-
ליך זיין.
60. לעסאן אין הלכות אכילה נומער 1.
61. לעסאן אין הלכות אכילה נומער 2.
62. די שנור שלאָפט צופיעל.
63. א לעקטשור וועגען קניידלאך.
64. די שנור געהט צופיעל.
65. א לעסאן אין קושינירסטווא.
66. טענות מכח בלינצעס.
67. ז' רעדט צו די וועגר.
68. ענדע גוט, אלעס גוט.

פאררעדע.

חנה פעסיל איז אַ טיפּ פון אַ בייזע פרוי, אַ פרוי וואס זוכט פעהד לערען אויף איהר מאַן. ניט אוים שנאה, נור מחמת קאַפריז, אייפערזוכט און נערוועזיטעט. חנה פעסיל האָט איהר מאַן ניט פיינד. זיא האָט איהם אמת ליעב און איז איהם טריי מיט׳ן גאַנצען האַרצען און צוליעב דעם גופא דענקט זיא, אז ווי גוט ער בעגעהט זיך מיט איהר, איז ער אַלעס ניט יוצא און זיא האט צו איהם שטענדיג טענות.

עס איז זעלבסט־פערשטענדליך, אַז חנה פעסיל לא היתה ולא נבראה, חנה פעסיל איז ניט געוועזען און האָט קיינמאָל ניט עקזיסטירט, אָבער איהר מענה לשון׳ס כאַראַקטיזירען אַ פרוי, וועלכע מיר בעגעגענען אפט איןווירקליכען לעבען.

פרויען בכלל זיינען מעהר אָדער וויניגער אייפערזיכטיג און קאַפּריזנע. יעדע פרוי, מעג זיא אַפילו ווי טריי זיין איהר מאַן, פערלאַנגט זיא אפט פון איהם, אַז ער זאָל איהר אַרויסצייגען מעהר ליעבע און איבערגעבענהייט ווי די אומשטענדען ערלויבען איהם צו בעווייזען, און ער קען זעלטען פאר איהר יוצא זיין. חנה פעסיל האָט די זעלבע נאַטור אין אַ אַ גרעסערין מאַסשטאַב, ווייל זי האָט אַ שוואַכערע נאַטור און דאָס וואָס זיא האָט אויפ׳ן האַרצען זאָגט זיא באַלד אַרויס.

חנה פעסיל שעצט איהר מאַן. זי ווייס, אַז ער איז דער ארון הבית, דער בעל הבית פון הויז, דער ברויט געבער, דער פערזאָרגער און אָהן איהם טויג זיא אויף כפרות, אָבער זייענדיג נערוועז רעדט זיא אָפט איבער דער מאָס, אקוראַט ווי אַ חולה רעדט פון היטץ.

ווען די בייזע שעה קומט איהר אָן שילט זי און זידעלט איהר מאַן זיא ווייס דאַמאָלס ניט פון זוכען איבערציינגונג, זי האָט קיין צייט ניט צו

בערענקען זיך, צו איבערלייגען זיך, אָבער נאכהער האָט זיא טויזענדער חרטות און זי ווינשט, אז די קללות וואָס זי האט געגעבען איהר מאַן, זאָלען פאַלען אויף פוסטע פעלדער און וויסטע וועלדער.

יאַנקעל כלאפ, חנה פעסיל׳ס מאַן, לאָזט זיך זעהר אָפט צופיעל טרעטען פון זיין קאַפּריזנע פרוי. ער איז אַ בעל הבית׳שער מענש און ער האָט זיין פרוי ליעב, ניט וויינינער ווי זי האָט איהם ליעב. ער ווייסט, אַז דאָס איז ביי איהר אַזאַ שוואַכקייט און ער פערשווייגט איהר מעהרסטענ־טהייל. ווען ער ענטפערט איהר אַמאָל אויף איהרע זלזולים, טהוט ער עס גוטמוטהיג, בדרך הלצה, אָהן כעס אהן רוגז, ווייל ער וויל זיא ניט ערגערען.

אָבער זיינע שטילע און גוטמוטהיגע אַנטוואָרטען צורייצען איהר נאך מעהר. איהר ווייזט אוים, אז דאָס גופא טהוט ער כדי איהר צו ערגערען, כדי איהר אין כעס אַריינצוברייננגען און זיא איז מרעיש עולם.

מיר שטעלען אין דיעזען בוך פאַר חנה פעסלען אין צוויי פעריאָ־דען: ווען זיא לעבט מיט איהר מאַן, און נאך איהר מאַן׳ס טויט ווען זיא וואָהנט ביי איהר פערהייראַטען זוהן. איהר שוואַכקייט צו שרייען און זו־כען חסרונות לאָזט איהר דאַן אויך ניט אָב און זיא גיסט אוים איהרע מענה לשון׳ס אויף איהר שנור. וואָס דיא שנור טהוט געפעלט איהר ניט און זיא צאָהלט איהר פאַרציעס, אַקוראַט ווי זי פלעגט צאָהלען איהר מאַן פאַר זיין לעבען, אָבער קיין אמת׳ע שנאה פיהלט זיא צו דער שנור אויך ניט, אָבוואָהל זי ערקלערט עס קיינמאָל ניט.

ביי דיא אומות העולם זיינען אויך פאַראַן אַזעלכע סאָרטען ביבער, אָבער יענע זיינען דאָס רוב וואולגאר און עס שטימט ניט מיט דעם אי־דישען גייסט. חנה פעסיל׳ס מענה לשון אָבער איז גענומען דורכאויס פון אידישען לעבען. חנה פעסיל בעשפרעכט אַלעם וואָס עס קען פאָרקומען אין אידישען לעבען און זי גיט עס אַרויס אין דער פאָרמע פון לעקט־שורס, נור מיט אַ בייזען טאָן.

קיין פרוי דאַרף זיך ניט געפינען בעליידיגט לעזענדיג דיעזען בוך, ווייל מיר מיינען עס ניט חלילה אימיצען אָנצוגרייפען, פון אימיצען חוזק מאַכען, הס מלהזכיר! מיר זאָגען ניט חס ושלום, אז אַלע פרויען זייען חנה

פעסילם, אבער אַז עס געפינען זיך אמת'ע לעבעדיגע חנה פעסילס, וועט יעדע פרוי מודה זיין.

א טהייל פון דיעזען בוך איז מיט א פאָר יאָהר צוריק פון דעם פערפאַסער געווען געדרוקט אין דער טעגליכער צייטונג „ווארהייט" און פיעלע אַנדערע קאַפּיטלאַך זיינען ערשיענען אין א וועכענטליכען זשורנאַל „אַמעריקאַנער", דאָס האָט דאַמאָלס געמאַכט א „היט" און מען האָט עס געלייענט מיט פיעל אינטערעס. מיר האָבען עס אויסגעבעסערט, צוגעגעבען נייע קאַפּיטלאַך און אויסגעשטעלט אין א גוטען אָרדנונג. מיר האָבען עס געמאַכט אַזוי. אַז דער בוך זאָל זיין א דבר השוה לכל נפש. א זאַך וואָס זאל ווערטה זיין פאַר אַלעמען צו לעזען און זיך פיין אַמוזירען.

דער בוך בכלל איז א לאַנגע שטיק הלצה. איהר געפינט דאָרט א לאַך אין יעדע שורה און לעזענדיג איהם וועלען אַפילו די אמת'ע חנה פעסילס אסור שילטען דעם מחבר.

א. ד. אגוז.

1טער קאפיטעל.

יאנקעל ווערט א פרעזידענט.

צנה־פעסיל געפינט זיך אין א פערלעגענהייט: פון איין זייט איז זיא צופריעדען וואס איהר מאן איז עולה לגדולה געווארען, פון דער צווייטער זייט אבער, האט זיא מורא, אז צוליעב זיין אמט, וועט ער אפט האבען אנ'אויפרייד אוועקצוגעהן און קומען שפעט, — א זאך וואס קיין פרוי וויל ניט ליידען, — און דאס רופט אין איהר ארויס אונצופריעדענהייט.

שא, סקאציל קומט, מזל טוב. דוא ביסט שוין א דאנק גאט אראפגעקומען, איך האב דאך שוין מיין דריטע אויג אויסגעוויינט נאך דיר, וויפיעל איז שוין דער זייגער? איינס, צוויי? א ליכט אין די אויגען איז מיר ווען איך זעה דיין טרפה'נע פארצונע ניט אן, ווען דוא ביסט אין הויז ניטא, ווייס איך אז איך לעב אויף דער וועלט.

אויב מיר געפעלט ניט, זאגסטו, וועסטו צוריק אוועקגעהן? געה און זאלען מיינע שונאים ניט דערלעבען קומען. דוא מיינסט אודאי אז דוא וועסט אויסטראשען חעלעם, זאג איך דיר, אז איך דארף דיר אויף צעהן טיסיאטשא כפרות. דארף איך דיר. איך קען מיין שטעדטיל אליין בעשטעהן. חרפה, בושה האסטו געדארפט האבען, א פערהייראטהער מאן, א פאטער פון קינדער זאל זיך גאנצע נעכט אומשלעפען, שווארץ יאהר וויים וואו. אוי, איך בין שטארקער פון אייזען אז איך האלט עס אויס.

ביי א מיטינג ביסטו געווען? א ישועה אויף מיר, ער איז געווען ביי א מיטינג! זיך שוין מסתמא דארט אנגע'שכור'ט מיט דיא לאנדסליידיינע, פעך, סמאלע זאלען זיי טרינקען, הארציגער פאטער.

אָבער פיעל מאָל האָב איך דיר, יאַנקעל, געזאָגט, פיעל מאָל האָב איך זיך בײַ דיר געבעטען ווי בײַ אַ גזלן: יאַנקעל, אויב דוא ווילסט ער־נעץ בעלאַנגען, בעלאַנג צו פרעמדע, וואו מען קען דיר ניט און מען וויים דיר ניט, אַז דוא געהסט יא צו אַ מיטינג, געה כאָטש צווישען מענ־שען, וועסטו זיך אפשר אויך אַביסעל אויסמענשלען, זאָג מיר אדרבה פון וועמען האָסטו זיך בײַ דיינע לאַנדסלייט צו לערנען? פון מאטיע גוי? פון פיניעלע טרעמבאך? עס איז דען דאָ צווישען זיי איינער אַ רעכטער? און וואָס פאַר אַ ווערדע האָסטו בײַ זיי? אַזאַ ווערדע וויא איך האָב בײַ דיר! אָבער רעד צו איהם און רעד צו דער וואַנד, וויל די ווייב זאָגט אַזוי, דאַרף ער שהאָן פאַרקעהרט.

דוא האָסט נאך פאַר אַ יאָהרען געוואָלט אַרויסגעהן פון דיין חברה זאָגסטו, נור איך האָב ניט געלאָזען! אַז ניט, משומד איינער, האָסטו דאַ־מאָלס געמיינט צוליעב טאָהן דער ווייב? זאָלען שוין מיינע שונאים אַזוי געזונד זיין! מסתמא האָסטו זיך דאַרט מיט דיינע לאַנדסלייט ניט אויסגע־לאַדעט. דו ווייסט דען וואו איין, ויאו אוים? דו קענסט דען מיט מענשען אויסקומען? דוא ביסט דאָך אַ דיקאַן, אַ ווילדע חיה ביסטו דאָך, צעהן בראָכען צו מיר, אַז איך בין אין דיין גורל אַריינגעפאַלען.

וואָס? דו ביסט געוואָרען פרעזידענט? אַ שמחה אַ גדולה אויף מיין קאָפּ, איך האָב שוין מאַן אַ פרעזידענט! קוק איהם נור אָן ווי ער איז עס אַביסעל צוויאכמערט, אקוראט ווי ער זאל געווינען דיא גרויסע געווינס, אַ קאטאָוועס, ער האָט דאָ איינגענומען פלעווגע, אַז אײַנגעהמען, זאָלסטו שוין, איך וויל ניט זאָגען וואָס.

פאַר אַ פרעזידענט האָבען זיי איהם געמאַכט! מיט דער גאַל זאָלען זיי מאַכען, איך קוועל דאָך גאָר דערפון, טאָמער וואָלט ער אַמאָל אויס־מיידען אַ מיטינג און זיין אין דער היים ווי לייטישע מענער, וועט ער שוין ערשט דאַרפען פראַווען דיא פרעזידענטסטוואָ, און איך שלים־מזלדיגע חנה פעסיל, וועל זיך דאַרפען שטיקען אַליין אין הויז און ציטערען פאַר יעדער שאַרך, פאַר יעדער קלאַפּ, גזלן, רוצח! איך בין טויט קראַנק, איך בין נער־וועז, איך טאָהר איין מינוט אַליין אין הויז ניט זיין, אַז ניט זיין זאָלען מיינע בילער אויף דער וועלט. ניין, יאַנקעל, דוא וועסט בײַ מיר קיין פרעזידענט ניט זיין.

וואָס מיינסטו יאַנקעל, אַז דיין פּרעזידענטסטוואָ וועט מיר עפּעס זיין אַ היילונג? זאָלען דאָס מיינע שונאים האָבען פון גאָט, וואָס איך וועל האָבען פון דיין פּרעזידענטסטוואָ! טאָמער איז מיר ווייניג צרות, טאָ־מער האָב איך ווייניג קלעמענים, האָט זיך מיין מאַן מרחם געווען און מיר צוגעגעבען נאָך אַביסעל. איך וויל זיך מיט דיר יאַנקעל ניט קריגען, איך וויל קיין באַוואָריעס ניט מאַכען, אַ כּפּרה, זאָל בּעסער מיינס איי־בּערגעהן אָבער זאָג מיר, אדרבה, אפּיקורוס, כּל־בּו'ניק, משומד, וואָס פאַר אַ פּנים וועל איך ערשט האָבען, וויא אַזוי וועל איך קענען מיינע אויגען ווייזען אין סטריט? יענטע דיא שוסטערקע, און רייצע די סעדיכע טראָגען דיימאַנד אוירינגלאַך, און איך די פּרעזידענטיכע, גייה וויא אַ שלעפּערקע, ווי אַ שנאָרערקע, דוואָסי די קאַוואַליכע טראָגט אַ סילקענע דרעס און איך... אַז פינסטער זאָל דיר אַזוי זיין דיין וועלט, ווי מיר איז פינסטער אין מיי־נע אויגען.

אַזוי? דוא זשאַלעוועסט מיר ניט, דוא פּאַזוואָליעסט מיר קויפען דיי־מאַנד אוירינגלאַך בּאָטש פאַר 500 דאָלער! יע איך וואָלט דאָס שוין לאַנג געטהאָן, איך ווייס דאָך אָבער, שמד־לניק אײנער, וואָס דיין כּונה איז, איך קען דיר יאַנקעל, איך ווייס ווער דו בּיסט, דו זוכסט דאָך נור פאַר וואָס צו האָבען צו טשעפּען זיך צו דער ווייב, וואָס מיינסטו יאַנקעל, איך בּין עפּעס אַ יעקעלע נאַרר? דו קוקסט עס דאָך נור אויס, אַז איך זאָל קויפען אַ פּאָר אוירינגלאַך, וועט שוין דיין ווערימדיגער מויל האָבען וואָס צו רעד־דען, אַז דיין ווייב איז אַ פערבּרייגגערקע, אַ פערשווענדערקע, ווייניג שטערסטו מיר מיין לעבען אַזוי, פעהלט מיר נאָך דזשולערי!

איך האָב שוין געעפּענט מיין פּיסק, זאָגסטו? זאָל זיך מיינע שונאים עפּענען אַ קבר! דוא קענסט דאָך מיט דיינע שטוקעס אפילו אַ שטומען אויך רעדענדיג מאַכען, עפּעס אַ קלייניגקייט? אַ מענש זעצט זיך אָן אויף דער ווייב און האַלט איהר אין איין יאָדען, אין איין גריזשען און פרעגט, פאַר וואָס? פאַר ווען? איך ווייך דאָך דיך, וויא מען ווייכט אַ קלויסטער, און דוא טשעפּעסט זיך שונאי ישראל, אויף גלייכע ווענד.

וואָס טהוסטו מיר? קוק איהם נור אָן דעם צדיק'על, ווי ער מאַכט זיך גאָר ניט וויסענדיג, דער מלאך המות שעבּט און בּלייבּט גערעכט! איהם קומט נאָך דער קוילעטשו! געננג יאַנקעל, האָב איך געליטען און נאָך מאָהר.

זיי וויסען, יאנקעל, אז פון היינט און וועל איך מיר מעהר ניט לאזען טרעטען מיט דיא פיס. מיין ניט אז דוא וועסט שטענדיג האבען די ממשלה, מיין ניט. אז דוא וועסט שטענדיג זיין דער גאנצער בעל דעה, דענק גאר ניט יאנקעל, אז דו וועסט אויפהענגען א שלאס אויף מיין מויל, ניין! איך וועל מעהר ניט שווייגען, איך וועל מעהר מיינע צרות אויפ'ן הארצען ניט שטיקען, אין אמעריקא איז פרי ספיטש און חנה פעסיל מעג אויך א ווארט רעדען.

2טער קאפיטעל.

ער איז געווארען אוים פרעזידענט.

יאנקעל טהוט צוליעב זיין ווייב און ענטזאגט זיך פון זיין אמט. חנה=פעסיל ושאלעווע
פבער דיא דאזיגע גדולת, עס פערדריסט איהר, וואס איהר כבוד איז גע-
שטערט געווארען, און זיא צאהלט איהם איין א חלק דערפאר,
וואס ער האט דיא פרעזידענטשטווא ניט אנגעהאלטען.

אליע, ליוליע צירעלע,
אויף דיין טאטען א פגירה'לע,
א פגירה אויף דיין טאטען,
ס'זאל קיינעם ניט שאטען.

שוין אויף נאמנות לאנג צייט געווען, וואו איז דאס אזא זאך געד הערט געווארען? שוין 3 וויגערנע שעה אז דאס קינד ווערט צוריסען שריי- ענדיג און איהם ארט דאס ווי די וואנד, א טאטע ביסטו, אזא יאהר אויף דיר! מען דארף דאך האבען א טאטערשע הארץ, דארף מען דאך האבען, ווען דאס זאל אפילו זיין א פרעמד קינד, ווען דאס זאל אפילו זיין א ממזר, האט מען דאך אויך גערארפט רחמנות האבען, און ער ליענט און בראפעט ווי א געקויל'עטער אקס און ריהרט זיך ניט פון ארט.

יאנקעל, יאנקעל! צייט איך לעב, צייט איך שטעה אויף מיינע פיס, האב איך נאך ניט געזעהען, אז א מענש זאל אזוי שלאפען, זאל מיינע

שונאים אזוי ברעכען אלע גליעדער, ווי מיר ברעכט דיא הענר ווינענדיג. דעם טאטען'ס גיפט האט עס, אקוראט דער טאטע מיט דיא ביינער, אוי, פטור זאל איך שוין ווערען פון אייך ביידען.

אן אנשיקענעס אויף מיר דיא פרעזידענטסטווא זיינע! אז קיין גוטס, קיין נחת זאלען זיי ניט האבען, וואס זיי האבען איהם געמאכט פאר א פרעזידענט. טאמער איז נאך די מאס פון מיינע צרות ניט געווען פאר פול, טאמער האט ער דאך אמאל געוואוסט וואס אין הויז טהוט זיך, האבען זיי איהם פערדרעהט דעם קאפ מיט דיא פרעזידענטסטווא! אז פערדרעהט זאל זיי ווערען די יאהרען, טאטע זיסער.

שא, ער ריהרט זיך שוין וויא עס איז דער לייטענער גולם, קוק איהם נור אן ווי ער וויים אסור וואו ער איז אין דער וועלט. די פרעזידענסטווא ליגט דיר אין קאפ און דיא ווייב מיט דיא קינדער מעגען זיך, שונאי ישראל שלאגען קאפ אן וואנד, איז עס גאר ניט דיין באבעס דאגה.

יאנקעל כלאפ א פרעזידענט! ניטא ווער עס זאל לאבען. עס פאסט דאך דיר אזוי דיא פרעזידענטסטווא ווי א חזיר א שטריימעל, דוא ווייסט דען פון א האנד פון א פוס? אט פרעג דיר בחרם, עס איז מעהר ניט פאר דיר איז דאס א געשעפט, אט דערווייל געהט מען מיט חברה אין סאלונען און דוא קענסט חאפען א שמועס מיט דיא גראבע טושעס. דיא סאלון קי־פערקעס, ביי דיר איז עס א גאנצער קרן.

דוא ביסט שוין אוים פרעזידענט? מזל טוב דיר! אז ניט האב איך דאס פריהער ניט געוואוסט? וואס, מען האט דיך שוין אראפגעווארפען? אז ווארפען זאל זיי דאס 7 יעהריגע קדחת! ווען דוא זאלסט אבער זיין א מענש וואלט מען דיר געהאלטען פאר א מענשען און ניט געמאכט פון דיר חוזק, אבער דו ביסט נור א בריה דא אין דער היים, און צווישען מענשען באטש מעלק דיך אוים.

דוא מיינסט יאנקעל, אז איך שטעה אום דעם כבוד! זאלען זיי אזוי שטעהן אויף דיא פיס מיט דיר צוזאמען. איך דארף זיי אויף כפרות מיט די פרעזידענטסטווא, אבער פאר וואס זאלסטו זיין א לעמעשקע און לאזען זיך טרעטען פון יעדען איינעם? וואס איז עפעס היינט מאכען און מארגען אפ־מאכען? געמאכט דארף זיין געמאכט! א קלאג צו דיר, א בראך צו דיר,

מיט דער ווייב ווייסטו צו קאמאנדעווען. דיא ווייב טאהר א ווארט ניט רעדען, דיא ווייב דארף פאר דיר געהן אויף דיא שפיטץ פינגער און אז פרעמדע קריכען דיר אויפ'ן קאפ, רוקסטו אראב דעם קאזיראק און שווייגסט.

ווען עס טרעפט אזא זאך אויף אן אנדערען, וואלט ער דאך גע־קעהרט וועלטען, סטייטש אזא פאטש אין פנים, און דו בהמה, שווייגסט! וואס? אפשר זאל איך זיך געהן קריעגען פאר דיר? דוא בינסט דאך עפעס א מאנסביל, ביסטו דאך, ביסטו חולה איינצאהלען זיי א פארציע וויא זיי האבען פערדיענט? אבער א מאנסביל ביסטו? א שטיק פלייש מיט צוויי אויגען ביסטו, כראפ, כראפ, כראפ, מעהר וויא דאס ווייסטו ניט.

וואס? דוא האסט זיך פון די פרעזידענסטווא אליין אבגעזאגט? וואס דען ווי קומט א חזיר צו לאקשען? יאנקעל כלאפ דארף עפעס? נור פרע־סען זויפען און מקצר זיין דער ווייב דיא יאהרען.

אז אך און וועה איז דיר, וויא דוא בעגעהסט זיך מיט דער ווייב ווייס קיינער ניט. וואס זאל איך טאהן מיינע צרות? איך לייד און שווייג, ניחאי וואלסטו כאטש צווישען מענשען זיין א מענש, ניין, דאס אויך ניט, אפילו ווען יענער וויל איהם האלטען פאר א שטיקעל מענשען, טויג איהם ניט, לוינט זיך איהם ניט! יאנקעל כלאפ דארף פערבלייבען יאנקעל כלאפ ביז דער מיתה משונה.

דוא מיינסט, כל־בו'ניק איינער, אז איך פערשטעה ניט דיין כונה? ניין יאנקעל, דוא זאלסט עס גאר ניט דענקען, דאס געזונד, דעם לעבען האסטו ביי מיר צוגענומען, אבער ניט דעם שכל! דוא האסט מורא געהאט טאמער וועט די ווייב דיינע ניט זיין אזוי שפל, טאמער וועט די ווייב דיינע האבען א שטיקעל נאמען, ביסטו געווארען אוים פרעזידענט, ווזא זאגט יע־נער: מיר ניט, דיר ניט, כאטש זיך אליין ביידע אויגען ארויסנעהמען, אבי יענעם איינע הא, שעהן אזוי? גוט אזוי? אזעלכע זיעבען יאהר זאלסטו האבען.

איך האב דיר געשטערט דעם לעבען, זאגסטו, פאר וואס דוא ביסט געווארען א פרעזידענט? זעה נור אדרבה וויא ער מאכט זיך נאך חזיר פי־סעל בשר! אומיצער זאל הערען וואלט מען מיינען אין אמת'ן אז איך האב איהם ווער ווייס וואס געטאהן! בעטראכט נור איהם וויא ער איז צופיע־

צעט, מען טאהר איהם א ווארט ניט זאגען! אז ניט, יאנקעל, האסטו אקי מורא פאר דער ווייב? זאל מיר שוין אזוי, מיין קאפ ניט וועהטאן. דו מיינסט דאך אלעס מיך צו ערגערין, דאכט זיך וואו מען דארף קענסטו קיין צוויי ניט צעהלען און אייף צו פראווען מיט דער ווייב צו להכעיס, האט נאך דיין מ׳ח ניט אויסגעדארט.

אבער ווארט יאנקעלע, חנה פעסיל איז נאך ניט געשטארבען. זיא וועט זיך נאך מיט דיר אברעכענען אויפ׳ן בעסטען אופן.

8טער קאפיטעל.

חנה־פעסיל געהט צו א באלל.

וויא וויים נאר ניט וואס א באלל איז, נור זיא הערט שכנים ריידענדיג וועגען א באלל, האט זיא אויך חשק דערצו און זיא פיהרט עס אויס, אבוואהל יאנקעל האטט עס וויא דעם טויט. דער אויסקלייבען זיך צום באלל איז פיעל אינטערעסאנטער וויא דער באלל גופא. יאנקעל כאפט א פארציע, אז עס איז איהם פינסטער און ביטער.

נאט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב, בענליק דיין פאלק ישראל אין דיינעם לייב. דער שבת קודש געהט אהין, די ליעבע וואך זאל צו אונז קומען...

אוי, קומען זאל שוין א סוף צו מיין פינסטערע מערכה, אז ניט וויים איך עפעס פון שבת, פון וואך? זאלען שוין מיינע שונאים אזוי וויסען פון זייער געזונד, פון זייער לעבען זאלען זיי אזוי וויסען. שטענדיג ווי דער אקס אין סאבע, הודא, הודא, איך זעה דען אן די ליכטיגע וועלט? אזוי וויא אין קאטערזשנע בין איך דאך, אן אייזערנע בין איך, אז איך האלט עס אויס.

די וואך זאל אונז קומען, צו געזונד, צו לעבען, צו מזל...

שוין מאקי צייט, רבונו של עולם, אז מיין פינסטערער מזל זאל

דערהויכט ווערען, אז אָה און וועה איז מיר, אבגעפינסטערט, אָבגע'חושך'ט מיין וועלט, פערשפיעלט מיינע יאָהרען ווי אין קארטען.

שאַ, ביסט שוין דאָ? אַ גאסט! מען דאַרף דעם אויוועו צו וואַרפען. וויא האָסטו דאָס נאָך כל בוניק איינער, אַזעלכע פערשטאָכענע אויגען און קומסט אראָב מיט אַזאַ ברייטען גוט־וואָך? אַזאַ גוטס זאָלסטו האָבען, כל זמן דו וועסט לעבען, וואָס פאר אַ גוטס איך האָב פאר דיר. אַ גוטע וואָך וועל איך האָבען דאַמאָלס, ווען איך וועל פון דיין קאָפּ פטור ווערען, ווען איך וועל דיין הינטישע צורה ניט אָנקוקען, אַזוי לאַנג אָבער דו ביסט מיין מאַן איז מיין לעבען אַ גראָשען ניט ווערטה.

אוי, דער שבת קודש געהט אַהין... אַז געהן זאָלסטו שוין יאַנקעל אויף קולעס, אַ סוף אַז איך וועל האָבען אַ מאַן אַ קאַליקען וועל איך ווי־סען אַז איך מוז פון איהם לײדען, אָבער פון אַזאַ געזונטענעש, פון אַזאַ קאַצאַפּסקע מאָרדע זאָל איך לײדען? אַז ניט זוכה, אַז ניט רואה וועסטו זיין.

דער גיהנום האָט זיך שוין געעפענט, זאָגט ער! מען דאַרף דען האָ־בען אַן ערגערן גיהנום ווי האָבען יאַנקעל כלאַפּ פאַר אַ מאַן? מיר דאַכט אַז איך וועל שוין אפילו קיין חיבוט הקבר אויך ניט דאַרפען לײדען, איך בין שוין גענוג אָבגעקומען פאַר מיינע זינד, איין גאט דער לעבעדיגער אין הימעל ווייס.

זאָג מיר אדרבה, כל בו'ניק איינער, מיט וואָס בין איך ערגער פון אַלע ווייבער? מיט וואָס האָב איך דאָס ביי דיר ניט פערדיענט, אַז דו זאלסט מיר אַמאל צופריעדען שטעלען? שוין פון ווען אָן, אַז איך בעט דיר: יאַנקעל לאָמיר געהן ערגיץ דורכלופטערען דוא אויגען יאַנקעל, לייט געהען צו בעללער, לאמיר אויך אַמאל געהן, לאָמיר אויך וויסען וואָס אַ וועלט איז, אָבער יאַנקעל היינט, יאַנקעל מאָרגען, ענטפערט די וואַנד, אַזוי ענט־פערט ער.

איך הער מען רעדט: באַלל, באַלל, באַלל, באַלל, איך זעה לייט גרייטען זיך ווי צו אַ חתונה, נו, מען איז דאָך מעהר ניט ווי אַ זינדיגער מענש, מיט אַ יצר הרע, אט ווילט זיך אויך עפּעס זעהן, עפּעס הערען און האָבען אביסעל פאַרגניגען און כאָטש צוריס זיך קען איך דאָס ביי מיין מאַן ניט פועל'ן.

וואָס איז דאָרטען דאָ וואָס צו זעהן? וואס ווייס איך? איך בין דאָרט אמאָל געווען? אָבער איין עולם איז דאָך ניט קיין גולם, און אז צוויי זאָגען שיכור, דאַרף זיך דער דריטער לייגען שלאָפען.

ארויסגעוואָרפענע געלד זאָגסטו? אז וואַרפען זאל עס מיינע שונאים אין היטץ און אין קעלט. אויף אַלערליי שוואַרץ יאָהרען סטאַיעט און אויף דאס וואס דיא ווייב וויל ביסטו קאַרג. געה זעה, משומד איינער אונ־זער נעקסטדאָרינע, א קבצנ'טע א שלעפערקע, פון דעסטוועגען אז זיא וו׳ל געהן צו א באָלל אדער וואו עס איז דארף זיא עפּעס מיט איהר מאַן א סך מענה'ען? זיא טהוט נור א פּיפּס און אַלעס ווערט בעשאַפען.

אז אח און וועה איז מיר, לייטישע ווייבער זיינען עפּעס געבאָרען געוואָרען אין הייבעלאך און מיר איז בעשערט צו זיין פערפינסטערט און פערוואָגעלט מיין גאַנצען לעבען, אָבער ווער איז דען שולדיג, אז ניט איך אַליין? איבער מיין שטילקייט, איבער מיין גוטסקייט לייד איך אַזוי פיעל, איך האב דיר דאך געדאַרפט געבען ווי מען גיט א חזיר אין קאָרעטע. עס איז מעהר ניט. מיין נאַטור איז צו שווייגען, און דאַריבער קריכסטו מיר אויפ'ן קאָפּ. אז קריכען זאָלען דיא וואס ווינשען מיר ביז אויף דיא גלייכע יוענד.

אָבער יאַנקעל, אפילו אז מען טרעט אן אויף א קאַטשערע גיט זיא אייך א קלאַפּ. מיין ניט יאַנקעל, אז עס וועט דיר אַזוי גלאַט אָבגעהן, איך קען שוין מעהר מיינע צרות ניט איבערטראָגען און איך מוז זיך איינמאָל פאַר אַלע מאָל מיט דיר אָבּרעכענען, וואס מיינסטו א צווינ בין איך ביי דיר? דו וועסט שוין ביי מיר ניט אויספיהרען ווען דו וועסט אפילו שונאי ציון אויפגעלאָפען ווערען.

דוא זיצט נאָך? אויף ווען וועסטו זיך אויסקלייבען? דיא הויז־קיפּער־קע מיט דער מויד זיינען שוין אויסגעסטראָיעט און ער וועט נאָך ערשט אנהויבען מאַכען זיינע וויבאָרעס, אויף ווען וועט עס ארויסקומען? דוא ווילסט, אפּיקורוס איינער, מאַכען, אז מיר זאָלען שוין קומען נאָך אַלעמען, אָה! חנה פעסיל פערשטעהט זיך אויף דיינע שמד־שטיק. אָבער דוא וועסט דאס מאל מיט מיר גאָר ניט אויספיהרען, ווען דוא וועסט אפילו די כפּרה ווערען.

א דאנק דעם אויבערשטען, ער הייסט מיר שוין וויא עס איז זיך

אנטהאן! זעה נור וויא ער איז גאר אַן אַנדער מענש געוואָרען, אַז איך האָב איהם דערמאָהנט די הויזקיפּערקע מיט דער מויד, האט ער זיך אָבגעפרישט, אַן אויפגעפרעגעלטער איז ער געוואָרען, וואָס מיינסטו, דו וועסט געהן מיט איהר צוזאַמען? ריכט זיך גאר ניט. דוא האסט, מיסטער לעבען אַ ווייב און דו דאַרפסט ניט קוקען אויף פרעמדע.

געהן אליין, הייסט ער מיר! זאל איך אַזוי וויסען פון ביין וויא איך וויים וואוהין צו געהן! און וואס וועסטו טהאן, האַ? זיך שלאגען קאפּ אַן וואַנד? יאַנקעל דיינע זיעבען יאהר האבען זיך שוין געקאָנצעט, איך וועל דיר שוין אַריינגעהמען אין די קלעשצעס, דוא וועסט שוין מעהר קיין סאַמאָוואלעץ ניט זיין, איז מיין נאמען ניט חנה פעסיל.

יאַנקעל, דו וועסט בײַ מיר געהן, אבער ניט מיט דער הויזקיפּערקע'ס מויד אין קאמפּאניע, דאס ניט!... אבער וועה איז מיר, ווינד איז מיר, דער זייגער איז שוין באַלד ניין און עס איז נאך קיין אנהויב ניט! אוי אַרויסגעשלעפּט זאלען ווערען מיינע שונאים ווי אימיצער האט מיינע העמ פּינס אַרויסגעשלעפּט. עס געהט מיר פון אלע זייטען, געהט עס מיר.

לייטישע מענער העלפען זייערע ווייבער זיך אנטאהן און מיינער שטעהט וויא אַן אנגעמאַלטער גולם און ריהרט זיך ניט פון ארט! לייטישע מענער לויפען פאַר זייערע ווייבער אין פייער און אין וואסער און מיין דאַליע האט מורא, אז ער וועט זיך איבערהויבען, זעה נור וויא ער ריהרט זיך אַקוראַט וויא א בלייענע פויגעל, וואס איז. די הענד און דיא פיס זיינען דיר אבגענומען געוואָרען? חולה ביסטו אַ ריהר טהאן זיך אַביסעל גיכער?

איך פערשטעה עס איז דיר פערגאַנגען אין דיין טרפה'נע הארץ, וואס דו וועסט ניט האבען קיין שאוּ צו געהן מיט דער הויזקיפּערקע'ס מויד — נעבאך אַ צער בעל החיים, אבער וואס קענסטו העלפען?

וואַרט, יאַנקעל, פון היינט אָן וויל איך דיך האַלטען אויפ'ן צייטעל און דו וועסט בײַ מיר מעהר ניט בושעווען.

4טער קאפּיטעל.

עפּטער דהי באלל.

תנה-פּעפּיל האָט זיך בײ'ם באלל ניט ענדזשויעט. דאָס איז געװען א מאַסקערייד-באלל און זיא האָט אפילו ניט געזעהען װאָס דאָרט איז פאָרגעקומען, צוליעב א געװיסע אורזאַכע. דערװייל איז זיא יאַנקלען חושד, אז ער האָט דאָרט גאָט װייס װאָס אויפגעטהאָן, און זיא גיט איהם געגוג פּעפער צו שמעקען.

אה, א גוטער אויף אויף מיין מאַן'ס גוף, זיך שוין אויסגעשלאפען? א נס איז מיר געשעהן. װיפיעל איז נאך אין גאנצען צו נאכט? עס לוינט זיך שוין אסור אויפשטעהן. זעה נור װי ער רייבט נאך דיא אויגעלאך. װאס מיינסטו עס איז ערשט טאג געװארען?

שוין ב"ה האלבער טאג און מיין מאן שלאפט. אין אלע הייזער איז אויפגעקלינט, אויפגעראַמט און בײ מיר איז די בעט ניט פערבעט, אין שטוב װיא אין א שטאל, און פלאצען זאל דיר שוין די גאל, װי מיר װערט צר פלאצט קוקענדיג אויף דיר.

אבער װאס איז דער חידוש? א מענש האָט ניט קיין זארג, קיין קאפּ-דרעהעניש, פרעסט און טרינקט און טהוט ניט א קלאפּ א פינגער אן א פינגער, מעהר װי קדחת פעהלט איהם ניט, עס ארט איהם עפּעס פאר א װייב, פאר א קינד? פון זיינט װעגען, מעג זיך אפילו דיא הויז איבער-קעהרען קאַפּויר, טהוט ער זיך זיינס. געװער מאי, װען דיר זאל אזוי דאַ-רען דער מח װיא מיר, װאלסטו אביסעל װייניגער געפּאפּען.

ער קעהרט זיך נאך אויף נאמנות אום אויף'ן אנדערען זייט? װאס מיינסטו איך װעל זיטצען א גאנצע טאג און װאטשען דיר? אט װיא דוא זעהסט גיס איך דיר אונטער װאסער און דוא װעסט שוין בײ מיר אויפ-שטעהן.

אהא! די קעפּעלע טהוט דיר װעה, דיא פּיסעלאך ברעכען דיר? פאר אלע אידען, רבונו של עולם! האסטו ניט געזאלט האפען מיט מוידען! װאס

דען האָסטו יאַנקעל, געמיינט, עס וועט דיר גלאַטיג אָבגעהן? נישט־קשה, מיין גאָט איז נאָך אויך ניט געשטאָרבען און ער וועט זיך נאָך מיט דיר אָבּרעכענען פאַר די אומזיסטע בלוט, וואָס דוא פערצאַפּסט מיר.

ער פרעגט נאָך, דער לא־היה׳ניק, וואָס האָט ער מיר געטהאָן! נאָך אפשר ווייניג, האַ? דאַכט זיך ווען איך זאָל אפילו זיין די ערגסטע אין דער וועלט האָסטו דאָך מיר עס אויך ניט געדאַרפט טהאָן. דוא ווילסט טאַנצען מיט מיידלאך, שטיק זיך, וואַרג זיך, טאַנץ אפילו מיט׳ן מ״אך המות, אָבער מיינע אויגען זאָלען דאָס כאָטש ניט אָנקוקען, געהסטו נאָך, משומד איינער, שלעפּסט מיך אויך אַוועק אַהין, כדי איך זאָל מיינע צרות מיט מיינע אויגען זעהן און שונאי ישראל, צופוקעט ווערען.

דוא האָסט גאָר ניט געטאַנצט, זאָגסטו! וואָס דען? תהלים האָסטו דאָרט געזאָגט? אַזא צדיק אין פעלץ ביסטו דאָס? נעבאך, מען דאַרף גאָר מיט דיר ענגו זאָגען, קוק איהם נור אן דעם חסיד, אין אמת׳ן וויא קען מען דאָס אויף אַזא צאצקעוואטען אידען אויסטראַכטען אַזא שקר בלבול? זאָג זשע מיר כל־בו־ניק איינער וואָס ביסטו אַהין געלאָפען וויא אַן אונטערגעשאָסענער?

אַזוי? איך האָב דיר געצוואונגען, איך האָב דיך געשלעפּט? אימיצער וואָלט הערען, וואָלט מען מיינען, אַז עס איז תורת לאקשען! אַז איך האָב דיר שטיק מנוול, נעבעטען מיר זאָלען ערגעץ געהן דורכלופטערן די אויגען געהסטו און שלעפּסט מיר אַוועק אויף אַ מאַטשקערייד באַלל! וואָס עס האָט געוואָלט זיין, וואָס עס וועט זיין, זאָל אויסגעהן צו דיין קאָפּ, צו דיינע הענד און פיס, צו דיין לייב און לעבען!

אַ שעהנעם פאַרגניגען האָב איך דאָרט געהאַט, אויף מיינע שונאים געזאָגט אַזעלכע פאַרגעניגענס! איך בין דאָך דאָרט בטל בשישים געוואָרען. זאָל מיינע בילער אַזוי פינסטער זיין אין זייערע אויגען, וויא מיר איז פינסטער געוואָרען, דערזעהענדיג דאָרט די פערשטעלעניסען. דאָס געזונד וואָס איז מיר אין דעם איין אבענד אָבגעקומען, וועט דאָך מיר אפילו אין צעהן יאָהר ניט צוקומען און אַלץ צוליעב וואָס, ווייל יאַנקעל כלאַפּ׳ן האָט זיך פערכאַליעט טאַנצען מיט מוידען, אַז טאַנצען זאָלסטו שוין, טאַטע זיסער, אויף אַ שטריק משוגע׳נערהייד.

ווער האָט דיר געזעהן טאַנצענדיג? וויא אַזוי משמד׳אלניק איינער,

האָב איך געקענט זעהן? וויא אַזוי האָב איך אין אַזאַ צייט געקענט קוקען אויף דיא פורים־שפּיעלער? אַז אָח און וועה איז מיר. איך היט זיך און היט זיך די גאנצע צייט ניט צו זעהן אַזעלכעס וואס איך טהאר ניט זעהן, קומט מיין מאַן און פיקסט מיך! עס פעהלט מיר נאָך צום רומעל האָבען א קינד אַ פערזעהעניש. איך בין דאך דיא גאנצע נאכט געזעסען און ניט געוואגט דיא אויגען עפענען, אַז אָח און וועה און ווינד איז מיר.

אָבער יאנקעל כלאַפּ דארף דען האָבען קינדער? שטיינער דאַרפסטו האָבען, ניט קינדער!... קיק איהם נור אָן וויא ער האָט אויסגעגלאָצט אַ פאר אויגען, וואס קוקסטו מיר אָן, דוא קענסט מיר ניט? גלאמפּ, גולם, טפו זאָלסטו ווערען.

ער פרעגט נאָך ווער איז שולדיג, אפשר בין איך שולדיג, האַ? בײַ דיר איז דאָך שטענדיג אַזוי, שטאָ נאַ מניע טאָ נאַ טעביע! דוא טהוסט אָב די גרעסטע סקאַנדאַלען און נאַכהער בין איך דאס כפּרה־הינדעל. וואָס ביסטו עפּעס אַ פרעמדער? אַ איינגעלע ביסטו? דוא ווייסט גאָר ניט, אַז איך טאָהר היינט אויף פערשטעלעניסען ניט קוקען? אָט פרעג דיר בחרם, אַ קלאג צו דיר אַ בראך צו דיר, דוא פערשלאפסט דיי־נע טעג מיט דיא יאהרען און ווייסט אליין ניט אויף וואסער וועלט דוא ביסט...

דוא לאַכסט נאך, אפּיקורוס איינער, לאַכען זאָלסטו שוין מיט וואס איך ווייס! איך בין א צויאדעטע, אַ צוגריזשעטע און ער שמייכעלט! איך פערשטעה, דיר טהוט הנאה וואס איך ערגער זיך, דוא קוועלסט אָן וואס איך האב קלעמענים, אבער יאנקעל עס יועט אויסגעהן צו דיין קאפּ, דיא שעה זאל קיין שעה ניט זיין, וועסטו פאַרשווארצט ווערען, וועסטו ליידען, דוא ביסט דאך אַ שיינדעלדיגער טאטע, ביסטו דאך און טענסט אויך הא־בען אביסעל צרות.

דוא האסט גאר ניט געוואלט געהן צום באָלל? שפּאַי איהם אין די אויגען און ער זאגט עס געהט א רעגען! וויא קענסטו דאס מיר אזא זאך אין די אויגען אָבלייקענען? יאנקעל כלאפּ האט ניט געוואלט געהן, אהין וואו דער הויז־קיפּערקעס מויד איז געגאנגען! אויך אָן אמת! אַז דוא זאגסט מען מען דעם רב גלויבען.

אבער וואס העלפען די טענות? איך קען דיר, יאנקעל, און ווייס, אז מיט גוטען קען מען מיט דיר גאר ניט מאכען, דיר אז מען בריהט ניט אב וויא א דבר אחר, וועסטו בעסער ניט ווערען, און איך זאג דיר יאנקעל, אז דיין לעצטער מאל וועט דיר שוין זיין געהן אויף בעללער, אז דוא וועסט זיך ניט אונטערגעבען מיט גוטען, וועל איך ביי דיר אויספיהרען מיט בייזען.

5טער קאפיטעל.

חנה־פעסיל קריגט א פעלץ.

יאנקעל קויפט עס פאר איהר א פרעזענט אין אנ'אָקשען. צום אונגליק אָבער איז ווארים אין דרויסען און זיא קען עס ניט יוזען, — זאָגט זיא איהם מוסר, פארוואס ער האָט עס ניט געקויפט מיט א יאָהר אָדער מיט צוויי יאָהר צוריק, ווען עס וויגען געוועזען גרויסע פרעסט, און ער האָט פון איהר קאלט און ווארים.

יאנקעל, יאנקעל, דו ביסט טויב? אז טויב זאלסטו שוין טאקי ווערען מיט אן אמת. שוין פון ווען אן אז איך שריי: יאנקעל, יאנקעל און ער מאכט זיך ווי גע'פגר'ט.

טפו זאלסטו ווערען, זעה נור וויא ער האט זיך איבערגעדעקט מיט'ן פערענע איבער'ן קאפ, משוגע ביסטו, צו חסר דעה, צו וואס פאר א שווארץ יאהר דיר? באטש מיר איז קלאגעדיג אויפ'ן הארצען ווילט זיך מיר דאך לאכען. האסטו געזעהען א מענש זאל זיך איין נארען אין פערענע, ווען אויפ'ן גאס איז רעגולער זומער? א בעזע קעלט איז אויף איהם אנגעפאלען. ווייטער, ווייטער וועט מען אירם מוזען צונעהמען אין א משוגעים הויז.

קאלט איז דיר? זאלסטו אזוי וויסען פון דיין געזונד, וויא דוא ווייסט וואס דוא רעדסט. א פערקעהרטער מוח. שונאי ישראל, איז דאך ביי דיר, ווען לייטען איז קאלט, איז דיר היים און ווען אלעמען איז היים איז דיר קאלט. דאס איז טאקי פריש, געזונד און משוגע.

און וועך ליידט פון דיא משוגעת'ן? דיא ווייב! ווען דארט דער מח?

דער ווייב! ווען ווערט א וויארע אין הארצען? דער ווייב! א ריס זאל זיין מיינע שונאים אין לייב.

פלוצלינג גאר אויף צו להכעים, אויף צופוקעניש אויף צוזעמצעניש ווערט מיין מאן א גוטער און קויפט מיר א בערען־פעלץ מיט א סקארף און א מאף! צו וועלכע כפרות, פרעג איך, דיר דארף איך עס? אזעלכע נוצען זאלען דיא וואס ווינשען מיר ביוז האבען פון זייערע הענד, וואס פאר א נוצען איך האב דערפון. נעה טהו זיך הייגט אן אין א בערען־פעלץ, ווען מען זעהט ניט קיין קאפ שנעע אויף א רפואה און אין סטריט איז אמת ווארים, רעגולער זומער! וואס בין איך עפעס א פורים שפיעלער? עס פעהלט מיר מעהר ניט, אנטהאן זיך ערשט אין א פעלץ און מען זאל נאך מיר נאכלויפען אזוי וויא נאך א משוגע׳נע.

הא? דוא ביסט ניט שולדיג, זאגסטו? דאס איז א נאט זאך? געוויס איז עס א גאט זאך. דאס וואס איך האב יאנקעל כלאפ פאר א מאן און האב אזא טרויעריגע דאליע. אזא פינסטערע מערכה. איז אויך פון גאט. אבער זאג מיר טרפה׳נער ביין דוא: וואו ביסטו געוועז פאר א יאהרען פאר צוויי יאהרען און פאר דריי יאהרען ווען דיא פרעסט האבען געברענט? פאר וואס האסטו מיר דאמאלס דעם פעלץ ניט געקויפט? הא, דאס ביסטו אויך ניט שולדיג? ווער דען, איך בין ולדיג? זאל דיר. יאנקעל אזוי ווערהטאן אלע גליעדער וויא מיר טהוט וועה אין הארצען דערפון וואס איך האב זיך פאר צוויי יאהרען ווינטער פערקיהלט, ניחאי וואלסט זיך געוועזען דאמאלס מישב זיין קויפען פאר דער ווייב א שטיקעל ווארימען בגד? הייגט, וויא עס איז האסטו זיך קוים אויסגעקראצט און פערשטאפט מיר דעם האלדז, וויא איינער רעדט: שטיק זיך ווארג זיך, אז דערשטיקט און דערווארגען זאלסטו ווערען אין גיכע צייטען. צו וואס טויג מיר הייגט דער פעלץ? וואס טויג מיר דיא מאף. אט הענגט עס און מאיל ווערט עס אויפעסען, אז עסען זאלען דיר ווערים לעבעדיגערהייד, טאטע דערבארעמדיגער.

איך זאל דיר ניט דערמאנען אלטע חטאים זאגסטו? פערשטעהט זיך, וואס דארף איך דערמאהנען אלטע, אז איך האב ב״ה אלע טאג נייע! עס מיידט דעו א טאג וואס דוא נעהמסט ביי מיר ניט אוועק א האלבען לעבען? אז נעה־מען זאל דיר, טאטע דערבארעמדיגער, וואס איך וויים.

דא? וואס בורטשעסטו דארט כל־בו׳ניק אינער, איך זאל עס פערקו־

פען? אזוי ווילסטו? א שעהנער בעל תכלית ביסטו, אזא יאהר אויף דיר, אזוי רעדט אַ בעל הבית? אזוי רעדט א מענש מיט שכל? א קלאג צו דיר, א בראך צו דיר, לייטישע מענער טרייען וואס מעהר בעל־הבתישקייט צו האבען, מען שפּאָרט אב פון דיא לעצטע און מען זעהט עפּעס אריינ־ברייננגען אין הויז, מען טרייעט צופריעדען שטעלען א ווייב, אַ קינד און דוא שמד׳לניק איינער, טאמער האט דיא ווייב א שטיקעל בגד, ווילסטו דאס פערקויפען, וואָס איז אויף ברויט פעהלט דיר? זאל דעם רוסישען קיסר אזוי פעהלען בויך וועהטאג, צרות זאל איהם אזוי פעהלען, וויא דיר פעהלט אויף ברויט.

אט אזוי איז עס, אז מען האט א מאן אַ גאר נישט. נו, אפשר וועט פאר דיר רעכט זיין צו פארקויפען דיא ביסעל פארניטשע אויך? אַ קשיא אויף דיר? ווען דוא זאלסט האבען די גאנצע דעה, וואלסטו די ווייב אויך פערקויפט.

איך זאל זיך פון דיר אָבטשעפען, זאָגסטו? אָקוראט איך זאל איהם טהאָן ווייס איך וואס! וואס טהו איך דיר, וואָס? דוא מיינסט הפּנים, אַז איך וואקס פון דער משפחה כלאפעס? אז איך בין דיין מאמען געראטען, מיינסטו? זאל זי רוהען וואו זיא רוהט, זאל זיא געהן איהרע נעהענטערע צו חלום, דאכט זיך גאנץ כאנדריקעווע איז מיט איהר אויף געווען, דוא מיינסט, יאנקעל, אז איך געדענק ניט וויא זיא פלעגט זיך שטענדיג קריע־גען און האלאווען מיט דיין טאטען? און אזוי ווי די מאמע, אזוי איז דאס קינד. דער עפּעלע פאלט ניט ווייט פון בוים.

מיין טאטע און מאמע האבען אָבגעלעבט צוזאמען 50 יאהר, 50 קייי־לעבדיגע יאהר, און האבען זיך קיין מאל א קרום ווארט ניט איבערגע־רעדט, פון מיין מאמעס מויל איז דאך קיין מאל קיין קללה ניט ארויס, זוי טייבעלאך האבען זיי געלעבט, היינט פון וועמען האב איך זיך געהאט צו לערנען דיין מאמעס מדות?

אָבער צרות ברייננגט צו אלעס, פון צרות אים שטיינס געזאגט, קען אפילו פון א מלאך ווערען א גלח, דוא גזלן איינער, האסטו מיר גּעבראכט דערצו אז איך זאל א מאל פון מיין מויל ארויסברעננגען א קללה, אויף דיין קאפ זאל עס פאלען טאטע זיסער.

מיין ניט יאנקעל, אז דוא וועסט זיך איבער מיר אזוי לוהמען, מיין ניט אז דוא וועסט מיט מ״ שטענדיג שפיעלען צו להכעיס. אזוי לאנג קרענקען מיינע שונאים אויף איין זייב אוי נאכהער אויפ'ן צווייטען זייט. וויא לאנג איך וועל נאך דעם פעלץ ניט פערקויפען, דו וועסט מיר נאך א סילקענע דרעס אויך מא־כען, אויב ניט מיט גוטען איז מיט בייזען. הענג זיך אויף, טהו זיך א מעשה און חנה פעסיל וועט איהרם אויספיהרען.

פמער קאפיטעל.

איאזדע אויף א קאר.

חנה־פעסיל פאהרט מיט יאנקלען אפטאון. דאכט זיך איהר, אז זיי פאהרען ניט מיט דער ריכטיגער קאר, — נו, נו, פרעגט שוין גאר ניט, עס טהוט זיך פרעהליך! אז דער קאנדוקטאר, אז דיא פאסאזשירען האבען הנאה, אבער אז אך און וועה צו יאנקלען געבאך! זיא גיט איהם א גאב, אז עס קומט איהם אוים, כאטש לאז זיא איבער און אנטלויף ערגעץ.

איך וואלט שווערען יאנקעל, אז דוא האסט ניט גענומען דיא ריכטיגע קאר. זאל איך שלעכטם האבען אויב דאס איז זיא. צוטראגענער מח וואס דוא ביסט אז ף וויען א שטייגער דענקסטו וועלען מיר קומען אין אפטאון מיט דער קאר? איך רעכען, אז אויף איבער א יאהר אויך ניט! געוואלד, יאנקעל, וואו־הין ווילסטו מיך פערפיהרען, קיין בוויבעריק?

קוק און שוויג, זאגט ער! פערשטומט זאלען שוין מיינע שונאים ווערען, הארציגער פאטער, וואס הייסט איך זאל שווייגען? איך זעה דאך פארט, אז דאס איז אן אנדער קאר. איך בין א דאנק, איך האב די הענד ניט געוואשען, ביים זינען און איך וויים וואס איך רייד.

וואס זיצטו וואס? אויף וואס ווארטסטו? מיר קענען דאך אזוי פארפאהד־רען אין אלדע שווארץ יאהר, א כפרה דיא 10 סענט און קום ארונטער, וויניג צעהן סענטיגע פיהרסטו איבער? וואו אזוי פיעל וועט זיין נאך צעהן סענט.

זעה נור אויסגעגלאָצט א פאר אויגען אַזוי וויא ראפקא אויפ'ן טאַ־טען! איך פערשטעה, יאַנקעל, אַז אין דיין יעצטיגען אויספאהרען ליגט עפּעס אַ כונה. מסתמא האָסטו דאָ אימיצען אויפ'ן קאר. אויף ר' יאַנקלען איז אלעס צו גלויבען.

זאָג מיר דעם אמת, ווען האָסטו דא אויפ'ן קאר, וואס דיר איז אַזוי שווער אָבצורייסען זיך? זאָג מיר פאר וואס דאס רוב ליגסטו אין הויז מען קען דיר מיט פלעקער ניט אַרויסטרייבען און היינט איז אויף דיר געוואָרען א פרעלעניש אויסצופאהרען? עפּעס האָסטו היינט קיין ארט ניט געקענט געפינען, וויא אַ משוגע'נער האסטו אומגעטאַנצט איבערן שטוב, עס איז ניט אומזיסט, יאַנקעל, דוא ווערסט מיך דיא ציינער ניט פער־ריידען.

וואָס? דוא האסט אַזוי זיך געוואָלט זיך דורכפאָהרען? פאר וואס ושע האָסטו ניט גענומען דיא קאר וואס מען דארף? אַלבעטשע, אז דא פאָהרט א מויד און דוא קענסט זיך מיט איהר ניט שיידען.

אָבער ניין! דוא ווערסט שוין ערשט ניט פאָהרען, ווען דוא וועסט אפילו אויפגעלאפען ווערען וויא א בארג. איך וועל זיך אומשלעפען שוואַרץ יאהר וויים וואו, און דוא וועסט זיטצען און חלום'ען פון דער מויד? זאל דיר, יאַנקעל, אַזוי פערדרעהט ווערען דיא יאהרען, ווי מיר האָט זיך שוין פערדרעהט דער קאָפּ פאהרענדיג.

גרינע חיה, רופט ער מיר! אז גרין און געל זאלסטו שוין ווערען טאָטע דערבאַרעמדיגער. סעי קאָנדוקטאר, סטאַפּ דיא קאָר! שי איז נא גוד, מיין יאנקעל איז קרייזי.

וואָס ענטפערסטו איהם ניט, ער פרעגט דאך דיר עפּעס? אז אָך און וועה איז מיר, אַ חלק האָט מיר גאט איינגעטהיילט, אויף מיינע שונאים געזאָגט, דיא וואס ווינשען מיר בייז איין מאל אין יאָהר, זאלען האָבען אַזעלכע מענער וויא יאנקעל כלאפּ, ער איז דאָך ני דאָ באָהאַ, ני דאָ ליודי! אַנטקעגען דער ווייב האט עס אזא פּיסק, אזא געטבע און אז מען דאַרף רעדען א ווארט מיט א מענשען געהט איהם אָב דער לשון, מנוול, אַנגעטאָלטער געטש! דער קאָנדוקטאָר פרעגט דאך עפּעס, וואָס שווייגסטו?

אימיצער וואָלט מיינען, אַז ער איז אַ צדיק'ל און קען גאָר קיין צוויי ניט צעהלען, ניט קענען זאלסטו שוין רבונו של עולם...

אַ שווארצער חלום אויף דיין קאָפּ! וואָס שאַקעסטו וואָס? מען טאָהר דיר גאָר אַ וואָרט ניט זאגען? וואס קומט מיר דערפאַר, אַז איך וויל זיך ניט אַרום שלעפּען אַ גאַנצע נאַכט. שיידים ווייסען דיר וואו? גע־נוג שוין אז איך לייד פון דיר אין דער היים, דארף איך נאך דא אויך פון דיר ליידען? אַז איך האָב געזאָגט אַז דוא וועסט ניט פאהרען וועסטו ניט פאהרען. קאנדוקטאָר, סטאַפּ די קאַר!

מיך קוקט מען אן וויא אַ משוגע'נע? חלש'ן דאַרף מען! איך ווייס ניט ווער איז משוגע איך צו דוא, האסטו געזעהן אביסעל? אַז ער איז צודולט און ווייס ניט אויף וואָסער וועלט ער איז, איז אימיצער שולדיג! יאַנקעל, דוא וועסט ניט פאהרען, ניין, כאטש טהו זיך אַ מעשה אָן!

וואוהין לויפסטו, וואוהין? פון הויט זאָלסטו לויפען, משומד, ימח שמו'ניק וואס מיינסטו איך וועל דיר שווייגען? איך וועל שרייען געוואלד אין דיא גאסען וועל איך שרייען, וואו איז דאָס געזעהן געוואָרען, וואו איז דאס געהערט געווארען א מאַן זאל פערפיהרען דיא ווייב אין אַלדע רוחות און אליין אַנטלויפען?

אַ שאַנדע איז דיר, זאָגסטו? אַודאי, דוא האָסט זיך טאַקי מיט מיר צו שעהמען, אַ קאַטאָוועס, אַזאַ שעהנער מענש וויא יאַנקעל כלאפּ? אַ וואַזשנע מעצאָצע! דוא האָסט זיך נאָך וואָס איבערצונעהמען? אַ קלאָג צו דיר, א בראָך צו דיר, וואָס איז? דיין ווייב איז אפשר אַ פערבריינגערקע ווי אַנדערע? דיין ווייב איז אפשר אַן אַרורה. ווי לייטישע ווייבער? דוא האָסט געדארפט האָבען אַן אַנדער ווייב, וואָלסטו געוואוסט פּאָטשאָם פונטליבא, אַן אַנדערע אויף מיין פּלאַטץ וואלט דאך דיר דא געמאכט אַ מארק, אז דוא וואלסט ניט ווייסען פון וואַנען עס איז דיר געקומען. באשר איך האָב ליעב צו פארשווייגען, וויא זאָגט יענער: „ניחאַי בעדאַ ספּיט, אָבער ביי דיר איז עס אָנגעלייגט ווי אָן אַ הונד.

דאָס איז די ריכטיגע קאַר, זאָגסטו. מיר זיינען שוין אין פּלאַטץ? לעבען זאָלסטו אַזוי! זאָל איך דיר אזוי האָבען פאר א מאן! גיין קום שוין אַ היים זאג איך, דו הערסט?

וואס? דו ישוב'סט זיך נאך? דואווארסט איך זאל פון ערגערניס קראנק ווערען און מען זאל מיך דארפען צונעהמען אין א אמבולאנס? איך חיים, דו קוקסט עס אוים, אבער ניט דערלעבען וועסטו דאס. עס וועט דיר נאך דיא אויגען ארויסקריכען, ביז דוא וועסט פון מיר פטור ווערען איך וועל גיכער בלייבען אן אלמנה איידער דוא אן אלמן. מענשען־בלוט שווייגט ניט און גאט וועט זיך נאך מיט דיר אברעכענען, ווארט, ווארט, אפיקורוס אלעס וואס דו טהוסט מיר וועט דיר אנטגעגען קומען. גאט ווארט לאנג און בעצאהלט עהרליך.

7טער קאפיטעל.

א טראגעדיע נאך א דראמא.

יאנקעל געהט מיט חנה־פעסלען אין טהעאטער, געפעהלט איהר ניט דיא „פליי", אין זיא חושד איהר מאן, אז ער איז פערליעבט אין א כאריסטקע און גראדע א פיאוס'קייט. נו, נו, שפיעלט זיא איהם אב א טהעאטער־שטיק אין דער היים, אז עס איז אך און וועה צו איהם און צו זיינע יאהרען.

טפו, טפו, אלע בעזע חלומות וואס מיר האט זיך גע'חלום'ט און וואס מיר וועט זיך חלום'ען, זאל אויסגעהען צו דיין קאפ, אוי, איך האב מיר אזוי איבערגעשראקען, אז דאס הארץ פאלט מיר פשוט ארוים. זאל דיר, יאנקעל, אזוי קלאפען אין קאפ, ווי מיר קלאפט אין הארצען. נא דיר נאר פלוצלונג ווערט ער געטריי און נעהמט מיך אין טהעאטער, אז אנפאלען זאל אויף מיינע שונאים א קאטער. איך פרעג דיר, ווער האט דיר געבעטען דיא טובה? דו זאלסט מיך אהין פיהרען? איך האב ביז איצט געלעבט אהן טהעאטער, וואלט איך ווייטער אויך געקענט אויסקומען אהן דעם. דוא מיינסט הפנים, אז איך האב אזא תליון'ישע הארץ ווי דוא און קען אלעס ציזעהען? איך בין אזוי אויך נערוועז, קיים וואס איך לעב, פעהלט מיר נאך צו זעהען וויא א יונגערמאן פערגיפטעט זיך. אזא הגאה

זאָלסטו, יאַנקעל, האָבען פון דיין לעבען, וואָס פאַר הנאה איך האָב געהאַט פון דער פליי.

אָבער יאַנקעל, חנה פּעסיל פערשטעהט אַ געשעפט. מיר דאַרף מען אַ פינגער אין מויל ניט אַריינלעגען. וואָס ווילסטו מיר איינרעדען פיינע־לאַך אין בוזים? ווילסט מיר איינשמועסען, אַז דוא האָסט מיך גענומען אין טהעאַטער אוים געטריישאַפט? ניין, יאַנקעל, חנה פּעסלען קען מען די ציהן ניט פערדרעהען. איך וויים שמד׳אלניק וואָס דיין כונה איז געווען. איך וויים, איך פערשטעה אַלעס, אָבער וואָס זאָל איך טהאָן? אַן אָקס האָט אַ לאַנגען צונג און קען קיין שופר ניט בלאָזען...

האַ, איך לאָז דיר ניט שלאָפען, זאָגסטו? דערצעהל דאָס דער באָ־בע דיינער! איך וויים וועֹר עס לאָזט דיר ניט שלאָפען. דיא טענצערקע דאָרט אין רויטען קליידעל קריכט דיר אין קאָפ, אַז קריכען זאָל זיא אויף דיא גלייכע ווענד, טאַטע דערבאַרעמדיגער. דוא מיינסט אפשר, אַז איך האָב ניט געזעהען ווי דוא האָסט פשוט געשלונגען דיא שפּייעכץ קוקענדיג אויף איהר? אַז אַרויסקריכען זאָלען מיינע שונאים דיא אויגען דורכ׳ן פּאָ־טילניצע. דוא ביסט דאָך, כל־בוניק איינער, געזעסען וויא אויף שפּילקעס, ווי אויף הייסע קאָהלען ביסטו דאָך געזעסען! זאָג אַליין, האַ? שעהן אַזוי? אַנשטענדיג אַזוי?

האַ, וואָס זאָגסטו? ד׳ איז אַן אַלטע א מיאוסקייט? געוויס, איך וויים דאָס אַליין אויך! אָבער איז דאָס דען ביי דיר אַ חסרון? טפו, זאָלסטו ווערען, ביי דיר איז דאָך אַלעס רעכט, אַ קאַטץ, אַן אינדיק, אַבי אַן עוף אויף שבת! פרעמדע איז דיר געשמאַק, פרעמדע איז דיר ליעב און דיין אייגענע ווייב טויג ניט. דיין אייגענע ווייב פּיסטו מקצר דיא יאָהרען, מהוסט איהר אָן געברענטע ליידען, און וואָלט דיר אימיצער פרעגען, פאַר וואָס? פאַר ווען?

אַ סוף, אַן עק! ניחאַי וואָלט זיא כאָטש געווען אַ שעהנע, וואָלט דער פערדרוס ניט געווען אַזוי גרוים, אָבער וואָרפען אויגען אויף אַ פּאָס־קודסטווע, אויף איין אַלטע כאַלעריע, דאָס מהוט נור אַ שאַרלאַטאַן אַן אונמענש מהוט עס.

עס איז מעהר ניט, איך בין אַן איינגעהאַלטענע, איך פערביס דיא

ליפען און שוויינ, אַן אנדערע אויף מיין פלאַטץ, וואָלט דיר אַיינגעצאָהלט א פאָרציע, אַז עס וואָלט דיר געוואָרען פינסטער און ביטער.

הערסט אַן אַיינפאַל פון אַ משומד? אַז ער האָט שוין גאָר ניט מיט וואָס צו פערשאַפען דער ווייב קלעמענים, ווערט ער פלוצלונג כלומר'שט א גוטינקער און נעהמט איהר אין טהעאַטער און צו וואָס פאַר אַ פליי? אַזאַ מזל אויף דיר רבונו של עולם.

אָט איז שוין דיא דריטע נאַכט, אַז מיר חלומ'ט זיך אַלץ וויא דער פערליעבטער פער'סמ'ט זיך. און די כחות געהן מיר אויס פאַר שרעק, נו, נו, אַ מערכה האָב איך. אויף מיינע שונאים געזאָגט.

אַדיע, זאָגסטו? מען וועט שוין מעהר ניט געהן אין טהעאַטער? שור מייק! וואָס דען, איך וויל שטענדיג זיטצען אין הויז? זיין איינגע־שפּאַנט וויא דער אָקס אין סאָבע און ניט אָנזעהן דיא ליכטיגע וועלט? אַז ניט דערלעבען וועלען עס מיינע שונאים! עס חילט זיך דיר, אַז איך זאָל שטענדיג אין שטוב זיטצען, נאָך ניט אַזוי גיך! מיט וואָס בין איך עס ערגער אָדער זינדיגער פון אַלע ווייבער? זעה אפּיקורוס איינער, אונ־זער נעקסט־דאָרינער, אַזאַ שעהנער יונגערמאַן, אַ ביוט, עס איז דאָך פשוט א מחיה אויף איהם א קוק צו טהון, זיא ניט געשטראָפט זאָל איך ווערען פאַר דיא רייד, א קאַקאַרוטש, א מיאוסקייט און פון דעסטוועגען טריט ער איהר אַזוי פיין, עס מיידט דאָך ניט דיא וואָך וואָס מען געהט ניט א צוויי דריי מאָל אין טהעאַטער, און איך חנה פעסיל דיא בריה, די וואויל־געלערנטע זאָל זיטצען פערשפּאַרט אין הויז, וואָס איז? ווייל איך האָב יאַנקעל כלאָפ פאַר א מאַן. אַז ניט זוכה, אַז ניט רואה ועסטו זיין.

יאַנקעל רעד זיך גאָר ניט איין, אַז דו וועסט מיר פיהרען ביי דער נאָז, חנה פעסיל איז ניט פון די צוויי פאַר א גראָשען, חנה פעסיל אַז זיא וויל קען זיא אויך געבען פון אַ קנעפּיל רעשטע, עס איז מעהר ניט, עס ווילט זיך ניט נאָכגעבען דעם יצר הרע און איך שוויינ. זאָל בעסער מיינס אריבערגעהן.

וואָס? אויב איך וויל קען איך אליין געהן אין טהעאַטער? און דיר פאַסט אפשר ניט צו געהן מיט מיר? נאָך ניט! דיר אויף צופוקעניש, וועסטו ביי מיר אַפילו לויפען ניט געהן אויף טהו זיך א מעשה אַן, וואָס דען? איך וועל געהן אין טהעאַטער און איבערלאָזען די קינדער אויף

דיין השגחה? דו ווערסט דאָך זיי, גזלן צו ממית׳ן, אז אָסור מיר אויב מען מעג מיט דיר אין איין הויז זיין, דו ביסט דאָך ערגער וויא א וואלד גזלן, ביסטו דאָך.

וואָס בורטשעסטו דאָרט, הא? רייד ווערטער און לאָמיך הערען! קוק איהם נור אָן דעם נעבאַכיל, ער קען גאָר א הויך וואָרט ניט ריידען. וואָלסטו שוין טאַקי אזוי ניט געקענט וויא דוא קענסט נאָך צופיעל, וואָלט שוין געוועזן אָלל־ריים.

אַהאַ! דוא פּאָזוואָליעסט מיר הייסט עס, אז איך זאָל געהן מיט דיא קינדער אין טהעאַטער ווען איך וויל און דוא ווערסט זיטצען אין דער היים! דזענקויע פּאַנאַ זאַ לאַסקו. אוׂדאי האָסטו חשק, אז איך זאָל זיטצען אין טהעאַטער און האַלטען דזשייקעלען אויפ׳ן האַנד, נאָך ניט! וואָס איז? דוא ביסט חולה? א טאַטע ביסטו, אַזאַ יאָהר אויף דיר. דוא קעהרסט פאַר דיא קינדער, אַזוי וויא פאַר דער ווייב, און פאַר דער ווייב אזוי ווי פאַר די קינדער, יאַנקעל כלאָפּ, בלייבט יאַנקעל כלאָפּ.

יאַנקעל, דו ווערסט ביי מיר געהען, אויף אַלע פיער ווערסטו פויזען, וויל כל זמן חנה פעסיל לעבט, וועט זי זיך ניט לאָזען שפייען אין דיא קאשע.

8טער קאַפּיטעל.

טענות צו אקאטץ.

חנה־פעסיל זאָגט אָב א גרויסען מענה־לשון, בייזערט זיך אויף איהר מאַן, פאַר וואָס ער איז א גרויסער פעפער און אַטענדעט ניט צו ביזנעס, און עס האַלט שוין דערביי, אז זיא וויל איהם דיא באָרד אויסרייסען, — לסוף ווערט זיא זיך ארום, אז יאַנקעל איז גאָר ניטאָ, און זיא האָט גאָר דיא גאַנצע צייט גערעדט צו דער קאַטץ.

איינס... צוויי... דריי... פיער! — זאָל מעהר ניט זיין ווי פיער דער זייגער? — אזוי פיעל מכות מיין מאַן פיעל מעהר. זינגד ווען איך בלאָף שוין ניט, אודאי זייגער זעקס און אפשר נאָך מעהר.

וואָס מיינס איז ניט לייטיש, אפילו אַ זייגער אַ רעכטען אין הויז קען איך ניט האָבען. וואָס איך צו בעט זיך בײַ איהם, וואָס איך צו קליאַניע זיך: יאַנקעל טראָג אַוועק דעם זייגער פיקסען אָדער בײַט איהם גאָר אוים אויף אַ נײַעם, דער זייגער געדענקט שוין מלך סאָבעסקי'ס יאָהרען און עס איז שוין אַ שאַנדע צו האַלטען איהם אין הויז, און ער אַליין ניחאי און ניחאי, און איך דאַרף זיטצען ווי אין אַ טורמע און ניט וויסען ווען טאָג ווען נאַכט, אוי, ניט וויסען זאָל ער שוין, רבונו של עולם...

אָט אַזוי ווי מען זעהט סאַי ווינטער, סאַי זומער פעררוקט זיך עס אין אַ ווינקעלע, דרעהט זיך אויף ווי אַ קנויל און האַלט אין איין כראָפּען, אַקוראַט ווי ער זאָל שוין זיין אַ מאַן כאָטש פון אַ יאָהר אַכציג, טפו זאָל ער ווערען, ס'אַראַ מין מיאוס בעשעפעניש דאָס איז.

טאָמער האָב איך נעכטען מיט איהם געוואָלט רעדען אַ וואָרט. האָט ער קיין צייט ניט געהאַט, אַ בעזע בהלה אויף איהם געוועזן, וואָס איז, ער דאַרף געהן פּאָפּען, ער דאַ־ף בײַ נאַכט ערגיץ פאָהרען פאַר ביזנעס, לסוף איז שוין אַ דאַנק גאָט גרויסער טאָג און ער קלעהרט נאָך גאָר ניט פון אויפשטעהן. אַ שעהנער ביזנעס מאַן ביסטו, אַזאַ יאָהר אויף דיר! דיר פּאַסט דאָך אַזוי צו זיין אַ ביזנעס מאַן, ווי מיר פּאַסט, למשל, צו זיין אַ פּרעזידענטיכע.

וואָס איך האָב שוין דאַכט זיך אין דעם מענשען רייד אַרייננעלעגט, וואָס איך האָב שוין צו טענה'ט און כאָטש שיעס איהם אין מח. ווער קען זיך דען מיט איהם אויסטענה'ן? מיט איהם צו ריידען, דאַרף מען זיך פריי־הער מיט אַרבעס אָנעסען, שפּאַרט זיך עס איין אין אַ זאַך, וועט מען איהם ניט איבערשפּאַרען, כאָטש רעד פון היינט ביז מאָרגען, אַז דערשטיקט זאָלסטו שוין ווערען און דערוואָרגען, טאַטע זיסער.

בײַ לייטען זאָגט מען ביזנעס בעפאָר פלעזשור, און אַז יאַנקעל כלאָפּ האָט זיך אַרייננעמען אין קאָפּ שלאָפען מעג עס דונערן און בליטצען, מעג עס פון די ביזנעס, פון דער הויז ווערען אַ תל און ער טהוט זיך זיינס, זיין פּאַרציע מוז ער אָבשלאָפען, ווען עס זאָל אפילו די וועלט אונטערגעהן.

געוואַלד געשריען, לייטישע מענער רוהען ניט אַ מינוט, מען טהוט וויס איך וואָס, מען לויפט אין פייער און אין וואַסער, אַבי אַ סענט פער־דיענען, און מיינעם זאָל דאָס גאָר אַרען; יע, יע; ניין, ניין, אַז מען ברייגנט פערטיגע אונטערן נאָז, איז אַלע־רייט און צו ליגען אַביסעל מיה, ניט דערשלאָפען אַ שטונדע דאָס ניט, דאַמאָלס איז ער אין דער היים ניטאָ! דאַריבער האָסטו אַ חלאת, וויא מען בעט זיך אויס, אַזוי שלאָפט מען.

אָבער זעה נור, אַ משומד קען, ער זאָל דאָס כאָטש אַ וואָרט ענט־פערן. ווי זאָגט יענער: טי מואוו אַ יאַ זדרוואוו, וואָס איז ביזט דאָרט בע־נומען געוואָרען? זאָלסטו שוין אַזוי ניט הערען, וויא דו הערסט, נור בײַ דיר איז אַ קרן, אַז דיא ווייב גריזשעט זיך. אָבער מיין ניט יאַנקעל אַז איך וועל מיר שטאַרק צום האַרצען נעהמען, אַביסעל וועל איך דאגהן און דיא רעשטע אויפהערען. שטאַרקער וויא לאָקשען אָהן אייער בין איך ניט.

וואַרט יאַנקעל! עס וועט אויסגעהן צו דיין קאָפּ, וועט עס אויסגעהן דו וועסט דיא ביזנעס פערלאָזען, וועסטו געהן קלאַפּען מיט׳ן אייזען וויא אַנדערע טהוען, איך וויל פון קיין זאַך ניט וויסען, כאָטש הענג און מיר ברייננ, דוא האָסט אַ ווייב מיט קינדער, גיב זיי עסען, פון מיינעטוועגען אַקער מיט׳ן נאָז דיא ערד, בעגנב׳ע אַ קלויסטער און מיר זאָל ניט פעה־לען. יאַנקעל דו טהוסט נור זיך אַליין, געדענק, אַז חנה פעסיל האָט עס געזאָגט.

איך וואָלט אויף צוקאָוועס אַ בעלן געווען צו זעהן וואָס וועט דאָ זיין, איך וועל דיר דעם מאָל לאָזען ליעגען. אַלבעטשע, אַז דוא וועסט אפילו ביז מאָרגען אין דער צייט אויך ניט אויפשטעהן, מיט דיר איז דאָך שטענדיג אַזוי, מען דאַרף דאָך דיר מיט פלעקער הויבען וויא אַ פוילען אָקס. צייט איך לעב האָב איך נאָך אַזאַ ליעגאַטש ניט געזעהן.

ער זאָל זיך עס גאָר אַ ריהר טהאָן, ער זאָל דאָס גאָר אַ פּיפּס מהאָן, אָט אַזוי ווי גאָר אויף דער וועלט ניטאָ, וועה צו מיר, וועה צו מיר, מיט וועמען איך דאַרף מיינע יאָהרען פערברייננען.

עס ווילט זיך מיר ניט נאָכגעבען דעם יצר הרע, עס ווילט זיך מיר ניט מאַכען באַוואָריעס, אָבער קען מען זיך דען איינהאַלטען? מען דאַרף

ראָך זיין איינע פון דיא אִמהות צו זעהן אזעלכע צרות און שווייגען. דיא גאָל ווערט דאָך, שונאי ישראל צופּלאַצט. ווי מען זאָל זיך ניט ווערען איינהאַלטען מוז מען דאָך פון געדולד אַרויס, מען איז דאָך ניט מעהר ווי אַ זינדיגער מענש, ניט קיין מלאך איך קען עס שוין מעהר ניט איבערטראָגען. איין גאָט אין הימעל איז מיין עדות.

יאַנקעל דוא שטעהסט אויף צו ניט. וואָרום זויא דוא זעהסט, דייט איך דיר דיין ציגענע בערדעל אוים! איך האָב שוין דיא שאַנדע פון זיך אַראָבגעוואָרפען, איך קער שוין פאַר קיין זאך ניט, אדרבא זאָלען אַלע ווי־סען, זאל די וועלט וויסען ווער דו ביסט, וואָס אַ שעהנער מענש דו ביסט זאָלען לייט פסק'ענען ווער עס האָט רעכט!

נו, דו ליגענסט נאָך אַלץ, אַז ניט זוכה, אַז ניט רואה ועסטו בּיי מיר זיין! זעה נור וויא ער טוליעט זיך אין ווינקעלע אַקוראַט ווי אַ קאַץ. וואָרט נאָך אַביסעל, וועל איך דיר אַזוי מאַכען, אַז מען וועט אויפלויפען אויף דיין בּעז וואונדער! אַ קלאָג צו דיר אַ בּראָך צו דיר, וואָס בּין איך ביי דיר אַ צויג?

טפו זאָלסטו ווערען, דער תכשיט מיינער איז גאָר ניטאָ? אומזיסט און אומנישט האָב איך מיר אין הארצען איינגעריסען רעדענדיג. גיראָדע היער פּוסי קיין אַנדער אָרט האָט זי ניט, נור אין בּעט! געה אין דער ערד ווער פערבאַפּט צוזאַמען מיט'ן בעל הבית! אַ כּפּרה זאָלט איהר בּיידע ווערען אין איין טאג און איך זאל פון אייך פּטור ווערען.

האָסטו געהערט אביסעל? אַזאַ ימח־שמוניק, אַזאַ משומד, נעהמט אַוועק און זאָגט גאָר ניט! ווי זענענט מען זיך עס ניט מיט אַ ווייב און קינדער? וואָס הייסט עס אַ מענש זאל זיך אַרויס־גנב'ענען פון שטוב? סיידען, איך וויל עס פון מיין מויל ניט אַרויסברענגען, ער וועט ניט דער־לעבען קומען, איך וועל איהם שוין איינצאהלען אַ פּאַרציע, אַז ער וועט האָבען צו געדענקען, איך וועל איהם שוין ציינען ווער עלטער איז.

פטער קאפיטעל.

הכנות צו אחתונה.

דיא חתונה איז גראדע פון יאנקעל'ס צד. לאזט זיך, פלושר'שט, חנה־פעסיל בעטען, עם געפעהלען איהר ניט דיא מחותנים, עם געפעהלט איהר ניט דיא כלה, אגב פעהלט איהר אויס א קלייד און אנדערע מכשירים, וואס מען דארף צו א חתונה. בינו לבינו שפיעלט זיא אויף איהר מאן א חתונה'קע אחן פלי־זמר און עס פעה־געהט איהם אוש דער אפעטיט פון דער אמתע'ר חתונה.

ציים איך לעב, צייט איך שטעה אויף מיינע פיס, האב איך נאך ניט געזעהען, אז א מענש זאל זיין אזוי אריינגעטהאן אין שראפען. בע־היט און בעשירמט זאל מען ווערען, וויא עס שטעהט נור אן די נאכט פאוואליעט זיך עס אין בעט און ליעגט ווי א נבלה. ביי איהם איז דריי־אדער דרייצעהן, אדער ער שלעפט זיך אום גאנצע נעכט אויף מיטונגען, שטימונגען און אלע כאלעריעס, אדער ער ליעגט און דערלעבט ניט אויפצושטעהן.

אום גאטעס ווילען, אזא נאכט א יאהר, ווי ווערט עס ניט מיאוס ליגענדיג? דאכט זיך אפילו קרעפלאך עסען ווערט אויך מיאוס, איך האב שוין אויף נאמנות קיין זייטען ניט און ער האלט אין איין כראפען.

מען וואלט כאטש זאגען, דער מענש האט זיך איבער'ן טאג אנגע־הארעוועט, איבערגעפרווירען ווי אנדערע מענער, דאכט זיך דוא הויבסט זיך ניט איבער, ווי וואלט שוין געווען, ווען דוא וואלסט זיין אן אפריטאר אדער א בינלער? וואס איז, עס פאסט דיר ניט, אזא געזונטעניש. אזא מויער.

זעה נור, אפיקורום איינער, אונזער נעקסט דארינגער, א יונגערמאן מיט גאלד צוגלייך, ווערט נעביך פערפינסטערט אין שאפ, קלאפט מיט דעם אייזען פון פריה ביז שפעט אין דער נאכט. פון דעסטוועגען, אז ער

קומסט אהיים, איז ער א מענש: זיצט, שמועסט, דערציילט מעשיות, און אויף מיר איז א שטראף פון גאט, איך האב נאר קיין מאל קיין זכיה ניט צו הערען פון מיין מאן א גוט ווארט.

אט געהט דיין קוזינע חתונה האבען, דיין קוזינע, ניט מיינע, ווי איז מען עס אזוי און מען זאגט ניט: חנה פעסיל, טשארט, טייפעל, מען דארף זיך עפעס צוגרייטען צו דער חתונה?

דוא האסט מיר געזאגט? אלץ הייסט געזאגט! אז ניט האסטו דאס געמיינט מיט אן אמת? זאל איך שוין אזוי ניט קריינקען! דוא שטעהסט אום דער ווייב, אקוראט ווי א הונד אום א פינפטע פוס! עס איז מעהר ניט פון יוצא ווענען האסטו א מורטשע געטהאן צווישען די ציינער. איך קען דיר יאנקעל, הלואי וואלט איך דיר בעסער ניט געקענט.

דוא מיינסט אז איך רעד עס איבער, ווייל מיר פעהלט אזוי דיין חתונה? איך זאג דיר, אז עס פעהלט מיר אזוי די חתונה אקוראט וויא א לאך אין קאפ. צו וועמען וועל איך דארט געהן? מיט וועמען וועל איך זיך דארט אמוזירען, מיט די כלאפעס? מיט די גראביאנעס פון דיין האר־ציגע משפחה?

ווייסט זיך, יאנקעל, אביסעל אויסווארטען, מיר ליעגט נאך ב״ה אין מאגען מיין אייגענע חתונה, פעהלט מיר נאך פרעמדע חתונות! מעהר געהט מיר ניט אב מיינסטו! עס איז מעהר ניט פערדראסיג, פאר וואס זאל ביי א מאן רעכט זיין געהן צו א שמחה אהן דער ווייב.

מיר וועלען ביידע געהן, זאגסטו? שור איך וועל לויפען! א וואזשנע מעצאצע, קען שוין זיין עפעס רעכטס, אז די כלה שטאמט פון דער משפחה כלאפעס? אט דאס וועט אימעצען איינשלאגען א דונער, אזוי ווי מיך האט איינגעשלאגען. דער בחור מעג זיך בעגראבען לעבעדיגערהייד, איידער ער קויפט זיך איין אין דיין יחוס, נו, א משפחה, בעהיט זאל מען ווערען.

מעהר ווי דאס ווייסטו ניט, זיך אומקעהרען מיט׳ן פנים צום וואנד און אויס יאנקעל! טאמער רעד איך אויס א ווארט מהוט ער זיך א דרעה איבער און א סוף, ניטא קיין יאנקעל! א קלאג צו דיר, א בראך צו דיר, אט אזוי לעבט מען מיט א ווייב? אויב דיין קוזינע וועט זיין געראטען

אין דיר. וועט דער מאַן איהרער האבען א גוטע מערכה, ניטא וואס צו רעדען.

סטייטש! וואו איז דאס געהערט געווארען, וואו איז דאס געזעהן געווארען אַז אין מאַן'ס משפחה איז אַ שטיקעל שמחה זאל די ווייב דערפון נאר ניט געניסען? וויא האט מען דאס קיין שאנדע ניט, קיין בושה? אפילו ווען איך זאל בייא דיר זיין א דיענסט, ניט קיין ווייב, האסטו דאך מיר אויך געדאפט מיט נעהמען. שוין ניט אַזוי פאר זיך, ווי פון לייטענס ווערגען. אבער יאַנקעל כלאפ קעהרט פאר עפעס? זאלען שוין אזוי מיינע שונאים געזונד זיין.

ווער זאגט דען אַז ניט? פרעגט ער, אַז ניט דאַרפסטו נאך זאגען? איך פערשטעה אַליין ניט וואס דו מיינסט? וואס בין איך עפּעס אַ יעקעלע נאַר? ווען דו וועסט זיך אַפילו אויסציהען, וועל איך דיר ניט גלוייבען אַז דוא ווילסט איך זאָל אויף דער חתונה זיין. איך ווייס, אַז איך וועל דיר דאַרט שטעהן ווי א ביין אין האלז און דו ווילסט זיך פון מיר אויסדרעהען, אז פערדרעהט זאל דיר ווערען דער מות, הארציגער פאטער.

און איך פרעג דיר אדרבה, זאל זיך דיר דאַכטען אַז איך געה טאַקי צו דער חתונה, האסטו שוין פערזארגט, אז איך זאל האבען וואס אנצוטהאן? וויא דענקסטו, איך וועל דיר געהן צו דער חתונה ווי א שלעפערקע? נאך ניט! אז געהן, וויל איך געהן ווי אַ מענש, איך דאַרף, פערשטעהסטו מיך האבען א דרעס, אַ שעהנעם פאכער, א פאָר ווייסע גלאָווס און ווען ניט, שטיק זיך און וואַרג זיך מיט דער חתונה.

אַזו? מאַכען זיך אַ דרעס און קויפען גלאָווס? גוט וואָס דו פאַזוואָליעסט מיר! אַז ניט מיינסטו אין אמת'ען, אַז איך פרעג ביי דיר. שעהן וואלט איך אויסגעזעהן, אַז איך זאָל ביי דיר אַלעס אנפרעגען, אז איך וויל ווען מאַכען א קלייד, וועל איך מאַכען אָהן דיין חתונה אויך, און אַז דו וועסט ניט וועלען ליידען וועסטו זיך פוטער אַריינטהאן.

אבער ווער רעדט דאָ דערפון? עס ליגט מיר אפילו אין דער לינקער פּיאַטע אויך ניט. עס איז מעהר ניט איך האב אויף צוקאָוועס געוואלט זעהן וואס פאר א מינע ער וועט מאכען. ווען איך געל איהם זאָ-

גען, אז איך געה ניט צו דער חתונה? אָבער האט עס איהם עפעס גע־קימערט? אפילו א האר אויך ניט. ער איז נאך מלא שמחה געווארען, וואס איך וועל דערביי ניט זיין און ער וועט דארט קענען הוליען מיט וועמען ער וועט וועלען.

אבער נאָוסערי, דוא האסט יאנקעל אַ גרויסען טעות! וויל איך ניט געהן ווילסטו אויך ניט געהן. מעגסט זיך אַפילו שטעלען מיט'ן קאפּ אַראב, מיט דיא פיס ארויף. איך וועל דיר ציינען, אז חנה פעסיל האט אויך אַ דעה.

10טער קאפּיטעל.

נאך דער חתונה.

יאנקעל ווערט עפעס ניט געזונד. זאָגט חנה־פעסיל, אז איינס פון דיא ביידע האַט איהם פערשאדט: ענטוועדער ער האַט זיך איבערגעגעסען, אָדער ער האַט זיך איבערגעטאנצט מיט מיידלאך צי מיט ווייבלאך. אין מיטען איז איהר דיא חתונה גלאַט ניט געפעהלען, און זיא האַט מענות צו איהר מאן, פאַר וואָס ער איז גאַר געגאנגען אהין און נאך איהר אויך מיטגעשלעפט.

ניט אנדערש א בער אין וואלד איז גע'פגר'ט, חידושים אויף נאמנות, יאנקעל זאל ניט שלאפען! אין וועלכען קוימען פערשרייבט מען דאס?

וואס ווארפסטו זיך, וואס שליידערסטו זיך אזוי? ער האט מיר שוין די זייטען אבגעקלאפט, אזא מאכיניע, אזא באנדורע!

וואס? דער בייבעלע טהוט דיר וועה? א כפּרה פאר א משוגענעם הונד. מסתמא זיך איבערגעפרעסען אויף דער באסליערא. וואס דען, אז יאנקעל בלאַז באפט זיך צו, ווייס ער דען ווען אויפהערען? אוי פינסטע־רער מזל מיינער, וואס די ווייב קאכט געשוועלט איהם ניט און אין דער דער פרעמד וואלט ער אפילו געפרעסען איך וויל שוין ניט זאגען וואס...

דוא האָסט גאָר ניט געגעסען? נעבּיך א צער בּעל החיים. גאָר אין דיין מויל ניט געהאַט, זאל דיר עסען ווערים, דו עסט דאָך קיין מאָהל ניט, פון וואס זשע, פרעג איך דיר בּיזטו אַזוי געזונד? געוועזר מאַי, פון על חטא, ווערט מען ניט פעט.

געוואַלד, שרייט ער, ער האָט גאָר ניט פערזוכט, דערצעהל דאָס דעם גראָבען פּאָליסמען! ווען דוא וועסט אַפילו צוריסען ווערן שרייענדיג, ווען דוא וועסט אַפילו ליגען אַ צלם אויף אַ צלם, וועל איך דיר גלויבען? אודאי, יאַנקעל כלאַפ וועט זעהן פאַר זיינע אויגען פלייש, האַלושקעס מיט פיקעל און זויערע קרויט און ווען ניט עסען! זאלען שוין מיינע שונאים אַזוי לעבען.

איך זאג מיינס: אומזיסט טהוט דער בּויך ניט וועה. האָסטו זיך ניט איבּערגעפּרעסען, האָסטו זיך איבּערגעטאַנצט. דיין גאַנצע חיות איז דאָך ווען דו כאַפּסט אַ האָפּקע מיט אַ מויד, ווער ווייס? אפשר דיא קישקעס איינגעריסען טאַנצענדיג? אָבּער דער שוואַרץ יאָהר וועט דיר ניט נעהמען, דו בּיזט דאָך אַזוי וויא אַ זיוואָשצע קאַטץ, בּיזטו דאָך, אָט דאַכט זיך ווערסטו פּערכאַפּט און פלוצלונג לעבסטו אָב און בּיזט ווידער מקצר דער ווייב די יאָהרען.

ווער האָט דיר געזעהען עסענדיג, ווער האָט דיר געזעהען טאַנ־צענדיג, פרעגסטו? וואָס האָסטו געוואָלט איך זאל נאָכגעהן און וואַטשען דיר? אין גאָט דער לעבּעדיגער אין הימעל וויים, אַז קוים וואָס איך לעבּ, קוים וואָס איך שלעפּ מיינע פיס, איך קען אסור די שטוב אַריבּערגעהן, פעהלט מיר נאָך נאָכגעהן און היטען מיין מאַן! איך בּין דאָך בּ"ה אַזוי אויך אַ גרויסע גיבּור׳טע און אויף דיין כּאָסליערא בּין איך גאָר אוים מענש געוועזן.

ווער האָט מיר געהייסען געהן, זאגט ער! געזעהען אַ חוצפּה! איך זאל אַלעם ווארטען אויף דיין הייסען, וואָלט איך שוין לאַנג אַפילו עסען און טרינקען פאַרגעסען. אַז ניט זאָרגסטו עפּעס פאַר דער ווייב? אַבּי דו גיסט זיך נאָך די שמה, פאַר דער ווייב און די קינדער אַרט דיר וויא דער פאַר אַ יאָהריגער שנעע.

דו מיינסט איך פערשטעה ניט? אָהאָ מיר דאַרף מען קיין פינגער אין מויל ניט אַריינלעגען. איך ווייס, דיר איז אַ וועהטאָג אין הערצעלע

טאָמער האָט דאָך די ווייב א ביסעל פאַרגניגען געהאַט, דוא ציטערסט טאָמער האָב איך זיך אויך ענדזשויעט, קען איך דיר אָנזאָגען די בשורה טובה, אַז ניט. אַזעלכע פאַרגעניגענס זאָלען מיינע שונאים האָבען אויף זייערע קינדערס חתונות, וואָס פאַר א פאַרגניגען איך האָב דאָרט געהאַט.

הלואי זאָל איך פון דער חתונה גוט אָבשניידען, הלואי זאָל זיין א גוטער סוף, עפּעס אַ קליינינקייט, זיך אזוי פיעל אָנגעפּלאָגט א גאַנצע נאַכט צווישען אַזא כאַליאַסטרע, מען האָט דאָך געקענט דול און משוגע ווערן. דער האָל איז אויף אַ היהנערשע פיסעל און מוידען האָט מען אָנ־געטריבען פון גאָר דער וועלט. מען האָט דאָך מיר די זייטען אָבגעריבען, צוטרייסעלט האָט מען מיר, אַז טרייסלען זאָל מיינע שונאים קדחת.

שעהנע מחותנים זיינען דאָרט געווען! אפילו איינעם אַ רעכטען האָט מען דאָך ניט געזעהן. דורכאוים שור בור, עס האט מיר, אויף נאמנות, דער פּנים געפּלאַמט, אזא חן זאלען זיי האבען ביי גאָט, וואָס פאַר א חן זיי האָבען ביי מיר.

אוי, אוי, אוי! זעה נור וואס פאר אן אָנשטעל ער מאַכט, וויא ער איז דאס אַביסעל צופּיעשצעט. אַקוראַט ווי אימיצער זאל דאם איהם טאָהן! פרעס זיך ניט איבער, האָפּע ניט אזוי פיעל מיט מוידען וועט דיר דער בייכעלע ניט וועה טאָהן.

וויא? דו האָסט נאך אלץ ניט געטאַנצט, אַלץ ניט געגעסען! זעה נור אַ טְרפה נע יוכע דאָס איז, דאַכט זיך דיא נשמה איז שוין אויפ'ן שפּיץ נאָז, דאַכט זיך אָט, אָט פּגר'ט ער אוועק און וויל זיך נאָך אלץ ניט אונטערגעבען, וואס דען האָסטו דארט אפיקורות געטאָהן, תפילין געשריבען.

אַזוי? דו ביזט די גאַנצע צייט געזעסען לעבען מיר? אָבער וואו איז דיין הערצעלע געווען? וועמען האָסטו אין זינען געהאט? נישט־קשה חנה פּעסיל פערשטעהט אַ געשעפט. איך וויים אז עני פּאסקוטסטווא, עני מיאוס'קייט, איז ביי דיר ליעבעד וויא דיין איינענע ווייב. נור דוא קענסט זיך נעביך ניט העלפען. דוא מוזט זיך האַלטען מיט דיין צרה, כאטש שהו דיר א מעשה אן.

ניט האקען דיר אין קאפּ, אז אך און וועה איז דיר! אפשר וואלסטו

דאָס אן אנדערער אויך געזאגט? לעבסטו אזוי, בײַ דיר איז דאך רעכט מיט אימיצען אנדערש אבצובאלאקען גאנצע נעכט און אז די ווייב זאגט א גלייכע זאך, איז דיר שווער צו הערען, ניט הערען און ניט זעהן זאלסטו שוין, רבונו של עולם.

אבער יאנקעל, איך וועל דיר נאך געבען פעפער שמעקען, איך וועל נאך דיא חתונות דײַנע ארויסשלאגען באקאם. ווען חנה פעסיל וויל קען זי אויך געבען פון א קנעפיל רעשטע.

11טער קאפיטעל.

חנה־פעסיל נעהמט פאמיליע „פיקטשורס״.

ויא מיט יאנקלען מיט דיא קינדער לאָזען זיך פאָטאָגראַפירען. יאנקעל געהט בריינגען
דיא בילדער פון פאָטאָגראַפער און פערזאמט זיך. חנה־פעסיל דארף גראדע
ניט אויסגערעדט זאָל עס זיין, ערגעץ געהן. און ווען יאנקעל געהט
בריינגען דיא בילדער, געפעהלט איהר ניט וויא ער זיצט,
איינס מיט'ן אנדערען קלייבט זיך צוזאמען א
פעקעל און ער כאפט א היבשען פסק.

שלאָף שוין, שלאָף קליינע שווארץ יאהר, ווארום וואס מיר קלעמט אויף מיין הארצען וועל איך באלד אויסלאזען צו דיר מיט דיין טאטען צוזאמען.

שלאָף זשע, שלאָף זשע, פייגעלע,
מאך זשע צו דיין אויגעלע,
שיינע צירעלע האסט אן עין־הרע,
זאל דיין טאטע ווערען א כפרה.

שוין, אויף נאמנות, לאנג צייט געווען. אביסעל אוועקגעגאנגען געווארען. מען האט שוין דאכט זיך געקענט קומען פון יוראפ. אנגעזאָגט איהם דאכט זיך טויזענד מאל: יאנקעלע זאם זיך ניט, קום באלד צוריק,

אבער א נעכטיגער טאג! געהט ער אוועק פערגעסט ער צו קומען. אוי, פטור זאל איך שוין ווערען פון מיין חושך'דיגען מזל.

ביזט שוין וויא עס איז אראב געפאהרען, גוט שבת יאכנע! נישט־קשה'דיג ערגיץ אבגעזעסען, א מענש זאל זיך א מינוט, א רגע ניט איינ־האלטען אין הויז, ניין מאס רייד האט דאך דאס, פערקלייבט ער זיך ער־גיץ, קען ער אבזיטצען א גאנצע נאכט ווי ווערט עס דאכט זיך א מענ־שען ניט מיאוס באלאקענדיג? און פרעג וואס? אסור מיר איוב עס קלעפט זיך איין ווארט צו א צעהנטען.

איך זמיץ, שונאי ישראל ווי אויף שפילקעס, די אויגען קריכען מיר ארויס אויסקוקענדיג איהם און ער איז ניטא! ניט אויסגערעדט זאל עס זיין, מען איז דאך א אידישע טאכטער, מען דארף ערגיץ געהן... און דא איז שוין אזוי שפעט און יאנקעל כלאפ איז אזוי ווי אין דער ערד אריין. היינט וויא געהט מען אוועק און מען לאזט איבער קליינע קינדער אליין אין הויז?

איך פרעג דיר מעהר ניט, יאנקעל ווי האט מען עס ניט גאט אין הארצען, ווי לאזט מען עס א ווייב מיט קינדער אויף גאט'ס בעראטה? ווי איז מען עס אזא שטיק בהמה און מען טראכט ניט איבער, אפשר דארף די ווייב ערגיץ אוועק געהען?... אט פרעג דיר בחרם, דו ווייסט אזוי וואס מיט דיר טהוט זיך, אזוי ווי איך וויים א שטעגער וואס ערשט טהוט זיך אין ווארשוי היינט געה לעב אויף דער וועלט מיט אזא מנוול מיט אזא שטיק פלייש מיט צוויי אויגען.

אבער איך רעד שוין ניט דערפון, א כפרה ביסטו, איך בין שוין ב"ה געוואהנט צו צרות, ווי דער מוק צום האמער, אבער עס איז דאך אהן אלעמען פערדראסיג פאר וואס זאל דאס אזוי זיין? א סוף, דוא האסט ליעב צו גאסטירען זיך, דו האסט הנאה צו זיטצען אין פרעמדע הייזער ניחאי וואלסטו, ימח שמו'ניק דוא, כאטש פון יוצא ווענגען א מאל אין זי־נען האבען מיטנעהמען דער ווייב אויך, וואס מיינסטו, נור דוא ביסט א מענש און דער אנדערער גאר ניט? לייטישע ווייבער געהען אוים, פאהרע אוים. און אויף מיר איז אויסגעגאסען געווארען גאטס צארן! איך וויים דע עפעס פון א לעבען? זאלען אזוי מיינע שונאים וויסען פון זייער געזונד גאר ניט! א מענש זאל זיך אוועקשלעפען אויף דריי זייגערנע שעה.

איך האָב איהם דאָך געשיקט נאָך די פּיקטשעס, זאָגט ער! נאָכן מלאך המות וואָלט דיר נוט געוועזן צו שיקען. ווי ווייט איז עס? דאַכט זיך אַז מען האָט זיך שוין אין דער צייט געקענט קירעווען צעהן מאָל הין און צוריק און לסוף האָסטו דאָך מסתמא דיא פּיקטשעס ניט געבראַכט! קעטצישער מח דוא, אַז ניט געדענקסטו נאָך וואָס דוא געהסט?

דוא האָסט געבראַכט? אַ דאַנק גאָט, אַבּי כאָטש געבראַכט... חאַ, חאַ, חאַ, כאָטש בּיעדאַ טאָ האָטץ, האָסטו געזעהען אויף דיין לעבען אַ פּיקטשער? אויפ'ן וויסטאַווקע אַרויסצושטעלען! אוי, אַז אָך און וועה איז דיר, ווי אַ רעגולע סטראַשידלע זעהסטו דאָך אויס, כאָטש נעהם און שטעל עס אַריין אין אַ גאָרטען צו שרעקען די היהנער, ווען אַ מעוברת'ע אידענע זעהט עס, וואָלט זי זיך געוויס פּערקוקט.

בּעטראַכט נור אַ פּאַרצונקע; אַ נעזעלע, וויא אַ העזעלע, אַ מייל-בּעלע ווי אַ קיילבּעלע, אַ פּאָר אויגעלאַך, ווי בּויגעלאַך, טאַקע פּשוט צו שניצען, צו מעהלען, אין קוימען צו שטעלען. פּערקרימענעש, פּערלאָמער-נעש, אַזאַ מזל אויף דיר!

זעה נור אַ מענש זיצט! וואָס, בּיסט דאָרט אַנטשלאָפען געוואָרען זיטצענדיג? שאַנדע און שפּאָט, ווי שיקט מען אַזאַ פּיקטשע צו אימיצען? אַז אָך און וועה איז מיר, אַזוי פיעל גערעדט, אַזוי פיעל גע'טענה'עט, מיט גרינע ווערים איז דאָך מיר אָנגעקומען בּיז איך האָב בּיי איהם גע'פּועל'ט, אַז מיר זאָלען נעהמען פּיקטשעס, לסוף נא דיר! וואָס מייגס איז ניט לייטיש!

דאַכט זיך אַזוי פיעל געדרייבעט אין מח: יאַנקעל, אַזוי זאָלסטו זיטצען, יאַנקעל, אַזוי זאָלסטו האַלטען דעם קאָפּ, יאַנקעל, אַזוי זאָלסטו קוקען, יאַנקעל, אַזוי זאָלסטו האַלטען די לאַפּעס, האָט דאָך יאַנקעל כלאָפּ מסתמא, מיר אויף צו להכעיס, געדאַרפט מאַכן קאַפּויר! נו, נו, בּעשערט מיר יאַדאַטע, בּעשערט מיר קלעמענים, האָט מיך, שונאי ישראל, דער טייוועל אָנגעטראָגען צו געהן נעהמען פּיקטשעס.

אַ וועהטאָג אין האַרצען, איך זאָל אַזוי געזונד זיין, גענומען בּידים און איבּערגעפיהרט אַזאַ שעהנע פּיקטשע! איך בּין אָלל-רייט, די קינדער זיינען אָלל-רייט, אַ נחת צו קוקען, נו, איז אָבער אין מיטען דער סטראַשידלע ניט געשטראָפט זאָל איך ווערען פאַר דיא רייד.

עס איז אַ גאַנץ שעהנע בילד, זאָגט ער נאָך! שור, ביזט אַזא מבין, ווי אַ חזיר אויף הייוועז. אַ קלאָג צו די יאָהרען, אַז יאַשקע פאַרך איז אויך אַ כלי־זמר! ווער עס האָט קיין שעהנערע בילד ניט געזעהן, זאָל יענעם די אויגען אַרויס.

אָבער אַז ניט, משומד, ווייסטו ניט, אַז דיא פיקטשע טויג אויף טור־זענד כפרות? דו האָסט דאָך דאָס עקסטרא געטאָהן, כדי איך זאָל זיך ער־גערען, דו קוועלסט דאָך גאָר אַן ווען די ווייב ערגערט זיך, קיין גרעסער רעַן נחת זאָלסטו ניט האָבען כל זמן דוא וועסט לעבען!

פאַר וואָס, ווי פאַר וואָס, פאַר דיא פיקטשעס וויל איך דיר ניט שווייגען, דיין טרפה'נע מערכה וואָס איך האָב ערשט קיין צייט ניט, איך מוז אַוועקגעהן, אָבער זיי זיכער, אַז דוא וועסט שוין פערזאָגען א צעהנטען מיט מיר צו פראַווען צו להכעיס, ווארט, ווארט דיא פיקטשעס וועלען זיך דיר אָבגרעפסען.

12טער קאפיטעל.

דיא שלח מנה.

יאַנקעל קויפט אַ פאָר דיימאָנד אוירינגלאַך און וויל סורפרייזען זיין ווייב מיט אַ שעהנע שלח מנות. חנה־פעסיל געפינט עס און זיא איז איהם חושד, אַז ער האָט עס געקויפט פאַר אימיצען אַנדערש. — נו, נו, שפיעלט זיא איהם אויף אַ פורים־שפיעל, אַז עס איז צעהן בראָכען צוא איהם.

טאָמער וואָלסטו שוין אמאָל אויפגעהערט חנה פעסלען? אַ גאַנצע נאַכט פערמאַכט זיך איהם דער מויל ניט, ווידער חנה פעסיל און אָבער חנה פעסיל, שוין מיאוס און מאָוס געוואָרען הערענדיג, טשע־פעט ער זיך איין אין אַ זאַך, איז אַזוי ווי אַ פעך, אַזוי ווי א סמאָלע, מען קען זיך גאָר פון איהם ניט אָבטשעפען, ראַז הוסטאַ, ראַז פוסטאַ; אדער עס געהען אַוועק טעג מיט נעכט און מען הערט פון איהם אַ וואָרט ניט, אָדער ער הויבט אָן צו רעדען, פערגעסט ער ווען אויפהערען.

וואָס האָסטו זיך אָן מיר אנגעטשעפּעט מיט דיינע שלח מנות? ווער בעט דיר אזעלכע טובות? ווי זאגט א גוי להבדיל: ני דאי, ני לאי; איך וויל ניט דיין האניג, איך וויל ניט דיין ביס; איך ווייס דאך, אז ווען דזא וועסט מיר קויפען א שלח מנה, וועסט דאָך מיר נאַכדם באָקאָם אַרויסשלאָגען, בין איך, דיר מוחל; זיי מיר ניט קיין פעטער און נעה מיר ניט קיין שיך.

דוא מיינסט אַפּנים, יאַנקעל, אַז איך פערשטעה זיך ניט אויף דיינע שמד-שטיק? ניט געטראָפען דעם אָרט! איך בין נאָך אויף נאמנות אַזוי קלוג ווי דו, בין איך נאָך. איך ווייס אז יאַנקעל כלאָפּ וועט ניט ווערען פלוצלונג אַזוי גוט; יעדער וואָרט, האָט זיין אָרט, דו ווילסט מיר מסתמא פערשטאָפּען די האַלז מיט עפּעס אַ כאדאָבע, אַבי איך זאָל דיר לאָזען שי־קען שלח מנות צו דיין האַרציגע שאַמפּאָבע, אָבער נאָוסער! המן׳ס מפּלה וועסטו ביי מיר האָבען, אויב דו וועסט אימיצען שיקען וואָס אַ גראָשען איז ווערטה, איך וועל דיר אויפשפּיעלען אַ פּורים-שפּיעל, אַז דו וועסט מיר האָבען צו געדיינקען כל זמן דו וועסט לעבען, פּרוב נור אדרבא. לאָמיר זעהן.

פאַר וואָס ניט, פרעגט ער! פאַר וואָס יע? וואָס איז, דו האָסט גאָר ניט קיין בילבערע ערטער וואו געלד אויסברייננגען? אַ קאַטאָוועס, אַ מצוה וועל איך אָן זיי פערדיענען! דעם זכות פון אזעלכע מצוות, זאָל איך גער ניסען אין אַ שיסעל קרעפּלעך.

אַזוי? דיין אָרימע קוזינע, די אלמנה נעביך, אַ קליידעל קויפען? פרישלאַ קאָזאַ דאָ וואָזאַ! קוים אַרויפגעקומען אויפן אמת! זעהסטו שוין האַ, אַז פאַר חנה פּעסלען איז קיין פערבאָרגענע זאַך ניטא? יענער איז נאָך ניט געבוירען געוואָרען, ווער עס וועט מיך נאַרען.

נו, אַ וועלט, הימעל און ערד און שווינדעל! אַפילו אָן אייגענעם מאַן קען מען אויך ניט געטרויען, פריהער לאָשצעט ער זיך ווי אַ הונד און צום סוף טהוט ער דאָך אַ ביס! אַז בייסען און רייסען זאָל עס מיינע שונאים. הערסט יאַנקעל, עס וועט דיר מעהר ניט פעהלען, אויב דו וועסט אויף איהר איין סענט ספּענדען! וואָס איז עפּעס אַ אידענע זאָל זיך אָנ־הייגען אויף מיין קאַרק? וואָס בין איך עפּעס אַ מיליאָנערקע? זאָל מיינע שונאים אַזוי שווער אָנקומען די גסיסה, ווי שווער עס קומט אָן ביז מען פערדיענט אַ סענט.

ער גיט איהר דאך גאר ניט, זאגט ער! אודאי! ווער זאל אזוי לעבען, איך צו דו? אז אח און וועה איז מיר, וואו מיין געלד קומט אהין. איך האב דאך געקענט זיין א גביר'טע, אן עושר'טע, האב איך דאך געקענט זיין, ווען איך זאל האבען א לייטישען מאן, שעהמען האסטו זיך געמעגט אין דיין וויטען האלז, אז מיט ליאד א שווארץ יאהר, מיט ליאד א טייוועל ביזטו א מחותן.

א וויסטע אלמנה נעביך! ווער האט איהר געהייסען זיין א מרשעת? מסתמא אזא יאדונקע ווי דו, זי שטאמט דאך פון דיין משפחה, שטאמט זי דאך, געווים אזוי לאנג געיעזושעט איהר מאן ביז זיז זיא האט איהם פעריעזושעט, רעכט אויף איהר א מצוה אויף איהר, אזעלכער האט מען געדארפט לאזען אנרייבען א מארדע און זאל זי ווייטער וויסען.

א רחמנות, א צער בעל החיים, עס שניידט ביים הארצען, — זעה נור ווי ער קען איהר גאר ניט פערגעסען, שפיעל דעם חתן, און איהם ליגט זיינם אין זינען! איך רעד און רעד, דאס הארץ ווערט מיר נור וואס ניט צופוקעט רעדענדיג און ער טענה'ט זיינס! אן אויפגעקאכטער, אן אויפגעפרעגעלטער איז ער דאך, בעהיט און בעשירעמט זאל מען ווערען, ניט אנדערש א קליפה, א ניט אין שטוב געדאכט זיצט אין איהם.

שוין ווידער אנגעהויבען פלוידערן! לאז מיך צו רוה איך בעט דיר מיט דיינע שלח מנות, זאלסט מיר אפילו געבען גאלדערנע בערג וועל איך אויך ניט, הער מיר אויף דרעהען א מוח, ווארום כל חמתי וועל איך אויסלאזען צו דיין קאפ.

וואס פארקעסטו זיך דארט אונטערן קישען, וואס זוכסטו דארט? וואס ריהעסטו דארט וויא א חזיר?

גאר ניט, זאגסטו? יאנקעל בלוט וועט גענאסען ווערן, איך מוז וויסען וואס דו זוכסט, ווען דו וועסט אפילו אויפגעשוואלען און אויפגעדראלען ווערן! דו וועסט זיך פון מיר ניט איינבעהאלטען, ווען דו וועסט אפילו די פאפלעקציע בעקומען.

אהא! דו קראצט זיך שוין וואו עס בייסט ניט, א קלאג צו דיר, געפונען, הא? לאמיר נור זעהן וואס איז דארט אזוינס?..."

חושך איז מיר, מרויעריג איז מיר, א פאר דימענטענע אוירינגלעך,

כל־בוניק, משומד! דיין ווייב דארף געהן אין פראסטע אוירינגלעך און פאר דיין קוזינע, די מארגערעטע קויפסטו דימענטענע? אנדערש פאסט איהר ניט, דער שטיק פאסקודסטווא? ווארט, ווארט...

אויף דיינע גאמנות, פאר מיר האסטו דאס געקויפט? פערשטעהט זיך, דוא מוזט זיך דאך שוין איצט אזוי זאגען, א ברירה האסטו? עס ווילט זיך מיר ניט איינשמוצען מיינע הענד, אבער איך האב דאך דיר געדארפט צו פראסקען דיין חזיר'שע מארדע, גוט אזוי, שעהן אזוי, אזא מזל זאלסטו האבען!

טראג געזונד, זאגט ער נאך! ארויסטראגען, ארויסשלעפען זאל מען שוין דיר אין גיכע צייטען, זאל דאס דיר געשעהען וואס דוא ווינשט מיר, אבער אומזיסטיגע קללות ווערען ניט מקוים, ווייל גאט איז מיט דיא גערעכטע.

מיין ניט, יאנקעל, אז דאס וועט דיר זיין געשענקט, אפילו ווען מען וועט מיר לייגען שערבלאך אויף דיא אויגען וועל איך דאס אויך ניט פערגעסען, ווארט, ווארט, איך וועל זיך נאך מיט דיר אברעכענען.

13טער קאפיטעל.

חנה־פעסיל'ס מגילה.

זיא לייענט דיא עברי־טייטש פון דער מגילה און געפינט אויס, אז אחשורוש איז געווען א שלעכטער דאליעניק. זיא שיט אין איהם אריין א שעהן ביסעל קללות און אגב אורחא לייזט יאנקעל אויך א ביסעל. זיא זאגט, אז אלע מענער זייגען איין שווארץ יאהר און קיינער פון זיי איז ניט בעסער פון אחשורוש'ן. זיא סימפאטהי־זירט מיט ושתי'ן און גיט איהר קרעדיט, דערפאר וואס זיא האט איהר מאן ניט געפאלגט.

„און עס איז געווען אין דיא טעג פון אחשורוש, דאס איז דער אחשורוש, וואס האט געקעניגט פון הודו ביז כוש, הונדערט און זיעבען און צוואנציג מדינות".

נישט־קשה'דיג פון א נגיד געווען. פונדעסטוועגען האט דיא ווייב בייא איהם געהאט א קלאָגעדיגע דאָליע! אַי, רבונו של עולם, מען דאַרף ניט זיין רייך, מען דאַרף ניט זיין שעהן, נור מזל דאַרף מען האָבען, און אז מען האט ניט קיין מזל — טויג מען אויף כפרות. אָט אַ שטייגער וויא מיין לעבען טויג פאַר מיין מערכה'ניק! אַזאַ הנאה זאל ער, דערבאַרעמ־דיגער גאָט, האבען פון דער סעודה, וואס פאר א הנאה איך האב פון מיין גאַנצען לעבען.

אין דעם דריטען יאָהר צוא זיין קעניגען, האט ער געמאכט א מאָהל־צייט פאַר זיינע האַרען און זיינע קנעכט.

א שוואַרצער חלום אויף זיין קאָפּ! ער האָט זיך געמאַכט הוליאַנקעס און דער ווייב האָט ער ניט גערופען, פונקט יאַנקעל כלאָפּ מיט דיא בייד־נער! מיין דאָליעניק פערקלייבט זיך אויך אין פראָנט־רום מיט גוטע ברי־דער און דוא, חנה־פעסיל, שטיק זיך אין קיטשען, אקוראט איך זאָל עפּעס זיין א קאַליקע, חלילה, אָדער אַזאַ גולם, וואס מען דאַרף זיך שעהמען מיט מיר! איין טייוועל זיינען זיי, אַלע מענער.

אויך ושתי המלכה האָט געמאַכט א מאָהלצייט פאַר ווייבער.

אַזאַ יאָהר מיר וויא זיא האָט שכל געהאַט. וואס דען, אַזוי וויא איך, נאַרר, וואס איך זעה וויא מיין מאַנן לעבט א גוטען טאָג און איך ווער פערפינסטערט? לייטישע ווייבער האָבען טאַקי שכל! עס איז מעהר ניט, איך בין א שטיללע, און מיר ווילט זיך ניט מאַכען קיינע בארוואַריעס, ווען ער זאל אָבער האָבען אַנ'אַנדער ווייב, וואָלט ער געוואוסט פּאַטשאָם פונט ליכאָ, וויא א פּאָניע זאָגט.

צו ברייננגען דיא מלכה ושתי פאַר'ן מלך אחשורוש.

א ווייסטער חלום אויף זיין קאָפּ! טפו זאָל ער ווערען, דער פּאַס־קודניאַק! האָסטו געהערט אויף דיין לעבען? פריהער האָט דיא ווייב ניט געטויגט און ער האָט זיך געשעהמט מיט איהר און נאָכדעם איז זיא שוין גוט געוואָרען, און ער האָט זיך געוויאָלט בעריהמען מיט איהר! מיין יאַנ־קעל ב"ה, וויל מיר אפילו אַזאַ שאַנ אויך ניט געבען, א כפרה זאל ער ווערען צוזאַמען מיט אחשורוש'ן, טאַטע זיסער!

האָט דער מלך זעהר געצערנט און זיין כעס האָט אין איהם גע־ברענט. — אז ברענען און שרפה'נען זאָל ער, רבונו של עולם! איהם

קומט נאָך דער קוילעטש! האָסטו געזעהן אויף דיין לעבען? די ווייב מוז איהם נאָר פאָלגען און אויסשטעהן זיינע אַלע משוגעת'ן! און מיינער איז דען בעסער? ער וואָלט אויך וועלען, איך זאָל פאַר איהם געהן אויף די שפּיטץ פינגער; אָבער ווי זאָגט מען עפּעס לא מיט אַן אלף.

נאָך די דאָזיגע רייד, אַז עס איז שטיל געוואָרען דער כעס פון מלך אחשורוש, האָט ער זיך דערמאָהנט אָן ושתי. — וואָס דען? נאָכ'ן טויט ווערט געשמאַק! איך האָב שוין געזעהן אַ סך אַזעלכע מענער, וואָס פריי־הער איז ביי זיי די ווייב אַן אָניצע און ווען זיא שטאַרבט חלילה, בעקלאָ־גען זיי איהר, אַז אָח און וועה צו אַלע מענער, וואס טויגען זיי אהן אונז? אָבער ניט אַלע פערשטעהן עס און זיי ליגען זייערע ווייבער לעבעדיגער־הייד אין דר'ערד אריין, אָט אַזוי ווי מיין שליאַק אשטייגער.

האָבען דיא יונגען פון מלך געזאגט: מען זאָל זוכען שעהנע מייד־לאך און דיא מיידעל וואס וועט געפינען לייטזעליגקייט אין דיא אויגען פון מלך זאל קעניגין אנשטאט ושתי'ן, און דיא זאך איז דעם מלך געפעלען געווארען און ער האט אזוי געטהאן.

טאָהן זאלען זיי מיט דיא זייטען, טאַטע זיסער! אז ניט זיינען אלע מאַנסבילען בעסער? ווען דיא ווייב שטאַרבט וויינען זיי כלומר'שט אבער דיא טרעהרען טריקענען זיך גיך אויס, פערגעסען זיך באלד און הויבען אן נאכלויפען נאך מיידלאך! ס'אַרא פאלשע מענשען דאס זיינען, זיי זיינען אסור ווערטה וואס דיא ערד טראגט זיי.

און ער האט געהאָדעוועט הדסה, דאס איז אסתר דיא טאָכטער פון זיין פעטער, וויל זיא האט ניט געהאט קיין פאָטער און מוטער...

קלאָגעדיג איז, ווען א מיידעל פערבלייבט א יתומה, ניט געשעהן זאל עס אין קיין אידישער שטוב. ווען אסתר זאל געווען האבען עלטערען, וואלטען זיי איהר בעהאלטען, זיי וואלטען איהר מיט געלד אויסגעקויפט און ניט אריינגעגעבען אין גוי'אישע הענד. וועה איז מיר, אז מען הערט פון יענעם'ס צרות דערמאהנט מען זיך אן איינענע. ווען מיין טאטע, א ליכ־טיגען גן־עדן זאל ער האבען, וואלט געווען געלעבט, וואלט איך אפשר אויך ניט אריינגעפאלען צו אזא גראָבען יונג. א קלאָג איז מיר, א בראָך איז מיר, ווער האט אין זינען געהאט, אז איך, חנה־פעסיל, זאל האבען יאנקעל כלאָפ'ן פאר א מאַן! ווען מען וואלט עס מיר אמאהל געזאגט, וואָלט איך

ראבט מיר יענעם דיא אויגען פערשפיענען, נו, נו, אויף וואס איך האב ניט געוואלט קוקען, מוז איך זיך היינט בוקען.

שא, אט איז ער דא אויפ'ן אמת! ווען איך זאל געווען דערמאהנען משיח'ן, וואלט ער אויך געקומען! זיך שוין אודאי ערגעץ אנגע'שיכור'ט, אה, איך דערקען שוין אן דיא שעהנע אויגעלאך דיינע.

הא! דוא האסט אפילו קיין שנאפס היינט אין דיא אויגען ניט אנ־געזעהן? פערקעהרטע לאקשען, ווען אלע זיינען שכור ביסטו ניכטער! אז אך און וועה איז דיר, דוא ווייסט דען וואו איין וואו אויס?

ביי לייטען פורים, קומען זיך צוזאמען קאמפאני און מען איז זיך משמח, מען האט הנאה פון דער סעודה, און ביי מיר איז; ני סודי, ני טודי, איך ווייס דען עפעס פון א יום טוב? פון דיין געזונד, פון דיין לעבען זאלסטו אזוי וויסען!

וואס? דוא וועסט פערבעטען דיינע פריינד צו דער סעודה? טפוי זאלסטו ווערען! איך זאג איהם בוידים, ענטפערט ער לאקש! אז איך זאג אז מען דארף זיך פורים משמח זיין, דערצעהלט ער מיר, אז ער וועט א־אב־ברייגנען זיין שאמפאבע! א וואזשנע שמחה וועט עס ביי מיר זיין! קיין גרעסערע שמחות זאלען מיינע שונאים ניט האבען אויף זייערע קינ־דערשע חתונות.

איך קאטשע זיך אויפ'ן פלאאר, איך וואש, איך שאיער, איך לייג מיינע כחות אוועק און קען דיא הויז ניט איינהאלטען ריין, דיין פנים זאל אזוי שיינען, וויא דער פלאאר שיינט! פעהלט מיר נאך דיא כאליאסטרע דיינע, זיי זאלען דא אנחזיר'ן? שור, אזעלכע ערעלע מענשען וויא זיי זיי־נען! ערעל וויא א קניידעל, גראב וויא א חזיר.

אדרבא פרוב נור אימיצען בריינגען, מיט א פאמוניצע וועל איך זיי אויף נאמנות, אבגיסען, איך דארף זיי אויף כפרות, דארף איך זיי מיט דיר צוזאמען.

אזוי? זאל איך פערבעטען וועמען איך וויל? איך וואלט שוין געפער־נען וועמען צו פערבעטען, ווען איך זאל דיר ניט האבען פאר א מאן, דוא שטיק באמולא דוא, מען קען דען מיט דיר ביי איין טיש זיטצען, דו קענכט דען מיט וועמען א ווארט רעדען? א קלאג צו מיר, פערשפיעלט מיין לעבען

אזוי וויא אין קארטען, בײ ווענען עס איז יום־טוב און בײ מיר איז תשעה באב.

14טער קאפיטעל.

אויסגעסטראשעט דיא קאטץ.

דיא קאטץ טשאראפעט זיך הינטער'ן טהיר שפעט בײא נאכט. חנה־פעסיל מיינט, אז יאנקעל קלאפט עס. זיא וויל איהם ניט עפענען און קוועלט גאר אן פון דער נקמה, וואס זיא האט פון איהם. לסוף זעהט זיא זיך ארום, אז יאנקעל איז גאר אין בעט, און זיא לאזט אויס אל חמתה צו זיין קאפ.

אין קאפ, אין מח זאל דיר קלאפען. שוין וויא עס איז אראבגעפאהרען, תכשיט מיינער? וואו דוא האסט געטאגט אהין גנה גענעכטיגען, טפו זאלסטו ווערען, א מענש זאל זיך א מינוט א רגע ניט קענען איינהאלטען אין הויז, כאפט ער זיך ארויס פערגעסט ער צו קומען.

קאפ אן וואנד, וואנד אן קאפ! וואס מיינסטו איך וועל דיר געהען עפענען? נאך ניט, וויא א כלב וועסטו בײ מיר קאוואטשען אונטער'ן טהיר א גאנצע נאכט. וויא קלעהרט עס א מענש ניט איבער, אפשר ווערט חו"ש א פייער, אפשר ווייס איך וואס, וויא געהט מען עס אוועק און מען לאזט א ווייב מיט פיטצעלאך קינדער אויף הפקר?

אומזיסט דיין טרחה, יאנקעל. מיר לוינט זיך ניט איינשטעלען דעם לעבען צוליעב דיר, מעהר פעהלט מיר ניט, וויא אראבגעהען אין אזא קעלט מיט בארוויסע פיס אויפ'ן היילען פלאאר און ווידער אויפריהרען דיא צרה'דיגע ראמאטעס. שוין לאנג שטיל געווען, טאמער האט מיר א אביסעל אויפגעהערט דרעהען דיא פיס, געפינט זיך מיין מאן עצה, איך זאל זיי ווידער פערקיהלען.

אויף אלע כאלעריעס, אויף קלאגען סטאיעט איהם און קויפען א שטריקעל קארפעט אין הויז, האט ער מורא ער וועט בדלות ווערען, בײ ליאד א קבצן, בײ ליאד א שלעפער ליגט קארפעט און איך דארף יאהגען אין

א שטאל! וואס איז, יאנקעל כלאפ ציטערט מאמער וועט עס פערהיטען דער ווייב'ס געזונד.

בײ לייטען האלט מען דיענסטען, כדי פאשאנעווען דער ווייב'ס געזונד און אויף מיר איז אן אויסגוס! וויניג טויטשע איך זיך אן איבער'ן טאג, קומט נאך מיין מאן און גיט מיר א פערבייסען.

אה, דוא מאנצט שוין דארט אום? שוין אבגעפרארען דיא חזיר'שע לאפעס דיינע? איך קוועל, מיר טהוט עס הנאה, ווייס ווייטער, אפיקורוס איינער, וויא אומשלעפען זיך גאנצע נעכט, ארויסגעשלעפט זאלסטו ווערען.

קלאפ, טאראבאבע פון היינט ביז איבער א יאהר, איך וועל דיר אסור עפענען. אט אזוי! דוא וועסט איין מאל אנרייבען א מארדע, וועסטו ווייטער וויסען צו קומען אהיים מיט לייטען גלייך, וואס איז עפעס...

געוואלד! ראטעוועט! שמע ישראל! טפו זאלסטו ווערען! וואס עס האט געזאלט זיין, וואס עס וועט זיין זאל אויסגעהען צו דיין קאפ, צו דיינע הענד און פיס, צו דיין לייב און לעבען. דוא ביזט גאר דא? אין הארצען איז מיר איינגעפאלען. זעה נור וויא ער האט זיך איינגענארעט אין פערענע און ליעגט ווי א צוציקעל. נו, נו, אן אבקומעניש זאל דאס זיין פאר מיינע זינד.

וואס ליעגסטו, וואס? דוא האסט מורא, אז דער שווארץ יאהר וועט דיר צוכאפען, אז דוא וועסט געהן א קוק טהאן ווער עס קלאפט דארט? אפשר א גנב, אפשר א מערדער? געוואלד גזלן רוצח! האב רחמנות אויף דיא קינדער, געה אראב, שריי פארים, אוי וועה איז מיר, ווינד איז מיר, מען וועט דאך דא אונז קוילענען און אפילו א האהן וועט ניט א קרעה טהאן.

דיא קאטץ טשאראפעט זיך ביים טיהר, זאגט ער! אז טשאראפען זאלסטו זיך שוין אויף דיא גלייכע ווענד, הארציגער פאטער! קיין צרה מיידט מיר ניט אויס, איך בין דאך ב"ה אזוי אויך א גרויסע גיבור'טע האט מיר נאך געפעהלט זיך איבערשרעקען. און אלץ מיין מאן צו פערדאנקען, וואס ער שלעפט זיך אום גאנצע נעכט. טיאכקען זאל דיר אזוי, יאנקעל, אין אלע גליעדער, וויא מיר טיאכקעט אין הארצען.

ניין דעם זייגער איז ער געקומען! און אז דוא וואלסט ניט געווען קומען, מיינסטו, וואלט איך נאך דיר געבייגקט? אזוי וויא א לאך אין קאפ פעהלסטו מיר. איך דארף דיר אויף צעהן טויזענד כפרות, דארף איך דיר.

איך דאַרף דיר אדרבה, כל־בו׳ניק איינער, צו וואס האסטו זיך גע־דאַרפט אריינגנב׳ענען? וואס בין איך עפּעס ביי דיר, האַ? וויא שעהמסטו זיך ניט פאַר דיר אליין? ביסט דאך עפּעס כלומרשט א בעל הבית, אָבפּוי־לען זאָל דיר דיא נאַז, ביסט דאך געקומען אין דיין אייגענע הויז ניט אין קיין פרעמדע, האָסטו ניט געקענט קומען וויא א מענש? אז אָך און וועה איז דיר.

ער האט מיר גזושאַלעוועט וועקען, אויך אַן אמת! פון ווען אָן ביזטו מיר אזוי געטריי געווארען? איך בין דיר מוחל אזא געטרייזשאַפט, טהו מיר ניט קיין טובות, וועט מיר פיעל געזינטער זיין.

יאַנקעל, וואס טויג דיר נאך אָנטהאן א שעפּסען־פּעלעכעל און זיך מאכען פאַר א וצדקתך? ני דאַי, ני לאַי, זיי ניט גוט און זיי ניט שלעכט. וואס טויג מיר דיין געטריישאפט, אז דוא שלאָגסט עס מיר נאכהער אליין ארויס באָקאָם?

וואס האט ער מיר געטהאָן, פרעגט ער נאך? אז ניט דארפסטו עפּעס טהאָן? דוא קענסט דאך ארויסנעהמען דיא נשמה גאר ניט טהוען׳דיג אויך. דאַרף מען מעהר? איך בין אזוי אויך אָן אנגעשראָקענע, איך ציטער פאַר יעדער שאָרך, קומסטו נאך עקסטרא און פּאַפּראוועט מיר! אויב איך וועל פון היינטיגע נאכט גוט אָבשניידען, וועל איך אויף נאמנות, דארפען גומל בענטשען.

יאַנקעל, איך וועל מעהר אין הויז אליין ניט זיין, איך קען ניט, איך מאַר ניט, איך דאַרף זיין א מוטער צו מיינע קינדער, מעגסט זיך וועלען אָדער ניט וועלען, מארגען געה איך און נעהם א דיענסט, מעגסט אפילו בייסען דיא פערענע.

מיט׳ן גרעסטען פערגעניעגען, זאגט ער! זעה נור וויא ער האט זיך אָנגעכאַפּט וואס מיינסטו, האַ? איך וועל נעהמען אזעלכע וואס דיר וועט געפעלען ווערען? א חלאת, א וועטהאָג! אז נעהמען, וועל איך נעהמען א אידענע פון פרעהליכקייט וועגען. א קלאָג צו דיר, א בראָך צו דיר, א איד וואס איז שוין באַלד צייט צו געהען אין יענעם עולם, זאָל אזעלכע זאכען אין זינען האָבען, שעהמען מעגסטו זיך אין דיין ווייטען האלדז!

אזוי? נעהמען ווען איך וויל, און לאָזען דיר געמאך? אהא, איך פערשטעה, עס איז דיר איז דיין מרפּה׳גע הערצעלע פערגאַנגען, אבער עס

וועט דיר גאָר ניט העלפען, איך וועל טהאָן וואָס איך וועל וועלען. — וואַרט, וואַרט, איך וועל נאָך מיט דיר לעהרנען בלק. איך וועל נאָך דיא פליעגען פון דיר ארויסטרייבען!

15טער קאַפּיטעל.

דיא דיענסט מאכט א בייז לעבען.

חנה-פעסיל פיהרט אויס איהרס און נעהמט אַ דיענסט. דיא קינדער רייצען זיך מיט איהר און יאַנקעל וויל עס ניט ליידען. ער לעהרענט ווי דרך־ארץ, אז מען דאַרף קיינעם ניט קריבען אין לעבער. פערדריסט עס חנה-פעסלען. זיא מיינט, אז יאַנקעל האָט מיט דער דיענסט אַ גוט לעבען, און זיא מאכט איהם דערפאַר אַ מאַרק.

א א, אַ אַ טאָכטערקע, א א, אַ אַ, פויגעלע, שלאָף מיין קינד, שלאָף, איך וועל דיר זינגען א מעשה.

ציגעלע, מיגעלע,
וואקס אין קריגעלע,
רויטע פּאָמעראַנצען,
אז דער טאַטע
וועט אַ כפרה ווערען,
וועלען קינדערלאך טאַנצען.

מען טאָר דאס ניט ריידען, דער אויבערשטער פיהרט דיא וועלט אָהן אַ טאָלק. נאָך מיין שכל קומט אויס, אז עס האט זיך געדאַרפט אַנדערש פיהרען. גענואַלד געשריען! עס שטאַרבען אַזעלכע יונגע לייט, אַזעלכע גוטע מענער צו זייערע ווייבער, אזעלכע געטרייע פּאָטערס צו זייערע קינדער און אויף טיינעם קומט גאָר קיין מפלה ניט. אַ לאָך אין שטעדטעל וואָלט געוואָרען, ווען יאַנקעל כלאָם וואָלט ניט געווען, זאָל יענער קריינקען, ווער עס וואָלט נאָך איהם בּיינקען, אַ קאַטאָוועס דעם גרויסען פערגעניגען, וואס איך און דיא קינדער האבען פון איהם? זאלען דאס מיינע שונאים האבען פון נאָט.

פלוצלונג איז ער גאר געווארען אן אויפזעהער אויף דיא קינדער און זיי אנגעהויבען לעהרנען דרך־ארץ. איינגעפינסטערט, איינגע'חושך'ט זיי־נען זיי געווארען, וואס איז? דער שיינדעלדיגער טאטע שלאגט זיי! און פרעגט, פארוואס? זיי זיינען חלילה צולאזענע קינדער? אלע אידישע מא־מעס זאלען קיין ערגערע קינדער ניט האבען.

ה־ע, ה־ע, ה־ע, ניש־קשה פון א גענעץ! זעה נור א מויל אויפגע־עפענט אזוי וויא אן אקס. זיך נאך ווייניג אויסגעשלאפען, וואס? אלץ איינס לעב איך, אז איך האב נאך היינטיגע נאכט אפילו אן אויג ניט צוגעמאכט טאמער וואלסטו אויפגעשטאנען און צוגעוויגט אביסעל דאס קינד, וואס מיינסטו מיין נשמה, איז קיין נשמה ניט?

ער פאפט שוין ווייטער, איך זאל אזוי געזונד זיין! אזוי וויא א שטיק בלאי, לעגט ער זיך אוועק, דערלעבט ער ניט אויפצושטעהן. דוא שטעהסט אויף צו נימ? ווארום וויא דוא זעהסט, טאך איך דיר א מארק, אז עס וועט דיר זיין פינסטער און ביטער.

א קלאג צו דיר, א בראך צו דיר, אויף שלאגען, אויף ממית'ן דיא קינדער ביסטו א טאטע, און טאמער דארף מען צו זיי צולייגען א ביסעל טרחה, איז אוים! אוי, אזעלכע טאטעס זאל מען א סך זעען און ווייניג זא־לען זיי וואקסען.

איך פרעג דיר אדרבא, דוא מופקר דוא, וואס האסטו זיך פלוצלונג אנגעטשעפעט צו די קינדער! וואס האסטו צו זיי? דוא האסט ניט וואס צו טאהן, שלאג זיך קאפ אן וואנד, ווער איז דאס מחויב צו ליידען פון דיינע משוגעת'ין.

איך וויל ניט, וויא זאגט יענער, שנייצען דעם נאז און שמירען דעם פנים, אבער דוא זאלסט ניט מיינען אז איך ווייס ניט און פערשטעה ניט אלס, ווען דוא וועסט אפילו זיין מיט טויזענד קעפ, וועסטו מיר די אויגען ניט פערבלענדען.

א קינד, זאגט ער, דארף זיין אנשטענדיג. דארף ניט קריכען יענעם אין דיא אויגען, קריכען זאלסטו אויף אלע פיער! דיא טרפה'נע יוכע קאכט אין דיר, וואס זיי זיינען ניט נוהג כבוד דיין האשקען. ניט געשטראפט זאל איך ווערען פאר דיא רייד, אן אלטע זאראזע, א שלאק, א קרנאסע, א הויקער, א מיאוס'ע בעשעפניס, עס טרעט דאך אויף אידר צו קוקען און ביי דיר

איז זיא טהייערער וויא דיין אייגענע ווייב, נו דארף מען האניג, אז צוקער איז זיס?

וואס א מענש וויל זיך מאכען בעסער, מאכט ער זיך נאך ערגער. איך האב געמיינט איך וועל אריינגעהמען א דיענסט, וועל איך מיר פרעה־ליכער מאכען, גו, איז מיר פרעהלאך! איך האב געמיינט איך וועל מיר לייכטער מאכען און ניט דארפען אזוי מיט'ן נאז דיא ערד אקערען. לסוף נא דיר! אט האב איך מיר געקויפט א מפטיר, אז אָח און וועה איז מיר. טאמער זאגט אימיצער עפעס א ווארט דער שעהנער יעפעיפע זיינער, איז רעכט דער ווייב מיט דיא קינדער אויס'ממית'ן, גע'הרג'עט זאלסטו שוין ווערען אויפ'ן גלאטען וועג רבונו של עולם.

א נחת געוועזען, א מחיה, פלעגט אוועק געהן אין דער פריה און קו־מען שפעט ביי נאכט, און היינט, איז א שטראָף אויף מיר; שיקט מיר אוועק אין די ביזנעס און אליין סיקט ער אין הויז מיט דער... איך וויל מיין צונג ניט פערשמוצען, לאָמיר שוין בעסער שווייגען...

איך ווייס ניט וואס איך רייד, זאגט ער, שור! צו באַרשט דארף מען נאך צייהנער האבען? וואס איז, איך זעה נימ? זאל דיר נור אזוי דיא אוי־גען ארויס, וויא איך זעה אלעס, אָבער וואס קען איך העלפען? געה שרייי חי וקים, נאטורא ניע קליעפקא, איך וועל שוין דיין פראָקליאַטע נאַ־טור ניט איבער מאַכען, אָט אזוי וויא דוא ביסט, וועסטו שוין פערבלייבען ביז דער פגירה.

וואס? אוועק שיקען זיא? א שעהנעם דאנק דיר פאר דער טובה! ני קיעם, טאָ פּאָליענאָם, טאָמער האב איך א מאהל א שאָו ארויס צו געהן אין סטריט און דורכלופטערן דיא אויגען, וויל מיר מיין מאַן פערשפאַר־ען אין הויז, איך זאל דיא ליכטיגע וועלט ניט אָנזעהן. עס איז ביטער אזוי, עס איז פינסטער אזוי. וויא מען לעגט דעם קראנקען, איז איהם קלאָגעדיג.

וואס־זשע וויל איך פון דיר? איך וויל, אז דוא זאלסט אַ מיתה משונה איינגעהמען, קיין אנדער הילף איז פאר מיר ניטאָ. רבונו של עולם, זכות אבות זאלען זיך עפעס דערוועקען און איך זאל פון איהם פטור ווערען! א ליכט אין דיא אויגען וועט מיר זיין, אז איך וועל דיין חזיר'שען פרצוף ניט אַנקוקען, דאמאָלס ערשט וועל איך וויסען אז איך לעב אויף דער וועלט.

אָבער, יאַנקעל, ביז עפּעס וועט זיין, וועל איך זיך מיט דיר אליין,

אָברעכענען. איך וועל דיר נאָך געבען פולווער צו שטעקען, אַז דוא וועסט האבען צו גערענקען. פרוב זיך נאך א מאָל צו ריהרען צו דיא קינדער, ווערט דיר מעהר ניט פעהלען. איך וועל דיר אַזוי מאכען, אז עס וועט דיר פער־געהן א קלאָג און דוא וועסט זיך אָן דער שפלה פערגעסען.

16טער קאַפיטעל.

א ביטערער טעות.

חנה=פעסיל פערלאַנגט א סעט אויף פסח. זיא מיינט עס א „פארלאָר=סעט“, יאַנקעל אָבער האָט א טעות און מיינט, אַז זיא וויל א סעט גאָלדענע ציינער, און ער הייסט איהר געהן צו א דענטיסט, אָרדערען א סעט גאָלדענע ציינער.

נו, נו, וויא פערשטעהט איהר? — ער כאַפט א סוף, אַז עס ווערט איהם ... ... אין דיא אויגען, און ער דאַנקט גאָט, אבי זיא קלאַפט איהם זיינע ציינער ניט ארויס.

א גאַנצע נאַכט ליג איך און קלעהר, האָב עפּעס אין זינען געהאַט א נויטהיגע זאַך און פערגעסען אַזוי וויא אָן טויט. קיין וואונדער ניט, זאָל עס ניט צוקומען קיין אידישע טאָכטער, וואס מיר איז צוגעקומען, עפּעס א קלייניגקייט וואס איך טראָג איבער, וואס איך לייד איבער? מען קען דאָך פערליערען דעם מח מיט'ן כח מיט לייב און לעבען.

אַזא זכרון וויא איך האב מיידעלוויז געהאט! דער טאַטע, א ליכ־טיגען גן עדן זאָל ער האבען, פלעגט שטענדיג בעדויערען וואס איך בין א מיידעל, ווען איך זאל זיין א איינגעל — פלעגט ער זאָגען — וואָלט איך אפשר אויסגעוואקסען א רב, א גאון, און היינט פינסטערער מזל מיינער, געדענק איך ניט פון דאָגען אהין, געלויבט ביסטו גאָט פאר דעם און פאר אלעמען.

יאָ, איך האב זיך דערמאָהנט. איך קלייב זיך שוין פון ווען אָן צו זאָגען איהם און איך פערגעס זיך שטענדיג. יאַנקעל, יאַנקעל, דוא שלאָפסט? איך האב דיר געוואָלט עפּעס זאָגען, אָבער איך זאג דיר פריהער, אַז דוא זאָלסט ניט ווערען אין כעס און ניט פערדרעהען דעם שיינדעלדיגען נעזעל

דיינעם, וויא דיין מאַדע איז. בײַ דיר איז דאך שטענדיג דיא וויַיב א פסול, וואס איך זאָג געפעהלט דיר ניט.

וואָס נוקעסטו, וואס? איך בין דאָך ניט קיין פוילער פערד! שוין, דו האָסט גאר קיין ברעקעל צייט ניט, ווילסט איך זאל דיר גיכער זאָגען! א קאַטאָוועס, א רענדעל אַ מינוט! דוא ציטערסט טאָמער וועט דיר ניט דער-געהן דער שלאָפען. האָסט מורא עס וועט דיך פערשאַטען, ניש-קשה, אויף מיינע אחריות, דער שוואַרץ יאָהר וועט דיר ניט נעהמען. עס איז נאך צייט גענוג, וועסט זיך נאָך אויספאָפען אויף אלע זייטען, רבונו של עולם, האב איך דיא צייט כאָטש פענים צו צעהלען, פיעל צייט עס איז נאָך דא צו שלאָפען.

אַ ציקאַוועס אויף נאמנות! וויא נור איך רעד אוים א וואָרט, הויבט ער מיר אָן צו נוקען: האָרי־אָפּ, גיכער, וואס איז אַזאַ בעזע אײַלעניש אויף דיר? האָסט מורא דוא וועסט דעם יריד פערזאַמען? איך פרעג דיר אדרבא, וואס איז דיר אזוי שווער צו הערען אַ וואָרט פון דיין אייגענע וויַיב? דאכט זיך ווען דיא הויזקיפערקע מיט איהר מויד, דיא פאַרשיינדעל כאָכאָטשען ביים סטופ וויא דיא גענז, וואָלסטו כאָטש א גאַנצע נאכט געשטאנען און זיך איינגעהערט, און אז איך וויל עפעס זאגען צו דערצעהלען, איז דיר די מינוט צו גרויס, וואלט מעגליך געווען וואָלסטו דיא אויערן פערשטאָפּט, אבי ניט הערען פון דער וויַיב א גלייכע זאך. אַ נאטור פון אַ מענשען, ער איז שטענדיג סאַם סאַפּאָזשניק און וואס אימיצער זאגט, וויל ער ניט הערען.

אָט געהט אַזאַ הייליגער יום טוב, בײַ לייטען טהוט זיך, עס רודערט זיך און בײַ מיר איז נאך גאר קיין אָנהויב ניט. ער זאל עס גאר זאָגען, ער זאל עס גאר דערמאָהנען, אָט אזוי וויא א פרעמדער און גענוג! אלץ דארף איך טראָגען אויף מיין קאָפּ, איך ווייס אסור וואס זאל איך פריהער טהאָן; וואשען, שייערען, אָדער צוגרייטען וואס מען דאַרף?

אַזוי? מצות האסטו שוין געאַרדערט? א שעהנעם יישר כח דיר! א לאַסקע זאַך, ער האט געאָרדעט מצות! מיט דיא מצות הייבט זיך אָן, מיט דיא מצות לאָזט זיך אוים, און מעהר דאַרף מען שוין גאָר ניט? דוא מיינסט אפנים אַז מיט דיא מצות וועט מען שוין דעם פסח איבערקומען, שור, מאַכט רש״י: לא זוכה.

הכלל דערצעהלען איהם. זאגעזי איהם וואס מיר פעהלט! אין אמת׳ן

וואס מיר פעהלט! אין אמת'ן וואס פעהלט מיר, וואס האב איך? א קלייר ניגקייט דיא זיידענע קליידער וואס איך האב, דיא ציערונג וואס מיין מאן האט פאר מיר געקויפט, דיא שעהנע פארניטשע, דיא טהייערע סעטס וואס איך האב אין הויז, אבי ער האט מיר בעזארגט מיט מצות, מיט מכות מיינע שונאים, און וואס דארף ער מעהר?

ניט זינדיגען זאל איך מיט דיא רייד, דער פסח איז דאך ביי מיר אן אבקומעניש, אזא הנאה זאלסטו, יאנקעל האבען פון דיין לעבען, וואס פאר א הנאה איך האב פון דיא דארע שערבלאך, וואס מיינסטו איך האב אזעלכע געזונדע צייהן וויא דוא? ניט מעהר זאלען מיינע שונאים לעבען, פיעל מצה איך עס אויף! איך וואלט דאכט זיך געגעסען מיט דיא אויגען, איך קען עס אבער דאך ניט גריזשען.

וויא דער פסח קומט אן, ציהט זיך אויף מיר ארויף א כמארע, איך וויים, אז איך וועל דארפען א גאנצע וואך ליידען הונגער. דוא, וועסטו מיר אפשר פערשאפען אנדערע פערגעניגענס? וועסטו אפשר זעהן איך זאל אויך האבען אן עונג יום טוב? זיכער ניט.

א סוף, זאגען דיר וואס איך וויל? זעה נור וויא ער לאזט גאר א ווארט ניט ריידען! זאל זיך דאכטען שוין געזאגט, וועסטו דאך מסתמא זאגען קאפויר; מיט דיר וואס מען רעדט וועניגער איז אלץ געזינטער; איך וויל מיט דיר קיין סך טענות ניט פערלייגען און איך זאג דיר בקיצור, אז איך וויל א סעט, וויל איך! הערסט, יאנקעל, דיא וועלט וועט אפילו אונטערגעהן און א סעט מוז איך האבען! איך וויל אויך הנאה האבען פון יום טוב גלייך מיט אלע מענשען.

אָח, זאגט ער. מיט'ן גרעסטען כבוד! דוא מיינסט עס, יאנקעל, מיט אנ'אמת אדער דוא לאכסט?

הא? וואס זאגסטו? איך זאל געהן צו א דענטיסט און ארדערן א סעט צייהן? א שווארציצר חלום אויף דיין קאפ! אלע קאטערען, זאלען דיר מאטערען, וואס עס האט געזאלט זיין, וואס עס וועט זיין, זאל אויסגעהן צו דיין קאפ, צו דיין הענד און פיס, צו דיין לייב און לעבען! וואס איז, אזא זקנה בין איך? אזוי פיעל מכות, אזוי פיעל פרישצעס דיר אויפ'ן צונג מיט פיעל יאהר איך בין איגנער פון דיר.

זעה נור, אויסגעגלאצט א פאר אויגען, אזוי וויא ראפקע אויפ'ן טאטען!

וואָס קוקסטו מיר אָן, וואָס? דוא קענסט מיר ניט? הערט אַנ'איינפאַל פון אַנ'אַפּיקורום, צום דענטיסט שיקט ער מיר גאָר!?...

וואָס? איך האָב דיר געזאָגט, אַז איך וויל אַ סעט? אַ בּראָך צו דיר אַז איך רעד פון אַ סעט פאַרניטשע אין פראָנט-רום. מישט ער מיר אריין מיט צייהן, אַז רייסען זאָל מען דיר שוין דיינע צייהן איינציגוויז, טאַטע דערבּאַרעמדיגער!

זעה נור, וויא ער מאַכט זיך תמ'עוואַטע, כלומר'שט ער וייס גאָר ניט. הלואי וואָלסטו שוין טאַקי אַזוי ניט געוואוסט, וויא דוא ווייסט יאָ; אַ מענש האָט ניט וואָס צו טהאָן, נור יאַדען דיא ווייב, טאָמער געפינט ער שוין גאָר ניט אָן וואָס אָנצוטשעפּען זיך, איז רעכט כאָטש געבּען אַ שטעבּ-ווערטיל, אַז שטעבּען און בּרעכען זאָל עס דיר, און עס זאָל גאָר ניט אויפהערען.

האַ? איך האָב זיך בּעקלאָגט אויף דיא צייהן, האָסטו געמיינט?...

קלאָגען זאָל מען שוין נאָך דיין קאָפּ! דוא האָסט דאָך שטענדיג דיינע פּערטיגע תירוצים! יאַנקעל, איך קען דיר, איך וויים ווער דוא ביזט, אָבּער עס וועט דיר ניט העלפען קיין געשרייען, קיין חכמ'נען זיך! איך זאָג דיר אָן פריהער, אַז אויב איך וועל ניט האָבּען קיין פּליושענעם סעט, וועל איך דיר מאַכען אַ פערשטערטען סדר, וועסט אַפּילו אַ מיתה-משונה איינגעהמען און אַ סעט מוז איך האָבּען!

17טער קאַפּיטעל.

חנה־פּעסיל ווערט אַ שוויגער.

אויף מאָרגען נאָך זייער זוהן'ס חתונה, צאָהלט זיא איין יאַנקלען אַ פּאָרציע, פאַרוואָס ער האָט זיך ניט בּעהויבּען וויא אַ לייטישער מחותן. אגב דערמאָהנט זיא איהם אַלטע תמאים אויך.

יאַנקעל, דוא שלאָפסט, קוק איהם נור אָן, דעם שעהנעם שמעכו־טען (מחותן), ער ליגט זיך וויא אַ פריץ אין בּעט! ביז וויא לאַנג איז דער שיעור צו ליגען?

מען וואָלט זאָגען, ער האָט עפּעס געטהאָן, ער האָט זיך אָנגעהאָרע־וועט פאַר דער חתונה אַזוי ווי לייטישע טאַטעס! דו האָסט דאָך אפילו, אַ פינגער אין קאַלטע וואַסער ניט אַריינגעטהאָן; דוא ביסט דאָך געקומען אויף אַלעם פערטיגען, הייגט וואָס זשע ליגסטו, וואָס, ווי אַ נבלה?

ביי לייטען, אַז מען מאַכט אַ קינד חתונה, דרעהט אַ טאַטען אויך עפּעס דער קאָפּ, מען טהוט עפּעס, מען גרייט עפּעס צו און מיין שלאַק האָט אָנגעטהאָן דעם ווייסען קאָלניר און איז געווען, ווי מען זאָגט, ני כוואַריוושי, ני באָליוושי, אַ מחותן! ווער האָט אַריינגעבראַכט עפּעס צו דער חתונה? חנה פעסיל! ווער האָט פערזאָרגט, אַז דער עולם זאָל האָבען וואָס צו עסען? חנה פעסיל; ווער האָט געזעהן דעם עולם צוצופריעדען שטעלען? אַלץ חנה פעסיל! מיט חנה פעסלען הויבט זיך אָן, מיט חנה פעסלען לאָזט זיך אויס! זאָל דיר יאַנקעלע, אַזוי דרעהען וואָס איך ווייס, ווי מיר דרעהען די הענד, די פיס און אַלע גליעדער.

אָבער וואָס קעהרסטו פאַר דער ווייב? פון דיינטוועגען מעג זיא באַטש, מיט'ן נאָז די ערד אַקערען, איז עס ניט דיין באָבעס עסק! עס איז דאָך ב"ה שטענדיג אַזוי, ווי עס קומט, אַז מען דאַרף עפּעס טהאָן, איז יאַנקעל כלאָפּ ניטאָ! נעוואַר מאַי, יאַסעלע אונזערער, זאָל געזונד זיין, וועט ניט זיין אין דיר גערעטען. ער וועט זיין ווייב בעסער טריטען וויא דוא טריטסט מיך. איך האָב עס שוין געבטען צו דער חתונה געזעהן, באַלד נאָך דער חופה האָט ער שוין פון איהר אַ טריט ניט אָבגעטראָטען. ער האָט איהר געקוקט אין די אויגעלאַך, אַקוראַט ווי מען קוקט אויף אַ צאַרטעריג קינד. וואָס דען, אַזוי וויא דוא? דיא וואָס ווינשען מיר ביז זאָלען ניט האָבען קיין בעסערע מענער ווי דו ביסט.

נעהמט ער און לאַכט! וואָס פאַר אַ געלעכטער אויף דיין קאָפּ?...

וואָס? דיר טהוט עס הנאה? נו, נאָך אויך מיט חסד, אַבי דו האָסט באַטש שכל צו הנאָה האָבען דערפון וואָס דער זוהן לעבט גוט מיט דער ווייב; אָבער ניחאַי וואָלסטו אויך אַזוי געווען? אַזאַ יאָהר מיר וויא שעהן דאָס איז, אַז מען לעבט מיט אַ ווייב גוט, וואָס דען? אַרומרייסען זיך שטענדיג איז שעהן?

אוי, א געזונד אויף זיי, א לעבען אויף זיי, עס איז דאך א מחיה געוועזען צו קוקען ווי זיי זיינען איינע נאך די אנדערע נאכגעגאנגען, ווי זיי זיינען געזעסען ביי'ם טיש און פערקוקט איינע די אנדערע אין דיא אויגען, ניט פערשטערט זאל עס מיר ווערען, טאטע זיסער!

וואס? באלד נאך דער חופה ביסטו אויך אזוי געוועזען? פאר וואס זשע ביסטו היינט ניט אזוי? נעוועד מאי, דיא שנור אונזערע וועט פאר יאסלען האבען א בעסערע דאליע ווי איך פאר דיר, ווייל ער האט ניט דעם טאטענס הינטישע נאטור.

הא? זיי וועלען זיך נאך צוקריגען אויך? זיי האבען נאך קיין זעקעל זאלץ צוזאמען ניט אויפגעגעסען און עס קען נאך אלץ פארקומען? ביים דיר בעסער אב א האלבען צונג! איידער דיא קינדער זאלען זיך קריעגען, זאלסטו בעסער, יאנקעלע, אין דר'ערד ליגען! את אזוי רעדט א טאטע? א שמאטע ביסטו ניט א טאטע!

אי, אידישע קינדערלאך, האב איך עס א שלאק, איך וויס ניט אויב זיין גלייכען איז אויף דער וועלט פאראן! ערשט נעכטען א זוהן צו דער חופה געפיהרט און ער ווינשט איהם שוין, אז ער זאל זיך מיט דער ווייב הרג'ענען און שלאגען! אז אח און וועה איז דיר, שטיק גלאמפ איינער! און דוא ועסט נחת האבען דערפון, אז דיין קינד וועט זיך ארומרייסען מיט דער ווייב?

אבער דוא ביסט דען א טאטע? נאך ערגער וויא א ווילד פרעמדער ביסטו דאך. זאל איך שלעכטס האבען אויב אימיצער וואלט צו דער חתונה דערקענט, אז דוא ביסט א מחותן! דוא האסט דאך אויסגעזעהן אזוי ווי א שנארער וואס קומט אויף א חתונה אבעסען א וועטשערע, האסטו דאך אויסגעזעהן.

א מחותן זאל עפעס ניט טאהן, זאל עפעס ניט דערלאנגען, זאל ניט זעהן אוועקזעטצען יעדערען אויף א פלאטץ ביי'ם סאפער, גאר גיט. אזוי וויא א פרעמדער און געגוג! עס האט דאך מיר געפלאמט דער פנים פאר חרפה, וויא איך בין א אידישע טאכטער!

וואס? דוא האסט געטהאן? דו האסט געהאלפען? א טעם האט מיר

דיין טהואכץ! אט בעט מיר א סענט פאר אלע דיינע מלאכות, וועל איך דיר אסור געבען.

אנ'אויפטהוער א גרויסער, אויף מיינע שונאים געזאגט! ווען ניט איך מיט מיין קאפ, זאל געזונד זיין, און מיינע הענד, זאלען מיר שטארק זיין, וואלט נאך ביי יאַסעלע'ן קיין חתונה אזוי גיך ניט געווען! און אז מען האט איהם גערעדט שידוכים, האסטו זיך נאר אין דעם ווינקעל איינגעקוקט? פאר דיר איז רעכט געווען, ער זאל א שידוך טהאן, ווייס איך מיט וועמען, אבי דו וועסט זיין א מחותן און האבען א חתונה, ווייטער איז ניט געווען דיין עסק, אזא קאלטען לונג־און־לעבער, האב איך נאך קיינמאל ניט נע־זעהען!

און פאר דיא קלענערע קינדער אַארט דיר עפעס? זאל מיר אזוי אַארען מיינע זינד. דיר אַארט ב"ה פאר קיינעם ניט, נור פאר זיך אליין. אט פרעג דיר בחרם! ניט דוא ווייסט, אז דוא האסט קינדער, ניט דיא קינ־דער ווייסען, אז זיי האבען א טאטען.

שא, דוא שטעהסט שוין אויף? א דאנק דעם וואס איך האב דיא הענד ניט געוואשען. אפשר וועסטו, פריץ מיינער, אכטונג געבען אין הויז און לאזען מיר צוליינען זיך א ביסעל? — אוי, זאלסטו, יאנקעלע, אזוי כח האבען, ווייס איך וואס, וויא איך האב כח איינצושטעהן אויף מיינע פיס.

18טער קאפיטעל.

קומענדיג פון סיגעל־קופער סטאר.

יאנקעל מיט חנה־פעסלען קויפען דארט איין פערשיעדענע ארטיקלען. יאנקעל בעצאהלט און גיט אנ'אָרדער, אז מען זאל איהם אלעס ברייננען אהיים. ווען מען ברייננט עס ניט אזוי גיך, ווערט חנה־פעסיל פערצווייפעלט. זיא טראכט איבער, אז דיא גאנצע קניה איז בלויז געווען אנ'אנשטעל און יאנקעל האט בלויז געמיינט שעהען זיך מיט דיא סיילס־ליידיעס. זיא דערלאנגט איהם סמאַק, אז ער קען זיך פון איהר ניט אָב־פשעפען.

דיא וועלט איז שעהן און פיין און יעדערער האט זיך זיין פיין. יעדער מענשעלע, מיט זיין רעגצעלע, גרעסערע צרות — קלענערע צרות,

אבער פעהלען פעהלט עס, ב״ה, קיינעם ניט. קוקענדיג אויף מיר, איז מען מיר מקנא; מען מיינט אז איך בין גאר גליקליך, לסוף בין איך אזוי גליקליך וויא דיא ראבע קאטץ, אזעלכע גליקען וויא איך האב, אויף שונאי ציון געזאגט, א שפאס וויפיעל יסורים איך טראג עס איבער? זאל עס אין קיין אידישע שטוב ניט געשעהן, און פון וועמען? טאקי פון מיין אייגענעם מאן. קיין גוטס, קיין נחת זאל יענער ניט האבען, ווער עס האט גאר דיא מענער אויסגעטראכט.

שוין עפעס עטליכע טעג שטילל געווען, געווארען א סטאטיק, געקו־מען אהיים אין דער צייט און איז געווען א מענש מיט לייטען גלייך. איך האב, פשוט, אנגעקוואלען, ניט געגלויבט זיך אליין, אז מיר זאל אזא גליק טרעפען, פלוצלונג אהא, ווידער דאס זעלבע! שוין ווידער אנגעהויבען פראווען זיינע אמאליגע שטיק, וויא זאגט מען עפעס: א וואלף ציהט אין וואלד אריין.

פלוצלונג רופט ער מיך געהן עפעס איינקויפען אויף יום־טוב, א הויז איז עס, מען דארף אהן עין־הרע האבען. דער ערב יום־טוב איז מיר גע־לעגען וו.א א בארג אויף מיין קאפ און איך האב מיר גאר ניט גערעכט, אז מיין מאן זאל ווערען אזא גוטינקער און זיך אליין דערמאהנען וואס מען דארף, לסוף איז ער טאקי אזוי גוט. וויא מען שמייסט מיט א רוט. וואס טויג דיא בהמה, וואס גיט א סך מילך, אז זיא קעהרט נאכדעם אליין איבער דיא דאניציע?

נעהמט און שלעפט מיר אוועק אין אלדע טייוועל צו סיגנעל־קו־פער, שמופער, זאל איך אזוי וויסען פון איהם. שוין ניט געסטאיעט פאר יאנקעל בלאפ׳ן קיין סטארס אין אמעריקא! אז אך און וועה איז מיר, אז איך דארף אלעס צוזעהן און שווייגען.

וואס אארט מיר, פרעגט ער נאך, אז ביי סיגנעל־קופער! מיר אארט שוין גאר א סך; אבער וואס קען איך מיר העלפען, אז מיין פינסטערער מזל איז אזעלכער? מסתמא ווען איך זאל ווערטה זיין ביי גאט, וואלט אזוי ניט געווען. גאט איז גערעכט און זיין משפט איז גערעכט.

דארט איז ראיעלע סחורה, זאגט ער! אזא שנה אויף דיר מיט זיי צוזאמען! פאר מיינע זינד וואלט איך זיי ניט געוואלט אנקוקען. דראני־צעס, דארע שפענער, עס נודעט דאך, עס קעהרט דאך דיא גרינע גאל

קוקענדיג אויף זיי, און ביי דיר זיינען זיי אי, אי, אי; ליאר א שווארץ יאהר, ליאד א טייוועל, איז ביי דיר טייערער וויא דיא ווייב.

וואס קוועטשסטו מיט דיינע פלייצקעלאך, וואס? קוק איהם נור אן דעם צדיק'ל! כלומרש'ט ער ווייס גאר ניט, ער פערשטעהט גאר ניט וואס איך זאג. דאכט זיך, איך רעד מיט דיר ניט טערקיש, איך בין א פראסטע ווי וקים, בין איך; איך קען ניט פראוון אועלכע הינטער פיס־לאך וויא דוא; ביי מיר וואס אויפ'ן לונג, דאס אויפ'ן צונג.

וויא ער איז א איד, אז ער ווייס ניט וואס איך וויל! א איד ביסטו? אזא מזל אויף דיר! ביזט אזוי א איד וויא איך בין א רביצין! ווען דו וואלסט אין זיך געהאט כאטש איין פונק אידישקייט, וואלסטו זיך מיט דער ווייב אנדערש בעגאנגען, דיא גוטע יאהר זאל איך האבען וואס אפילו א גוי איז עהרליכער פון דיר.

וויא? דוא ווייסט נאך אלץ ניט, וואס איך מיין? ווילסט מיך מאַ־כען פאר א משוגענע? מיט וועמען רייצטו זיך עס, הא? גזלן, רוצח, וואס ביזטו אנגעשטאנען אויף מיינע יאהרען? וואס האסטו צו מיר? וואס פער־צאפסטו מיר מיין בלוט? איך וועל דאך שרייען געוואלד אין דיא גאסען, וועל איך דאך שרייען, א סוף, איך וועל דיא שאנדע פון זיך אראבווארפען, אז דיר איז ליעב, איז מיר ניחא.

וואו איז דאס געהערט געווארען אין דער וועלט, אז א מענש זאל נור אין זיגען האבען מיידלאך? אזוי וויא א יון, אהן א דיעוואושקע הייבט זיך גאר ניט אן! אז מען דארף עפעס קויפען, מוז ער אויך געהן דארט וואו מיידלאך זיינען דיא פערקויפערקעס, אנדערש לוינט זיך איהם ניט, און נעהמט נאך מיט, דער משומד, דיא ווייב; וויא איינער רעדט: נא, זעה און ווער צופוקעט, אז צופוקעט און צופלאצט זאלסטו שוין ווערען, וויא דיא גאל ווערט אין מיר צופלאצט צוקוקענדיג אזעלכע צרות.

איך בין דאך געשטאנען און עס האט מיר געהויבען אין דער לופ־טען, האט עס מיר געהויבען, זעהענדיג מיט וואס פאר א פרישקייט, מיט וואס פאר א לעבעדיגקייט ער האט געטענה'ט מיט דיא מוידען. איך האב געמיינט, אז אט, אט געהט מיר דיא נשמה ארויס, איך פערשטעה, דוא וואלסט עס וועלען; אבער א מכה! דיר אויף צו להכעיס וועל איך נאך דיר איבערלעבען, נישט־קשה, מיין גאט איז נאך אויך ניט געשטארבען!

א סוף, מיר וואלט שוין ניט געאַרט, זאָל זיין מוידען, זאָל זיין שדים, עס איז שוין, ב"ה, קיין נייעס ניט, איך בין שוין געוואָהנט צוא דיא צרות; אָבער ניחאַי וואָלט איך חאָטש געזעהען סחורה פאַר מיין געלד, דאָס אויך ניט! אַריינגעוואַליעט אַזוי פיעל געלד און אויף וואָס צו קוקען איז ניטאָ!

וואָס זאָגסטו, אַפּיקורוס, מען וועט אַלעם בריינגען? אוּדאַי, מען וועט דיר עס צושיקען מיט'ן בית־דין שמש! איך ווייס, אַז מען האָט שוין לאַנג נאָך דיא עטליכע דאָלער געמענט אָנשרייבען צוויי פייען; איך פערשטעה, יאַנקעל, אַז דיא גאַנצע מעשה איז געוועזען אַנ'אָנשטעל, ניט דוא האָסט געקויפט, ניט דוא האָסט גאָר געדענקט צו קויפען. אַז אָך און וועה איז מיר; איך דאַר, איך קוואַר, זשאַלעווע אַ סענט אויסגעבען אָן דער זייט און מיין מאַן צוטאַכלעוועט געלד אויף גאָר ניט! אַ לייט ביסטו, ניטאָ וואָס צו רעדען! אוי, איידער אַזאַ לעבען איז שוין בעסער אַ בעסערער.

אָבער וואָס טהוט מען ערשט? עס איז שוין דאָך ערב־יום־טוב און אין הויז איז נאָך ניטאָ וואָס אַ האָאר איז ווערטה! אַז איך וועל עס איבערלעבען, וועל איך זיין שטאַרקער פון אייזען.

קוק און שוויג, זאָגט ער! אַ ברירה האָב איך? איך מוז שווייגען, ווארום וואָס העלפען דען מיינע טענות? מיינע רייד איז סאַי וויא סאַי אַרויסגעוואָרפען; איך וועל שוין פון היינט אָן קליגער זיין, און וועל שוין אָבלאָזען דיא לייצעס; פיהר שוין, יאַנקעל, וויא דוא פיהו"סט און לאָמיר זעהען וואָס דער סוף דערפון וועט זיין.

19טער קאַפיטעל.

דיא שמאַלץ איז חמצ'דיג געווארען.

הנה-פעסיל שיקט יאַנקלען פרעגען אַ שאלה ביי'ם רב אויף פסח'דיגע שמאַלץ, וואָס זיא
חאָט אויסגעמישט מיט אַ חמצ'דיגע לעפעל. יאַנקעל ברייגגט דיא תשובה, אַז
עס איז חמצ'דיג. זאָגט זיא, אַז מסתמא האָט ער דיא שאלה ניט
גוט געפרעגט. אָגב אורחא כאַפּט דיא נעקסט=דאָריגע
אויך אַ פאָר קללות, ווייל חנה=פעסיל הענגט
אָן, אַז איהר שכנה'ס בייז אויג האָט
איהר טעפעל שמאַלץ פער=
שאַרט.

אַ מענש אָהן מזל זאָל גאָר ניט געבוירען ווערען. קיין צרה, קיין

פוראָניע מיידט מיר ניט אויס. וואו איך קעהר זיך, שלעפט זיך מיר דער שלים־מזל נאָך. אזא פאַן שמאַלץ, אפשר פינף פונט איז דאָך דאָרט גע־וועז, איך האָב שוין לאַנג אזא פעטע גאַנז ניט געזעהען. דארף זיך גאר מאכען א שאלה. איך בין אנ'אויפגעקלעמטע, אנ'אויפגעיאָדעטע בין איך. טאָמער, חס ושלום, ווערט עס חמצ'דיג, וועל איך מיר אפשר א מעשה אָנטאָהן. שווער צו זיין א איד, אוי, מיינע שונאים זאָלען זיין אידען!

ניט אנדערש. א בעזע עין־הרע איז געשעהען. דער שווארץ יאָהר האָט אָנגעטראָגען דיא נעקסט־דאָרינגע — זאָלץ איהר אין דיא אויגען — אזא ניט בערגינערקע. ציים מען לעבט, האָט מען נאָך אַזעלכע ניט גע־זעהען; וואָלט מעגליך געווען, וואָלט זיא אַלעמען מיט דיא אויגען דורכ־געשטאָכען, — ארויסקריכען זאָלען זיי איהר, רבונו של עולם, דורכ'ן פא־טילניצע.

אז אָך און וועה איז מיר, ניכאַי וואָלט איך כאָטש אַ יין געגאַנגען צום רב פרעגען דיא שאלה, א סוף אנ'עק, וואָלט איך שוין געוואוסט, א מת אָדער א נס, — האָב איך נאָך איהם געדארפט אוועקשיקען! אזא גלאָמפּ, אזא גולם, עס קען גאָר זיין, אז דער קעטצישער מח האָט פער־געסען, וואָס איך האָב איהם אָנגעזאָגט, וועט נאָך דאָרט ביי'ם רב אָנפּלוי־דערען ווער ווייסט וואָס און וועט מסתמא אַזוי מאַכען, אז עס זאָל טאַקי חמצ'דיג ווערען.

אָבער וואָס סיקט ער דאָרט? דאַכט זיך, מען האָט שוין געקענט אין דער צייט פופציג שאלות פרעגען! זאָל ער נאָר קומען, וועל איך, דאַכט מיר, וואָס מיר קלעמט אויף מיין הארצען, אויסלאָזען צו זיין קאָפּ.

וויא ווייט מעגליך קויף איך זיך שטענדיג אוים ניט אָנצור־קומען צו איהם, איך ווייס דאָך שוין מיין צרה, אז ווען איך פערשאָף זיך מיט איהם, מאַך איך מיר נאָך מעהר ארבייט; אָבער עס איז דאָך ערב יום־טוב. איך בין פערלעגט מיט ארבייט איבער'ן קאָפּ, האָב איך געמיינט, אז איך וועל מיר כאָטש איין מאָל עטוואָס פערלייכ־טערען און פערשפּאָרען זיך א גאַנג, לסוף נא דיר! וואָס א מענש

וויל זיך מאכען בעסער מאכט ער נאך ערגער! עס לעגט זיך מיר אסור דיא הענד עפעס צו טאהן, וויא א צוטומעלטע, וויא א צומישטע בין איך און מיין שלאק איז ערגיץ פערהאפט געווארען! וואס העלפט עס? אלץ מוז איך אויף מיין קאפף טראגען; מיט פרעמדע הענד איז גוט פייער צו פערשארען...

אה! ברוך הבא! ביסט שוין וויא עס איז געקומען? א שעהנער תכשיט ביסטו, אזא מזל דיר אין קבר! אז דיא ווייב בעט זיך: יאנקעלע, הארצעלע, לויף גיכער און זאם זיך ניט, געהסטו אוועק און זיצסט ערגיץ אב דריי זייגערנע שעה און מיר קריכט דא, שונאי ישראל, דיא אויגען ארוים פון קאפ, אויסקוקענדיג דיר... נו, אסוף, לאמיר שוין הערען, וואס האט דער רב געזאגט?

הא? חמץ'דיג? איך האב פריהער געוואוסט, אז אזוי וועט זיין! קען עפעס גוטס ארויסקומען, אז יאנקעל כלאפ איז אין מיטען! איך וואלט שווערען, אז דו האסט גאר פערגעסען וואס דיא שאלה איז. פערשטאפטע קאפ וואס דו ביסט, דו געדענקסט דאך ניט פון דאנען אהין, געדענקסטו דאך ניט! אלץ מוז חנה־פעסיל פערשווארצט ווערען, דאס מינדעסטע זאך וואס א האאר איז ווערטה, ווען איך טהו עס אליין ניט, איז ניט געטאהן.

ער שיקט מיר גאר איך זאל געהן האבען טענות צום רב, שיקט ער מיך! וואס איז דער רב שולדיג, אז דו ביסט א שלאק? מסתמא האסטו דיא שאלה גע־פרעגט קאפויר, און וויא מען שפיעלט אזוי טאנצט מען! דער רב פסק'ענט וויא עס שטעהט אין דער הייליגער תורה. היינט וואס פאר א טענות קען איך צו איהם האבען?

זאג אדרבה, שטיק מנוול, וויא האסטו געפרעגט? אנו, לאמיר הערען.

וויא? מען האט דיא שמאלץ אויסגעמישט מיט א חמץ'דיגע לעפעל — און דאס אלעס? אז מישען זאל זיך דיר אין קאפ, מאטע זיסער! זעהסטו שוין, הא, וואס האב איך געזאגט? דו האסט מורא געהאט דער צונג וועט דיר אבפאלען, אז דו וועסט דעם רב דערצעהלען דיא גאנצע מעשה וויא עס איז געוועז?

דאכט זיך, גענוג געדויבעט אין מח, אפשר צוואנציג מאל אנגעזאגט, אז איך האב געקאכט פארפעל מיט בעבלאך אויף וועטשערע און אויסגעמישט מיט א הילצערנע לעפעל; אויף אויסמישען דיא שמאלץ האב איך געהאט א פסח'דיגע לעפעל, נור אזוי וויא מיר איז דאך ב"ה דיא קאפ פערדרעהט — פערדרעהט זאל דיר אזוי ווערען דיא יאהרען — האב איך מיך טועה געוועז און אויסגעמישט די וועטשערע מיט דער פסח'דיגער לעפעל און דיא שמאלץ מיט דער חמץ'דינער,

נו איז דא עפעס דא וואס צו וויסען? דאכט מיר, אז אפילו א קינד וואלט עס אויך געקענט פערשטעהען, געהט יאנקעל כלאפ און מאכט עס אוועק שאך, מאך, אין צוויי ווערטער, און מאכט מיר אן אזא היזק! איך בין דאך שטארקער פון אייזען אז איך האלט עס או ס.

האז? דו האסט אלץ דערצעהלט? ווי גרויס דער חמץ'דיגער טעפעל איז, ווי גרויס די פאן איז, וויפיעל שמאלץ עס איז געווען, ווען מען האט דעם טעפעל געיוזט, ווען מען האט דיא לעפעל געיוזט, וויפיעל פארפעל אין טעפעל איז געווען, — נישט־קשה'דיג אנגעבאלעבאטשעט! צו וואס, פרעג איך דיר, האסטו דארט געדארפט אזוי פיעל אנפלוידערען?

דער רב האט דיר געפרעגט? האסטו געזאלט ענטפערן אויף וואס ער האט דיר געפרעגט, ניט מעהר! איך וויים דאך אבער, אז ווען דו הויבסט אן צו רעדען, פערגעסטו זיך ווען אויפצוהערען, געווים אנגערעדט אזעלכעס וואס ניט געשטויגען, ניט געפלויגען און דעם עיקר המעשה דעם רב ניט דערצעהלט? ווען איך זאל אבער געווען אליין געהן, וואלט איך דאס געמאכט אין צוויי ווערטער, און עס וואלט געווען כשר; ערשט אבער איז שוין א זאך וואס פערפאלען. אז א נארר ווארפט אריין א שטיין אין ברונען, — קענען שוין צעהן קלוגע ניט ארויסנעהמען.

עס ווילט זיך מיר ניט נאכגעבען דעם יצר־הרע; איך האב דאך דיר געדארפט מיט דיא זודיגע שמאלץ אבפארען וויא א חזיר, נור א כפרה ביסטו, עס וועט אויסגעהן צו דיין קאפ, וועט עס אויסגעהן, אזוי וויא מען בעדט זיך, אזוי שלאפט מען. צוליעב דיר איז דיא שמאלץ חמץ'דיג געווארען, וועסטו היינטיגען פסח עסען שטיינער, ניט קניידלאך.

20טער קאפיטעל.

חנה־פעסיל ארעטירט.

וויא האט ארויסגעשטעלט א בארעל מעד אויפ'ן פייער־עסקייפ און מען האט איהר דער־
פאר אבגעפיהרט אין סטיישאן־הויז. וויא זאגט א הספד נאך דיא מעד, וואס
מען האט דערווייל אויסגעגאסען, שיט שוועבעל און פעך אויף דיא
פאליצייו און לאזט איבער א היבשען חלק פאר יאנקלען
אויך.

נו, א נאכט האב איך היינט, בעהיט און בעשירעמט זאל מען ווערען. זאל איך צער האבען, אויב איך האב נאך מיט אנ'אויג צוגעמאכט. איך

קען ניט אנשלאָפען ווערען כאָטש מהו איך ווייס ניט וואס. עפּעס אַ קליי־ניגקייט אַזאַ שרעק וויא איך האָב היינט געהאַט? נאָך מיט חסד אויף נאמנות וואס אַזוי, אין אַ גוטער שעה צו רעדען, אין אַ בעזער צו פער־שוויינען, איך האָב זיך אסור גערינכט, אַז איך זאל בלייבען לעבען.

נו, נו, צו אַלעם דאַרף מען אין לעבען געפּרובט ווערען. טאָמער בין איך נאָך אין טורמע ניט געזעסען, איז מיר בעשערט געווען דעם מאכל אויף פּערזוכען. אַ דאַנק—איך האָב דיא הענד ניט געוואַשען—פאַר דעם און פאַר אַלעמען, וואו אַ צרה, טרעפט מיר. עס געהט מיר וויא אַ רשע אויף יענער וועלט, געהט עס מיר.

יאַנקעל, יאַנקעל, דוא שלאָפסט? אַ רעגולער ראַשטאַנט איז עס, אַן אייזערנע האַרץ האָט עס, ער זאָל זיך עס גאָר אַ קרים טהאָן, אַט אַזוי וויא גאָר ניט געווען! ס'אַראַ וועטהאָג אין האַרצען דאס איז, אַזוי פּיעל פּראַצע אריין געלייגט, אַזוי פיעל געלד געשפּענדעט אויפ'ן מעד לסוף איז ערשט וויא זאָגט אַ גוי להבדיל: ני ראַשי, ני שאַפּקאַ! בלוט זאָל זיך פון זיי אַזוי גיעסען, וויא זיי האָבען דעם מעד אויסגעגאָסען. אַזאַ מאכל'דיגער מעד, אמת'ע ווין איז דאָך עס געווען!

ניט געגוג וואס זיי האָבען מיר אָנגעמאַכט אַזאַ היזק, געהען זיי נאָך דיא גראָבע בייכער און שלעפען מיר אַוועק אין סטיישאָן הויז. אַרויסגעשלעפּט זאָלען זיי ווערען מאַטע זיסער! אַ שפּאַס, דיא שרעק מיט דיא בזיונות, און פרעג פאַר וואָס? אַז דער מעד איז געשטאַנען אויף מיין פייער סקייפּ, איז עס איז זייער דאגה, דאַרט זיי דיא מוחות! אַז איינגעדאַרט, איינגע־קוואַרט זאָלען זיי שוין ווערען, רבוני של עולם.

יאַנקעל, יאַנקעל! עט, ווייס איך וואָס? ער טהוט זיך זיינס, ליגט און כראָפּעט און האָדיע, כאָטש טרובע איהם אין מח, כאָטש טראָג איהם מיט'ן בעט אַרויס וועט ער אויך ניט הערען, ניט אומזיסט איז ער אַזוי געזונד, אַז קיין זאַך נעהמט ער ניט צום האַרצען, נעהמען זאָל דיר שוין יאַנקעל, וואָס איך ווייס.

אַ כפּרה, זאָגט ער, עס לוינט זיך ניט צו ערגערען! אַט דאָס הייסט אַ געזונטער לונג און לעבער, קיין זאַך קימערט איהם ניט! אַזאַ מענש דאַרף דאָך אפשר לעבען טויזענד יאָהר. סטייטש אַז אַזעלכע פּוזאַטע בויא־נעס פאַלען אָן וויא פּאָגראָמטשיקעס, שטעלען בדלות און שלעפּען נאָך

דיא ווייב אין סטריט וויא אַ באַמערקע און איהם לוינט זיך ניט צו ערגע־רען! הײנט געה פיהר אוים אַ וועלט מיט אַזעלבען!

וואָס! איך בין ניט איינע? מען האָט נאך ווייבער אַרעסטירט? נו איז מיר שוין גוט, א שעהנע פּאָטיכע איז עס מיר! וואס האב איך צו זאָר־גען פאַר אימיצען, אז איך קען זיך אליין ניט פערזאָרגען?

איך פרעג דיר אָבער, אפּיקורוס, זאגען אפשר אַנדערע מענער אויך אזוי וויא דוא? לעבסטו אַזוי! ווען אלע וואלטען געווען וויא יאנקעל כלאָפּ, וואלט דיא וועלט קיין קיום געהאט. אָהאָ! יענע וועלען געווים ניט שווייגען, עס איז נור ביי דיר האבען זיי געטראפען דיא קרעטשמע, אז אָך און וועה איז מיר, וואס מיינס, איז ניט לייטיש.

אַזוי? מען קען זיי גאָר ניט טאָהן, ווייל אַזוי איז דאָס געזעץ? אז ועטצען זאָל זיך זיי סקולעס מיט פרישצעס און קיין דאָקטאָר און קיין רופא זאָל זיי קענען העלפען, האָסטו געהערט אויף דיין לעבען אַ חטא? וואָלט מען נור קיין גרעסערע עולות ניט געטהאָן! רבונו של עולם, אויף אַלע עבירות זאָלסטו מיר מוחל זיין, נור דיא איינע זאָל מיר פערבלייבען.

וויא געפעהלט דיר אַזא זאַך? מען טאָהר אויפ׳ן פייער־סקייפּ קיין זאַך ניט אַרויסשטעלען! חטאים אין שטעדטיל! אין וועלכען שלחן־ערוך שטעהט עס? וואו דען זאָל מען זיך אַהינטהאָן? פּיידען שונאי ישראל אין דר׳ערד! אַזוי ענג זאָל זיי זיין אין דיא העלדזער מיט׳ן לענדלאָר מיט דיר אויך צוזאַמען, וויא ענג עס איז אין דיא רומס.

ניחאי וואָלטען זיי בעסער זעהען, דיא גאנאַמניקעס, אַז דיא לענד־לאָרס זאָלען ניט מאַכען אַזעלבע רומס וויא שלאָס־מום׳ס! ניחאי וואָלטען זיי אַכטונג געגעבען, אַז מען זאָל זיך ניט דאַרפען אַזוי שטיקען, ניין! דאָס אין ניט זייער עסק. אַזא מזל אויף זיי מיט זייער פיהרונג.

טאָ וואָס זשע וויל איך פון דיר? זאָל דיר זיין אַ מכה מיט אַ גע־שוויר! צו וועמען דען זאָל איך האָבען טענות, אַז ניט צו דיר? קיין אַנ־דערע רומס וויא אויפ׳ן דריטען פלאָאר האָט שוין יאנקעל כלאָפּ ניט גע־קענט געפינען! ווען איך זאָל אָבער וואָהנען אויפ׳ן סטופּ, וואָלט איך דאָך דעם מעהר אַליין אַרונטער־געטראָגען אין סעלער און פערשפּאָרט צו האָבען דעם גאַנצען קלאָפּאָט; אָבער געה פּאָלג מיר אַ גאַנג און שלעפּ זיך מיט אַזא משא פון דריטען פלאָאר, וועמעס כוחות איז דאָס?

האַ? דוא האָסט געזאָגט, אַז דוא וועסט דיא בּאַרעל ארונטערטראָגען? איך קען דיר שוין, יאַנקעל, אויסגעפונדען, פון זאָגען ביז טראָגען איז גאַנץ ווייט! איידער אָנקומען צו דיינע לאַסקעס, איז בּיי מיר גלייכער איך ווייס ניט וואָס. בּיי דיר דיא מינדעסטע זאַך טהאָן, איז דאָך וויא אַ פּראָפּעטע אויפהויבען, אַזאַ פוילער, אַזאַ ליעגאַטש, קיין גוטער איד זאָל דיך ניט קענען.

אַזוי? איך האָב דיר ניט געלאָזען? וואָס מיינסטו? פאַר וואוילטאָג האָב איך עס געטהאָן? זיי וויסען, יאַנקעל, אַז יעדער וואָרט האָט זיין אָרט! דוא מיינסט אַפנים איך פערשטעה ניט וואָס דיין כּונה איז געוועזן? אַז ניט האָסטו געמיינט פערשפּאָרען דער ווייב אַ מלאכה? זאָל מיר שוין אזוי מיין קאָפּ ניט וועה טהאָן! פאַר דיר איז אַנ׳עסק אַראָבגעהן צו דער הויז־קיפּערקע נאָך דיא שליסלען און כאַפּען דערווייל מיט איהר אַ שמועס, אָט דאָס איז בּיי דיר אַ לעבען אין קאָפּ, האָב איך טאַקי דיר אויף צו־פּוקעניש ניט געוואָלט געבען דיר קיין שאָו, וואָס קען איך העלפען, אַז דער אויבערשטער האָט מיר דאָך אַריינגעגעבען אַ קליעפּקע אין מוח?

אַהאַ! לאָזען דיר צורוה! אין הערצעלע איז דיר פערגאַנגען! וואַרט, וואַרט, עס וועט דיר נאָך מעהר פערגעהן, דער לעצטער מאָל וועט דיר שוין זיין דאָ צו וואָהנען, דוא וועסט זיך אין גיכען געזעגענען מיט דיא הויז־קיפּערקע. אַז מען וועט דערלעבען געזונטערהייד בּאַלד נאָך יום טוב מופען מיר פון דאַנען. איך קען בּעשטעהן וואָהנען אויף אַ סטופּ, ניט דאַרפען קלעטערען שטיגען און האָבען צו טהאָן מיט פּאָליסלייט, וועסט אפשר ניט וועלען? וועט מען דיר בּאַנקעס שטעלען. נישט־קשה, איך האָב נאָך אויך אַ שטיקעל דעה.

21טער קאַפּיטעל.

בּיים סדר טיש.

חנה פּעסיל איז אויסגעהאַרעוועט פון ערב יום טוב. אויסער דעם געפעלט איהר ניט די מצות וואס יאַנקעל האָט געקויפט בּיי זיינעם אַ לאַנדסמאַן, ועל כּלם איז איהר ניט געפעלען וויא איהר מכּך פערטייטשט די הגדה. זיא צאַהלט איהם איין אַ פּאַרציע ניט אזוי וויא אַ מכּה און שפּעוועט אויך ניט אַלע מאַנסבּילען.

זאָלען שוין מיינע שונאים אזוי קענען לעבען וויא איך קען זיצען בּיים

סדר. מיט אזא געמיטה וויא איך זיטץ ערשט. זאלען זיי זיטצען ביי זייערע קינדער'ס חתונות. עפעס א קלייניגקייט. אלעס מיט מייצע אייגענע צעהן פינגער איינגעלאדעט. איך פיהל אסור קיין גליעד ניט. פיהל איך ניט. א צובראכענער שארבען בין איך פון היינטיגען ערב פסח געווארען. אוי, ניט אומקעהרען זאלען זיך שוין אזעלכע ערב פסח'ען, מאטע דערבארעמדיגער.

לא די וואס איך האב אזוי פיעל געארבייט מיט דער.גאל. ביז איך האב דעם פסח אריינגעבראכט. דארף איך נאך האבען זייטיגע קלעמענעס. וואס איז? מיין מאן דארף זיך אויסכליאסקען און געבען זיין לאנדסמאן א שאו! אזוי ווי דו ביסט גוט. אזוי איז דיין לאנדסמאן גוט. און אזוי ווי ער איז גוט. אזוי איז זיינע מצה גוט.

מצה איז דאס? מכות מיינע שונאים! צוטרעסטשעט אויף פיטץ-פיטצלאך. אפילו איינע א גאנצע איז דאך ניטא. דיינע ביינער זאלען אזוי צוטרעסטשעט ווערען און זאל שוין זיין א סוף צו די צרות.

נו, וואס זיצטו נאך און קלעהרסט? מאמער וואלסטו. חסיד מיינער, ניט געמאכט אזעלכע זאבעבאנעס און שוין א מאל אנהויבע פראווען דעם סדר? דוא האסט זיך אויסגעשראפען, אויסגערוהט קענסטו זיטצען; אבער איך, איין גאט אין הימעל וייס דעם אמת...

וואס? דערלאנגען דיר וואסער צו וואשען דיא הענד? מעגסט כ'לעבען, מטריח זיין דיין אייגענעם כבוד, אויף מיר דיא עבירה, געגוג פאר מיר, אז איך פאסלוגעווע דיר א גאנץ יאהר און טראג דיר אלץ אונטער אינטערן נאז, וואו שטעהט עס געשריעבען, אז דיא וייב דארף דערלאנגען? אז דער מאן איז א מלך, איז דיא וייב א מלכה.

וויא האט עס א מענש אזעלכע לבבות, אז דוא זעהסט, אז דיא וייב פאלט אויפ'ן נאז און קען זיך ניט א ריהר טאהן, איז ביי דיר רעכט, אז זיא זאל, שונאי ישראל, אויף אלע פיער פויזען און דיר בעדיענען! אפילו איך וייס ניט ווער וואלט דאך עס ניט געטהאן. אוי, קיין גוטער איד זאל זיי ניט קענען, ס'ארא מיאוס'ע פאלק דיא מאנסבילען זיינען!

יאנקעל, אויב דו ווילסט ניט האבען קיין פערשטערטען סדר, זאלסטו מיר היינט לאזען צורוה. ברייננ וואסער. ברייננ פייער, טהו וואס דוא ווילסט, איך האב שוין מיין חלק אבגעטהאן און מעהר האב איך קיין כח ניט. אוועקלייגען דעם לעבען פון דיינעטוועגען בין איך ניט מחויב. א

קלײנינקײט, אַ װאַזשנער פּריץ! אַזעלכע פּריצים װיא דוא װאַלגערען זיך אויפ'ן מיסט.

האַ? אײנהערען זיך דיא הגדה? אַ שעהן ביסעל איז פון דיר דאָ װאָס צו הערען! מען פערשטעהט דען אַ װאָרט? מאַהלסט דאָך װיא אַ מיהל, מאַהלסטו דאָך! דאַכט זיך, אַז דוא קענסט שוין פּאַר אַ הונגעריגען בעשטעהן, װאָס איז אויף דיר אַזאַ בעזע אײלעניש? זופט װיא — ניט אום פסח געדאַכט — קרופּניק. פּע, חלשות, איך זאָל אַזוי געזונד זײן!

בײ לײטען מענער פערטײטשען דיא הגדה װאָרט בײ װאָרט, עס איז אַ מחיה, אַ נחת צו הערען, און אויף מיר איז אַ שטראָף פון גאָט! אײדער האָבען אַ מאַן אַ גראָבען יונג, איז בעסער נאָר ניט געבוירען צו װערען.

דוא װעסט פערטײטשען? הלואי זאָל מען עס הערען! אָבער פון װאַנען האָט זיך עס צו דיר גענומען? אַ פּריץ האָט אָנגעװאַוירען? איך דענק, אַז דוא קענסט אַזוי פערטײטשען דיא הגדה, װיא איך קען אַ שטײ־נער דיא פּראָפּעטע אויפהויבען. אַז אָך און װעה איז דיר, קענסט דאָך אַפילו קידוש ניט מאַכען! אוי, װען מײן טאַטע זאָל אויפשטעהן פון קבר און זעהען, װאָס פאַר אַ פײנעם אײדעם ער האָט, װאָלט ער אפשר נאָך אַ מאָל געשטאָרבען.

האַ? װיא פערטײטשסטו דאָס? מיר זײנען אַלע קלוגע, אַלע פער־שטענדיגע? אפשר דוא אויך? נו, װיא געפעהלט אײך אַנ'עסק? אַז קײנער לויבט איהם ניט, לויבט ער זיך אַלײן! טאַקי אַ חכם פון מה־נשתנה! זאָל עס מיר, רבונו של עולם, צוקומען אין געזונד, װאָס דיר פעהלט צו שכל!

„און אונזער האָרעװאַניע, דאָס זײנען דיא קינדער" — חלש'ן דאַרף מען, אַ שעהן ביסעל האָרעװאַניע דערלײגסטו צו זײ! אַז אָך און װעה דער זינדיגער אידענע נעביך, זיא טראָגט, האָט און זײגט דיא קינדער, װיפיעל מאָל דערעסט זיא ניט און דערשלאָפט ניט ביז זיא האָדעװעט זײ אויס, און אַז עס קומט צו עפּעס, זײנען דיא מאַנסבילען גלאַט אַזוי זיך, ני כוואַ־ריװושי, ני באַליװושי, גאַנצע קנאַקערס! — בײ װעמען איז אַ ברית? — בײ יאַנקלען! װעמעס באָטשיק איז געװאָרען בר־מצוה? — יאַנקעל'ס! װעמעס קינד האָט חתונה? — יאַנקעל'ס! און דער מאַמעס נאָמען דערמאַהנט מען נאָר ניט, טפו זאָלט איהר װערען!

אפשר זיינען דאָ לייטישע טאַטעס וואָס דערלייגען אַ ביסעל טרחה צו קינדער; אָבער דוא, מנוול, קעהרסט אַפּנים עפּעס פאַר זיי? אָט פרעג דיר בחרם! שעהן וואָלטען זיי אויסגעזעהען, ווען זיי וואָלטען זיך דאַרפען אויף דיר פערלאָזען, זיי וואָלטען שוין לאַנג עסען און טרינקען פערגעסען! ווען ניט איך, וואָלטען זיי שוין אפשר ווייס איך וואו אָנגעשפּאַרט.

ווערט אַ קינד קראַנק, וועמען טהוט וועה דער קאָפּ? — מיר! דאַרף מען אַקינד קויפען אַ פּאָאר שיכלאַך, וועמען דאַרט דער מח? — מיר! צושלאַגען זיך די קינד״ער צווישען זיך, ווער דאַרף זיי אויסלאַדען? — איך! עפּעס אַ קליינינקייט וואָס איך האָב פון זיי אויסצושטעהן? איך האָב דאָך קיין מאָהל קיין בערוהטע מינוט ניט, איך ווער דאָך גרוי און אַלט פון זיי; לסוף קומט נאָך אויס. אַז ד ו א האָרעווטעסט אייף זיי, און אַזוי, זאָגסטו, שטעהט אין דער הגדה! לעבסטו אַזוי! פערשטעהסט אַזוי די הגדה וויא מיין לינקע פּאָדעשווע, וויא קומט אַזאַ חאַמולא, אַזאַ גראָבע יאַרמולקע צו וויסען אַ טייטש־וואָרט?

אַ כוף! יאַנקעל, איך בין דיר שוין מוחל די הגדה מיט די מכות, מיט אַלץ מיט אַנ׳אַנדער. שוין ב״ה וויפיעל יאָהר נאָך אונזער חתונה, און דוא האָסט נאָך קיין מאָל די הגדה ניט פערטייטשט, וועל איך זיך היינט אויך אַזוי בעגעהן, ניט שרייב און ניט מעק, זאָל שוין זיין וויא פאַר אַ יאָהרען איז געווען.

אַודאַי וואָלט איך אויך עפּעס וועלען וויסען, אָבער וואָס קען איך העלפען, אַז איך האָב אַ מאַן אַ גראָביאַן? — אַזוי וויא איך ווייס ניט, אַזוי וועט מיר ניט שאַדען.

22טער קאַפּיטעל.

נאַכוועהעניש פון געסט.

חנה פעסיל זאָגט נאָך די שבחים פון יאַנקעל׳ס פריינד, וואָס זיינען ביי זיי געווען גור־יום־טוב ביעטען. זי מאָהלט זיי אָב ניט מיט זעהר שעהנע פאַרבען, און וואָס זיא ווינשט זיי — זאָל אַריין אין אַ פוסטען קלויסטער. יאַנקעל נאַרט זיך אויך ניט און קריגט אַ פיינעם חלק.

שוין, ער כראָפּעט שוין, ער שנאָרכעט שוין מיט׳ן נעזועל! וואָס? האָסט זיך נאָך אפשר ניט אויסגעשלאָפען פון די סדרים? אַ שפּאַס, זאָל

דער אידישער גלות מעהר ניט גערויערען, וואס דיא סדרים האבען בייי דיר גערויערט! אבגעכאפט, אבגעלאפט דיא הגדה אזוי וויא קאלטע פאר־פעל. אט דאס הייסט ביי דיר געפראוועט א סדר? עט, עס איז מעהר ניט נאכגעקריסט, וויא א גוי קרימט נאך א אידען. וואו איז עס געהערט גע־ווארען, אז מען זאל גיין דעם זייגער פערטיג זיין מיט א סדר?

וואס? עס איז שוין געווען עלף דער זייגער? ווערען זאל שוין פון דיר א פגר! און אז עלף איז וואס? אלץ איינס לעב איך, אז איך האב פאר פסח פיעל נעכט ניט דערשלאפען. עפעס א קלייניגקייט, וואס איך האב היינטיגען פאר פסח אפגעטאהן? ווען דוא וואלסט אויף אלעס גע־דארפט דינגען, וואלטען דיר אפילו דיינע פאטריכעס ניט געסטאיעט, פון דעסטוועגען גאר ניט! אויף אלץ א צייט, ווען מען דארף טאהן, דארף מען טאהן און ווען שלאפען איז שלאפען! ס'ארא אנשטעל ער מאכט עס, טא־מער האט ער א ביסעל ניט דערשלאפען, וועט ער עס שוין אייביג ניט אניאגען.

וואס טהוט ער מיר, פרעגט ער נאך! זאל עס דיר אנטקעגען קומען אויף יענער וועלט, וואס דו טהוסט אנטקעגען מיר! טרפה'נע ביין דו! דו זעהסט, אז דיא ווייב סטארעט זיך אדרבה ואדרבה, אז אין שטוב זאל זיין אויפגעראמט, אויפגעפוצט, — געהסטו און ברענגסט אראב א גאנצע כאליאסטרע און זיי מאכען אלץ צו אש און צו בלאטע! עס האט דאך געבליאסקעט אין יעדער ווינקעלע, איך האב פשוט אנגעקוואלען קוקענדיג; לסוף, גוט יום־טוב לפניך! ברענגט אראב דיא שאמפאכע זיינע און מען קעהרט איבער דיא גאנצע הויז מיט'ן קאפ אראפ און מיט דיא פיס ארויף.

אז אך און וועה איז מיר. דער פלאאר איז דאך געווען געל וויא וואקס, קיין שפרינקעלע האט מען דאך ערגעץ ניט געזעהן, כאטש לאק־שען וועלגער אויף איהם, און ערשט — דער פנים דיינער זאל אזוי שיי־נען וויא דער פלאאר שיינט! אזוי פיעל כחות אריינגעלעגט אין דיא קויר־טענס, ביז איך האב זיי אויסגעוואשען און אויסגעסטרעטשעט, און ערשט — פינסטערער מזל מיינער, — צודרעהט, צוקרוטשעט, חלשות צו קוקען! דיא פיקטשעס פון אלבום צוריסען, דיא קאווערס פון דיא טשערס פער־פאטשקעט און געמאכט פון דער שטוב א הקדש. איך וויים אסור, ווען איך וועל דא דערגערען א טאלק מיט א לאר.

ס'אָרא גראָבע נפשות, צייט איך לעב, צייט איך שטעה אויף מיינע פיס, האָב איך נאָך אַזעלכע ניט געזעהען! האָסטו געהערט אויף דיין לעבען? אז מען געהט גוט־יום־טוב ביעטען, וואָליעט מען זיך אריין מיט דיא קינדער וויא יונגים, וויא זאַקוצניקעס, און פטור! ס'אָרא געשמד'טע העלדזער, זאָל מען בעהיט און בעשירעמט ווערען! וויא זאָגט מען עפּעס: ווער עס זעעט, און ווער עס שניידט, איך האָב אָנגעקאָכט, אָנגעבאַקט און אַלץ איז אריין אין זייערע טרעטבוכעס. אויסקריינקען, אויסבוואָריען זאָלען זיי עס, רבונו של עולם.

אַזעלכע קליינע שוואַרץ־יאָהרען, דאַכט זיך נאָך פון דער ערד ניט אָבגעוואַקסען און עס כאַפּט פשוט פון דיא הענד, כאַפּט עס. איך האָב עס נור אָנגעקוקט, וואָלט מעגליך געווען, וואָלטען זיי איינגעשלונגען דעם צימעס מיט דיא קניידלאַך מיט אַלעם מיט אַנאַנדער.

היינט איז דאָס אַזוי ציקאָווע, ניט געשעהען זאָל עס ווערען! וואָס אין הויז געפינט זיך האָבען זיי מיט זייערע לאַפּעס איבערגעהאַלטען, איבערגעטאַפּט, פונקט אין דער מאַמע געראָטען. זיא האָט אויך ליעב פערקוקען אין פרעמדע טעפּלאַך, מפּו, אַזאַ מזל אויף דיר מיט דיין משפחה.

און דיא קוזינע דיינע אַליין, איז דען בעסער? איין שוואַרץ יאָהר זיינען זיי אַלע! האָסט געזעהען אַ ביסעל אַ פוריע זי מאַכט, קיין קרומער איז גאָר צו איהר ניט גלייך! אַ יחסן'טע געוואָרען אין אַמעריקא! אוי, ני דאַי באָזשע איז איוואַנאַ פּאַנאַ.

האַ? זאָגען דיר אדרבה, וואָס האָט זיא מיר פאַר אַ שלעכטעס געטאָהן? וואָס האסטו געוואָלט זאָל זיא מיר טאָהן? אַזאַ כל־בו'ניצע, אַזאַ לא־היה'ניצע, האט זיך אָנגעפרעסען, אנגעזויפט, אנגעמאַכט אין שטוב וויא אין אַ שטאַהל און וואָס וועט זיין דער סוף? זיא וועט נאָכדעם געווים אוועקגעהן און מיר בערײדען. איך קען שוין דיא אורחים, פאַר ברויט גיעבען זיי אָב מיט שטיינער. אויסגעמאָריעט זאָלען זי ווערען.

אז ניט, איז זיא געקומען פון גוט־פריינדשאַפט וועגען, זאָל מיר אסור זיין! זיא איז געקומען ציינגען איהר נייע דרעס, איהר זומער־העט און דאס אַלעס. אַזאַ יאָהר אויף איהר וויא שעהן עס איז. עס פּאַסט איהר אַזוי, וויא אַ חזיר אַ שטריימעל.

וואָס זשע וויל איך פון דיר? מאַלע וואָס איך וויל? איך וויל שוין

גאר א סך; אבער א מענש קען אליין ניט נעהמען. ווען גאט זאל וועלען, וואלט איך געהאט א לייטישען מאן און ער וואלט אנדערש געפיהרט. וואס טויג מיר פריינד, שמיינד? אליין, איז דיא נשמה ריין; אבער וואס זאל איך טאהן, אז איך בין אריינגעפאלען אין אזא קלאגעדיגען גורל? א בראך צו דיר, אהן דיין משפחה קענסטו זיך גאר ניט א ריהר טאהן, אהן זיי ביסטו וויא א שייגעץ אהן א פייפעל.

אבער יאנקעל, נא מאהר, דער לעצטער מאל וועט דיר שוין זיין פערבעטען געסט. איך דארף ניט הארעווען פאר יעדער שווארץ יאהר. פאר יעדער טייוועל, איך האב ב"ה געגוג צו טאהן פאר זיך אליין, אויס-האלטען אזא פאסטאיאלעץ ווי דוא, איז אויך ניט קיין קלייניגקייט און מעהר בין איך ניט מחויב.

23טער קאפיטעל.

א סכסוך מיט א קאנדוקטאר.

חנה־פעסיל פאהרט אויף א קאר. זי פארדערט פון קאנדוקטאר א טרענס־פער ניט אין דער צייט ווען זיא בעצאהלט דיא פעיר, און ער וויל איהר ניט געבען. זי צו־ווערטעלט זיך מיט איהם אויף חצי גוי'עש, פאלאווינא אידיש און ער שטופט איהר ארויס פון קאר. בינו לבינו כאפט יאנקעל פון איהר א מיאוס'ע טפלה.

נו, נו, א יאזדע האב איך היינט געהאט. איך וועל עס גערענקען כל זמן איך וועל לעבען. אזעלכע טעג זאלען זיך, רבונו של עולם, גאר ניט אומקעהרען. איך בין דאך געקומען קוים א לעבעדיגע, בין איך דאך געקומען. אז איך וועל פון היינטיגער יאזדע ניט אבקריינקען, וועט עפעס זיין מיט נסים. אוי, אנ'אבקומעניש זאל עס זיין פאר מיינע זינד.

וואס איז שוין, פרעגט ער! וואס זאל זיין? קען עפעס זיין גוטס, אז איך האב דיר פאר א מאן! א מאדנע זאך מיט דיר, קיינמאל האסטו קיין צייט ניט, שטענדיג ביזי וויא א קאקערוטש, דאכט זיך, וואס האסטו צו טאהן? איינם מיט'ן אנדערען — גאר ניט מיט גאר ניט, לסוף קענסטו זיך ניט איספראווען און טוט נאך האבען ארויסהעלפערס! אז איך בין אזוי

איך פערלענגט מיט ארבייט איבער'ן קאפ. ביסטו מיר נאך מכבד פאהרען אין אפטאון, מיט א באנדעל, לאדען דיינע ביזנעס. ניטא ווער עס זאל לאבען; דוא האסט קיין צייט ניט, און איך האב יע.

מילא, מיר וואלט שוין ניט געארט, איך שטעה אודאי אום ארבייט, איך טרייטעל דאך אוים אזעלכע יאנקעלס פון ארבעל! ביי מיר שפיעלט א ראלע פאהרען אפטאון, אט אזוי וויא דיא שטוב אריבערגעהן; ווען איך זאל נור וויסען וועלכע קאר צו נעהמען, דיא צרה איז אבער מיט דיר, וואס ווען דוא זאגסט עפעס, זאגסטו מיט א האלבען מויל און מען קען קיין טאלק ניט דערגעהן.

וואס איז געוועזן? זאל איך אזוי וויסען פון קאנדוקטאר מיט דיר צו־זאמען! איך האב איהם געבעטען א בילעטיל, האב איך איהם געבעטען, האט ער מיר ניט געוואלט געבען, וואס איז, איך האב איהם געזאגט א ביסעל שפעטער, ניט ווען ער האט געוואלט. א פערדראסיגע זאך, אלע־מען האט ער געגעבען בילעטלאך און מיר ניט! וואס איז? מיין דרייער איז קיין דרייער ניט? בכן האב איך מסתמא ניט געשוויעגען, כאטש דער שווארץ יאהר קען זיך מיט זיי אוים־טענה'ן; אבער יאך ריידעלא, טא ריי־דעלא, אבי דאברע מיינעלא. נו, נו, איז ער אויף מיר אנגעפאלען מיט געשרייען, מיט זלזולים, אז גאט זאל היטען, און נאך אלעמען, האט ער מיר ארויסגעשטופט פון קאר און געלאזען שטעהען אין אזא פליוך רעגען מיט'ן באנדעל אין מיטען סטריט. איך בין אויסגעווייקט געווארען וויא א האהן און קוים וויא עס איז זיך דערפרעגט וויא אהיים צו קומען. ניט אנדערש ער איז געוועזן שכור צי משוגע, ווייס איהם דער רוח.

וועלכע קאר האב איך גענומען? איך ווייס וועלכע? א קאר, איז א קאר! וואס מאכט עס אוים? איך זאל זיך ריכטען, אז איך וועל גראדע אנטרעפען אויף א שיכור'ן קאנדוקטאר!

איך קוק עס מעהר ניט אן, אויף ציקאוועס, וויא מיין מאן זיצט זיך און עס זאל איהם גאר אנהויבען אארען, אקוראט וויא א פרעמדער! מען זידעלט דער ווייב, מען מאכט איהר צו אש און צו בלאטע, מען ווארפט זיך מיט איהר וויא מיט א פוילען עפעל, און ער מאכט זיך ניט ווימענדיג. אפילו ווען מען זאל מיך דער'הרג'ענען וואלסטו אויך געשוויעגען; איך קען דיר, יאנקעל, וואס קעהרסטו פאר דער ווייב? זאל א בעזים קעהרען.

וואָס זאָלסטו טאָהן? טאָהן זאָלען מיינע שונאים מיט דיא זייטען! וואָס הייסט, אַ הפקר וועלט איז דאָ? דוא ביסט דאָך אַ סיטיטשנער, בי־סטו דאָך! האסט דאָך אזא גרויסע דעה אין שטאדט. מאַכסט דאָך אַ פּרע־זידענט, און קיין זאַך ווערט ניט געטאהן אהן דיין הסכמה, — און אז מען דאַרף זיך אננעהמען דער אייגענער וויב׳ס קריוודע — ביסטו ניטאָ! אלע שוסטער געהען בארוועס.

וואס־זשע וויל איך? — איך וויל, אז דוא זאלסט ניט זיין אזא לע־מעשקע, איך וויל, אז דוא זאלסט דערינען ניט שווייגען, דוא זאלסט איין מאל פאַר אַלע מאל דיא קאמפּאַניע פערקלאַגען, און אנלעהרנען דעם פּאַס־קודנעם קאָנדוקטאָר, אַז ער זאָל ווייטער וויסען מיט וועמען ער האט צו טהון.

וואס? דוא דאַרפסט וויסען דעם נומער פון דער קאַר? וואס איז דיא נפקא־מינה? איך זעה שוין, יאַנקעל, אַז דוא זוכסט נור תירוצים, נאַ דיר גאר אַ נייע נייעס! מעהר ליגט מיר ניט אין זינען, נור איינקוקען זיך אויף דיא נומערן פון דיא קאַרס! דוא מיינסט, איך בין אין דיר גערעטען? דאס איז פאַר דיר אַנ׳עסק געהן און קוקען וואו פויגעלאַך פליהען, איך האָב, ב״ה, בילבערע זאַכען אויף מיין קאָפּ.

איך האָב געדאַרפט אַראָבנעהמען דעם נומער פון קאָנדוקטאָר? זאָל דיר נעהמען איך וויל שוין ניט זאָגען וואָס! אַז אָך און וועה איז מיר! דאַכט זיך, איך האָב אַ נדר געטאָהן, איך האָב געשוואָרען, אַז איך זאָל קיין קללה פון מיין מויל ניט אַרויסברייגגען; אָבער יאַנקעל בלאָז ברייננגט דערצו, אַז איך מוז שילטען! זעה נור וויא ער זוכט זיך עס אויסצודרע־העז. פערדישע קאָפּ וואָס דוא ביסט! וואָס הייסט, איך האָב געדאַרפט אַראָבנעהמען זיין נומער? פאָלג מיר אַ גאַנג און געה שלאָג זיך מיט אַזאַ גרויסען געזונטען גוי, ער וואָלט דאָך מיר צוריבען אויף מאָהן, וואָלט ער דאָך מיר.

איך האָב געדאַרפט פערשרייבען, מיינסטו? אַ שעהנער עסק, אַז מען פאָהרט ערגעץ, זאָל מען גאָר דאַרפען מיטפיהרען אַ טינט און פען! צייט איך לעב הער איך עס דאָס ערשטע מאָל, איך פערשטעה, משומד, אַז דאָס איז ניט מעהר וויא אַנ׳אויסרייד, אָבער איך וואָלט דיר וועלען פרע־גען, יאַנקעל: וואָס האָסטו מורא, דוא וועסט בייא זייא ניט זיין קיין שעהנע

מיריינע? מען האָט זייא אין דער ערד! פערשוויינ איין מאָל א חזיר, וועט ער אזוי שמיענדיג טאָהן.

וואָס קלעהרסטו נאָך, וואָס? האָסט נאָך אַ ישוב-הדעת? נעווער מאַי, אימיצער זאָל דיר אָנטרעטען, וואָלסטו זיך ניט געמאַכט אזוי תם'עוואַטע, און אַיינשטעלען זיך פאַר דער ווייב, לווינט זיך דיר ניט. צעהן בראָכען איז צו מיר, לייטישע מענער זיינען פאַר דיא ווייבער שטאָהל און אַייזען, לאָזען אויף זיי ניט אַ שטויבעלע פאַלען, און אויף מיר איז מעהר צרה וויא אויף גאָר דיא וועלט! צי דען בין איך טאַקי, חס ושלום, ערגער פון אַלע ווייבער?

אָנגעבען דיר סמנים פון קאָנדוקטאָר, וועסטו איהם פערקלאָגען? קלאָגען זאָל מען שוין נאָך דיין קאָפּ! וואס פאַר אַ סמנים א שטייגער איז דא אויף אַ קאָנדוקטאר? אַלע יונגים האָבען איין פנים! אט זאג בעסער, אַז דו ווילסט זיך ניט אַיינשטעלעַן פאַר דער ווייב און וואס טויגען דיא אומזיסטיגע טענות?

זעהסטו שוין, האַ, איך האָב דיר צוגעטראפען! אט דאס מיינסטו טאקי. איך ווייס, איך ווייס, מיר קען מען דיא צייהן ניט פערריידען, וואָלט מיר אַזוי פעהלעַן מזל, וויא מיר פעהלט שכל.

24טער קאַפּיטעל.

חנה־פעסיל און מאַקסים גאָרקי.

אָנפאַנגס זומער פון יאָהר 1906, ווען דער רוסישער שריפטשטעלער מאַקסים גאָרקי איז געווען אין אַמעריקאַ, האָבען דיא צייטונגען זעהר פיעל געשריעבען וועגען איהם, ווייל מען האָט איהם, צוליעב אַ געוויסע אורזאַכע, צוריקגעוויזען פון אַ פּאָאָר האָטעלס. חנה פעסיל דערוויסט זיך ווער מאַקסים גאָרקי איז און זיא פערלאַנגט אַז יאַנקעל זאל איהם פערבעטען אויף כבוד, און טאַקי ניט אַנדערש, אַזוי ווילט זיך איהר.

א נייע אנשיקעניש אויף מיר, נא דיר גאר א גאָרקי אויף מיין קאָפּ! מע; מאהר דאס ניט רעדען, אז דער אייבערשטער זעצט זיך אָן אויף א מענשען, מוטשעט ער איהם ביז אין טויט אריין. צייט איך געדענק האָב איך נאך קיין מאל קיין בערוהטע מינוט ניט געהאט. אַלע טאג מיט א נייע קלאג. איך ווייס ניט, בין איך עס טאקי זינדיגער פון גאָר דער וועלט?

זיטצען מענשען מיט רוהיגע קעפ און פאטשקען אין דיא פייפערס וואס עס איז ניטא צו הערען און צו זעהן, און פאר יאנקעל כלאפ'ן האט זיך שוין געפונען אנ'עסק! שוין, ער דארף שוין גאר ניט, א כפרה אלעס, זיינע גאנצע רעיונות איז שוין נור אריינגעטאהן אין גארקי'ן. אוי, גארקא און טיאמנא זאל דיר זיין, רבונו של עולם.

האסטו געהערט אויף דיין לעבען? א מענש זאל אלעס אראבווארפען פון זיין קאפ און נור אין זינען האבען איין זאך! זיצט וויא טאג אזוי נאכט און קייעט וויא א בהמה דיא זשויקע; אבער גארקי און ווידער גארקי, הכלל, הימעל און ערד און גארקי!

טאמער קומט אריין א מענש און מען וואלט אפשר רעדען פון ביזנעס, זיך מישב זיין וואו א דאללאר צו פערדיענען, איז אבער ווער מיט וואס, און ער מיט גארקי'ן! קיין אנדערע שמועסען איז גאר ניטא. אוי, אמעריטשקע גנב, פון יעדע נארישקייט מאכט מען א וועזען.

א אידענע בלייבט א אידענע, זאגט ער! אודאי בין איך א אידענע, וואלסטו נאר אזוי געווען א איד, וואלט שוין געווען אללעררייט, איך וואלט שוין אסור מעהר ניט געוואלט. עהע, ווען דוא וואלסט געווען א גאטס־פארכטיגבר איד, וואלט איך גאר אנדערש אויסגעזעהען. דיא צרה איז אבער, וואס דוא ביסט אזוי א איד, וויא איך בין א שטייגער, א רבי'צין.

אדרבא, יאנקעל, זאג מיר, לאמיר אויך וויסען, ווער איז עס דער גארקי דיינער? א רב? א גוטער איד? א בעל־שם? — אז מען מאכט אזא אויפצוג פאר א מענשען, מוז ער דאך צום וויינינגסטען עפעס זיין.

וואס? א שרייבער, א דענקער, א פרייהייטס־קעמפפער — זעה נור א ביסעל שבחים אויסגערעכענט! קיין בעסערע שבחים זאל מען ניט זאגען נאך דיין מטה, ווען דוא וועסט א מיתה משונה איינעהמען.

איך הער זיך דאס נור איין, וויא דער מויל פערמאכט זיך איהם ניט: סטיימש, אזא מענש, אזא טייערער אוצר, איהם זאל מען אין א האטעל ניט אריינלאזען! — טאקי א שאנדע פאר'ן הויז־קיפער, האסטו געזעהען? א וואושנע מעצאצע! וואס איז מיט איהם דער יחוס? א גוי, וויא אלע גוים!

אדרבא, אז ער איז שוין יע אזא וואויל געלעהרנטער, ניחא וואלט ער עפעס טאהן פאר דיא אידען אין רוסלאנד; ניחא וואלט ער אנשרייבען א פראשעניע צום קיסר, אז ער זאל ניט לאזען דיא גוים להומען זיך אי־

בער אידען. ווערע געשעהן, וועה געשעהן, אזעלכע צרות וואס מען הערט זיך פון דארטען אן, און עס איז ניטא ווער עס זאל פאר זיי א גוט ווארט רעדען. ניט אנדערש, עס איז משיח'ס צייטען.

הא? ער האט גענוג געטאהן, גענוג געשריעבען, גענוג גערעדט און איז שוין דערפאר אין אסטראג אויך געזעסען? פארוואס האסטו עס פריהער ניט געזאגט? זיך וויא עס איז אויסגעקליעבען אין א יאהר א תשובה! אז איך פרעג דיר, ווער גארקי איז און פארוואס מען מאכט פאר איהם אזא ווארע, דערציעהלסטו מיר מעשיות, וואס זיינען ניט ווערטה אנ'אויסגעבלאזענע איי, און דעם עיקר בעהאלטסטו אין בוזים! חולה ביסטו געווען עס מיר באלד זאגען? וואלט איך זיך דאך פערשפארט יאדען... אבער ביי דיר איז דאך ב"ה שטענדיג אזוי, פריהער דארפסטו ארויסנעהמען דיא עצמות און ערשט נאכדעם וויא דיא ווייב גריזשעט זיך אב דאס הארץ — קומסטו ארויף אויפ'ן אמת! א קיין אידישע טאכטער זאל עס ניט צוקומען, וואס מיר איז צוגעקומען.

וואו איז ער ערשט? כ'לעבען אזא מא... כאטש א גוי, איז א מצוה צו מקרב זיין. א גרינער נעבאך, ווענען האט ער דא? געה יאנקעל ברייננ איהם אהער, — לאמיר איהם כאטש זעהען און רעדען מיט איהם א פאר ווערטער.

וואס לאכסטו, וואס? לאכען זאלסטו מיט יאשצערקעס! זעה נור א ביסעל אויסגעשטשירעט צייהן, אזוי וויא א גע'פגר'טער פערד, וואס איז דא פאראן וואס צו לאכען, וואס?

אזוי? איך בין א נארר! א קלאג צו דיא פאטריכעס, אז איך דארף זיך ביי דיר שכל לעהרנען! זאג מיר, איך בעט דיר, וואס פאר א נאררישקייט האב איך דא געזאגט? פארוואס טאקי ניט פערבעטען איהם?

וואס? ערשטענס ווייסטו ניט וואו ער איז, און צווייטענס וועט ער ניט געהן? און דריטענס?... יע, דריטענס, זאלסטו אזוי לעבען, וויא דאס איז אמת! איך פערשטעה, דוא ציטערסט טאמער וועט מען איהם דארפען מכבד זיין, וועט עפעס קאסטען, איך קען דיר, יאנקעל, ביסט גוט, גוט, ביז'ן קעשענע. דאכט זיך, אזא גוטער פריינד, ער לאזט איהם גאר פון מויל ניט ארויס, און אז עס קומט צו א פאר סענט, איז אוים גוט-פריינד-

שאפס! אז אך און וועה איז דיר, דוא ווייסט אפנים וואו דיין שלעכטסקייט איינצושטעלען?

איך פרעג דיר מעהר ניט, יאנקעל, פארוואס אויף פערבעטען אלע מיטוואך און דאנערשטאג דיין שאטפאחע סטייעט דיר, און טאמער דארף מען א מאל א פרעמדען מענשען צופריעדענשטעלען, האסטו מורא דוא וועסט בדלות ווערען. גלויב מיר, אז א כפרה מעגען ווערען דיינע אלע פריינד פאר גארקי'ס מינדעסטען נאָגעל. סטייטש, א גוי וואס נעהמט זיך אן פאר אידען, אויף דיא הענד האט מען דאך אזא מענשען געדארפט טראגען.

אלץ דאס זעלבע, ער וועט ניט געהן און געקאנטשעט! איך האב דאך שוין דעם תירוץ איין מאל געהערט, צו וואס דארפסטו עס איבערקייען נאך א מאהל? איך ווייס אליין, אז א רעכטער מענש וועט צו יאנקעל כלאפ'ן ניט געהן; אבער א תירוץ איז דאס? מען געהט, מען שטעהט צו, מען בעט אזוי לאנג, ביז מען פועל'ט.

דוא ווייסט דאך ניט וואו ער איז? וועמען אַארט עס? ווייס יע, ווייס ניט; פון אונטער דר'ערד זאלסטו איהם אויפזוכען און ברייננגען! איך וויל האבען דיא זכיה מיט איהם צו רעדען און איך מוז מיינס אויס־פיהרען. הערסט יאנקעל, אויב דוא ברייננגסט איהם ניט, מעגסטו אליין אויך ניט קומען, געדענק, וואס איך זאג דיר אן.

25טער קאפיטעל.

ניטא פאפע, געה ליזליע.

ביי חנה־פעסלען טרעפט ערב שבת א סיבה: דיא פיש ווערט פערגאלט, דיא יויך לויפט אוים, דיא פלייש קעהרט זיך איבער אין אייוזען און דער צימעס ווערט פערברענט. אוים פערדרום זינגט זיא אָב א שעהן ביסעל „זמירות“ אויף יאנקעל'ס קאָפּ און הייסט איהם געהן שלאָפען א הונגעריגער.

„אשר קדשנו במצותיו וצונו להדליק נר של שבת.

לכבוד גאָט, לכבוד זיין געבאָט, לכבוד דעם ליעבען שבת קודש צינד איך אָן דיא הייליגע ליכט, און צוליעב דעם זכות פון דער מצוה פון ליכט בענשען, בעט איך דיר ליעבער גאָט, דוא זאָלסט עפענען דיא שערי

רחמים און מיר געבען לייטועליגקייט אין דיינע אויגען און היטען מיך פון אלע בעזע מחשבות"...

מען טאהר דאס ניט רעדען, עס איז שווער איינצוהיטען זיך פון שלעכטע געדאנקען, משטיינס געזאגט, דיא גרויסע פערגעניגענס וואס איך האב, דיא הארציגע דאליע וואס איך האב, איך וויים דען עפעס פון א לעבען? פערפינסטמערט, פער'חושך'ט ווער איך פון וויעגעל ביז צום גרי-בעל, מען איז דאך ניט מעהר וויא א מענש, מיט א גאל, מיט א יצר-הרע, היינט געה זיי א צדקת און זיי ניט מקנא לייטישע ווייבער, וואס האבען גוטע און פרומע מענער! וועה געשעהען, וועה געשעהען, דער זינדיגער מענש בעגיגענט זיך קיין מאל ניט מיט דאס, וואס גאט גיט איהם, ניט אומזיסט לעגט מען איהם שערבלאך אויף דיא אויגען.

„יהי רצון, עס זאל זיין דער ווילען פאר דיר מיין גאט און דער גאט פון מיינע עלטערען, אז דוא זאלסט דערוועקען דיין דערבארימקייט און אזוי וויא דיא הייליגע ליכט לייכטען, אזוי זאל לייכטען מיין מזל און דער מזל פון מיין מאנן"...

ניט זינדיגען זאל איך מיט דיא רייד, פאר אזא מאן וויא מיינער איז אודאי כדאי צו בעטען. ניט שטראפען זאלסטו קיין אידישע טאכטער, אז ניט איז ער עפעס א מענש? משטיינס געזאגט, ני מאווא, ני גלאווא, אפילו א קאטץ אנ'עק פערבינדען טויג עס ניט, און רעד מיט איהם, איז ער נאך דער בריה און לייגט מיר צעהן איילען אין דר'ערד.

„נר לרגלי דבריך, דיינע רייד פון דער הייליגער תורה איז א ליכט צו מיינע פיס. רבונו של עולם, דיא מצוה פון דיא ליכט אנצינדען זאל אנגענומען ווערען פאר דיר און דוא זאלסט מיר מזכה זיין מיט גוטע, פרומע קינדער, וואס זייערע אויגען זאלען לייכטען אין דער ליעבער היי-ליגער תורה"...

שור, א שעהן ביסעל וועלען זיי וויסען פון דער תורה, האבענדיג אזא טאטען, אז ניט אארט איהם עפעס פאר א קינד? אט אבי ער שטאפט אן דיא האָרלע זיינע און פאפט זיך גוט אוים, ווייטער מעג זיך דיא וועלט איבערקעהרען קאפויר. איז עס אויך ניט זיין באבעס דאגה, אבי ער פיהלט אן דעם טרעטבאך זיינעם און וואס דארף ער מעהר? אז אך און וועה איז מיר, פערשפיעלט אי דיא וועלט, אי יענע וועלט.

אם וועט שוין באלד דער פאסטאיאלעץ אראבקומען פרעסען, זאלען שוין אזוי דיא, וואס ווינשען מיר בעז, האבען געזונד. וויא איך האב איהם וואס צו געבען. געהארעוועט, געפראצעוועט א גאנצען טאג, זיך געבראטען ביי'ם אויוועז און וואס עסען איז, שונאי ישראל, פאראן א חולאת. אוי, וועה איז מיר, ווינד איז מיר, פערשטערט זיינען מיינע שבתים און ימים-טובים, זאל איהם שוין אזוי פערשטערט ווערען דאס לעבען, טאטע זיסער.

ועה נור א ביסעל אראבגעפאהרען מיט א גוט-שבת! טפו זאלסטו ווערען, א קול אזוי וויא פון א לייב, אזא געזונטעניש, אזא מויער, עס האט דאך כח פאר צעהן יונים, האט עס דאך! אזא גוטס זאלסטו האבען כל-זמן דוא וועסט לעבען, וואס פאר א גוטס איך האב פון דיר.

פערשטעהט זיך, דוא קומסט צום אלעם פארטיגען, איז דיר גוט, וואס געהט דיר דען אב? מעהר ניט וויא קדחת. וואלסטו אבער וויסען וויא איך ארבייט מיט דער גרינער גאל ביז איך ברייננ אריין דעם שבת, וואלסטו ניט אראבגעקומען מיט אזא ברייטקייט.

פון בעגינען אן האב איך זיך דאך ניט צוגעזעצט, איך האב דאך אפילו קיין צייט ניט געהאט, וויא זאגט יענער, דעם נאז אבצווישען: הור-הא, הור-הא, אזוי וויא דער אקס אין דער סאכע, וואס איז, יאנקעל כלאפ איז א יחסן, אבי וואס וועט ער ניט פרעסען, לאקאמקעלאך ווילט זיך איהם, און איך, נארישע אידענע, דארף אלע בלבולים אויסשטעהן, כאטש מיט'ן נאז דיא ערד אקערען און נאכגעבען איהם דיא שמד. א קאטאוועס, עולם הויזען וועל איך פון איהם האבען.

א סוף, דיא ווייב לעגט אזוי פיעל דעם לעבען, ניחאי וואלט עס כאטש ביי איהם געווען אנגעלייגט. ניין, דאס אויך ניט! א קלאג צו דיר, אנ'אנ-דער מאן וואלט דאך אזא ווייב, וויא איך בין, געוואשען דיא פיס און גע-טרונקען דיא וואסער, און ביי דיר איז עס אנגעלייגט וויא א הונד! עפעס אזוי וויא איך בין דאס א מחויב, ניין, יאנקעל, אין אונזערע תנאים שטעהט עס ניט.

אפילו דער סמבטיון, זאגט ער, רוהט אויף אום שבת! כף-הקלע זאלסטו געהן, זאל דיין טרפה'נע נשמה ניט האבען קיין רוה אויף יענער וועלט, וויא איך האב צוליעב דיר קיין בערוהטע מינוט ניט. זאל פיינע

בילדער אזוי דרעהען דער מח, וויא מיר דרעהט דער רוקען שטעהענדיג א גאנצען טאג און פארקענדיג זיך ארום שבת.

א סוף, זאגט ער, גיעב איהם שוין פרעסען. מיין הארץ־וועהטיג קען איך דיר געבען! זאלסטו אזוי האבען יאהרען, וויא איך האב וואס צו גע־בען! מעהר וויא חלה, חלשות, מיינע שונאים, איז ניטא. געגומען אזעלכע טייערע פיש — איז פערגאלט געווארען; דער צימעס פער׳שרפ׳עט, די יויך אויסגעלאפען, די פלייש איבערגעקעהרט אין אויווען, אזא מזל אויף דיר מיט דיינע רומס, א קיטשען אויף א היהנערשע פיסעל, עס איז דען פאראן וואו א ריהר טאהן זיך?

ווילסט ניט ליידען? נו, איז ניט געפיעדעלט! מיט איין, האט מיר קיין פעראיבעל ניט, אויף צעהן ירידי׳ן קען מען ניט זיין; איך בין ניט מעהר וויא א מענש, איך קען זיך ניט צורייסען. האסטו געזעהען, ס׳ארא אנשטעל ער מאכט עס? א קליינינקייט, עס וועט איהם א מאל די הארלע ניט דער־געהן! אזא סכנה זאל זיין מיט אלע קראנקע, וואס פאר א סכנה עס איז מיט דיר! בעהיט זאל מען ווערען, א מענש זאל אזוי זיין ארייגעטאהן אין דער אכילה.

ביזט הונגעריג? ניש־קשה, דער שווארץ יאהר וועט דיר ניט צוכאַ־פען, אויב דוא וועסט דערפון שטארבען, וועל איך אויף זיך א תשובה נעה־מען. אלץ איינס האב איך עפעס היינט אבגעטהאן מעהר פון דיר, און פרעג וואס האב איך געגעסען? פונדעסטוועגען רעד איך גאר ניט און דוא האסט מורא, עס וועט פון דיר א ביסעל סטערווע אבפאלען, נעווער מאי, עס וועט נאך מעהר פערבלייבען.

וואס זיצטו וויא אנ׳אנגעמאהלטער גולם? געה שוין פאפען, געה, ניטא פאפע — געה ליוליע.

26טער קאַפּיטעל.

אַ מחלוקת צוליעב אַ לענדלארד.

דאָס איז געווען מיט אַ פּאָאר יאָהר צוריק, וועהרענד עס איז אין נויאָרק געווען אַ „בום“ אויף פּראָפּערטי, האָט דער לענדלארד, ביי וועמען יאַנקעל האָט געהאַלטען אַ סטאָר, געריייזט דיא רענט. חנה־פּעסיל דערוויסט זיך דערפון, און וואַרפט אַרויף דיא שולד אויף יאַנקלען. זיא בעשליסט אַז זיא זאָל אַליין זיטצען אין סטאָר און מאַכען בעסערע ביזנעס וויא איהר מאַן.

וואָס בלאָזטו זיך שוין וויא אַן׳אינדיק? זעה נור וויא ער האָט עס אונטערגעשפּאַרט דיא קעפּעלע און פערקאַטשעט דעם שטערענדיל און זיצט וויא אַ נעבטיגער! וואָס איז, דיינע שיפען זיינען אונטערגעגאַנגען?

וואָס ווייטער ווערסטו, ב״ה, אַלץ מעהר עובר־בטל. אַ מענש זאָל שטענדיג זיצען פערטראַכט און ניט וויזען אַ פריינע מינע צו אַ וויב, צו אַ קינד. אוי, פּטור זאָל איך שוין פון דיר ווערען, וועט מיר זיין אַ ליכט אין דיא אויגען.

ווען אַ מענשען איז עפּעס אויסען, ווען מיט אַ מענשען פּאַסירט חס ושלום עטוואָס, דערצעהלט מען אדרבא דער וויב אויך. וויא זאָגט מען עפּעס: אָך או דוווך, און דאָס איז עפּעס אַזאַ מאָדנע בריאה, נור ער טור־ליעט זיך, נור ער בעהאַלט זיך! אין וויים ניט, וואָס פאַר אַ סודות קען עס אַ מאַן האָבען, וואָס דיא וויב זאָל ניט טאָהרען וויסען?...

הכלל, איך שוויינ און דוא שווייגסט אויך! מילא. דיר צו וויסען, דיר צו געניסען. איך זאָל אַלץ ווילען צום האַרצען נעהמען, וואָלט איך שוין לאַנג וויים איך וואו אָנגעשפּאַרט. אַ כפּרה ביסטו, אַ פערד האָט אַ גרויסע קאָפּ, זאָל ער דאגה׳ן...

ווער, זאָגסטו, זאָל אַ כפּרה ווערען? — איך, מסתמא! סטייטש, הולטאַי, כל־בו׳ניק איינער, פאַר וואָס האָב איך עס ביי דיר פערדיענט? נאָך בין איך אנטקעגען דיר ניט יוצא? אַז דוא האָסט נאָך קריוודעס פון מיר, איז שוין דיא וועלט קיין וועלט ניט! אַ קלאָג צוא דיר, טתו אַ הונד גוטס

בילט ער נאָך! אַז איך פרעג דיר וואָס דוא ביסט אַזוי פערזאָרגט, פאַרסטו נאָך אויף מיר אָן מיט קללות, מיט חרמות, אויף דיין קאָפּ זאָל עס פאַלען, טאַטע דערבאַרעמדיגער!

וואס? דוא מיינסט ניט מיר? וועמען דען מיינסטו? דעם לענדלער, זאָגסטו? איך פערשטעה, משומד, דער טאָכטער שילט מען, דער שנור מיינט מען! עס איז מעהר ניט, עס ווילט זיך מיר ניט מאַכען קיין בראַוואַריעס, וויא זאָגט יענער: ניחאַי ביערדאַ ספיט; אָבער ווייטער האָב איך דאָך אויף דיר געדאַרפט אויסקעהרען דעם פעלץ, אַז דוא זאָלסט מיר האָבען צו געדענקען! אַ העזה אַ ביסעל פון אַ גראָבען יונג. גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, ניט געשטויגען, ניט געפלויגען, שילטען זיך!

האַ? דוא שילסט עס מאַקי דעם לענדלער, דערפאַר וואָס ער האָט געריזט רענט אויפ'ן סטאָר? אַ רייז זאָל איהם ווערען אויפ'ן פנים! אַז ניט האָב איך עס פריהער ניט געוואוסט? לאָמיר כאָטש ויסען וויפיעל? אַ דאָלער, צוויי... האַ? דוא שוויגסט, דוא שעהמסט זיך שוין אויסזאָגען? זעהסטו שוין כאָטש, יאַנקעל? ערשט וויים, אַז אַ ווייב דאַרף אויך פון עפּעס וויסען. ווען דוא וואָלסט אָבער ניט געווען סאַם סאַפּאָזשניק און לאָזען זי'ער ווייב אויך מישען זיך אין דיא ביזנעס, וואָלט דערצו ניט געקומען. נעווער מאַי, מיט מיר וואָלט דער חזיר'שער לענדלער אַזעלכע ראָליעס ניט געשפיעלט.

אָבער קאָפּ דיר אָן קישען. איך האָב שוין אָבגעלאָזען דיא לייצעס, פיהר שוין וויא דוא פיהרסט. איך האָף צו גאָט, אַז דוא וועסט זיך אַרומזעהן און טויזענד חרטות האָבען, וועיל מען ווערט ניט געניט ביז מען קריגט ניט אַ שניט. וואַרט, וואַרט, עס וועט נאָך קומען אַ צייט. אַז דוא וועסט זיך קלאַפּען „חטאתי“ און מודה זיין, אַז חנה־פּעסיל איז אויך עפּעס, וואָס מען קען מיט'ן האַנד ניט אַוועקמאַכען.

אָבער זאָג מיר, יאַנקעל, וויפיעל האָט ער דיר געריזט? וואָס האָסטו מורא, איך וועל דיר עפּעס קאַליע מאַכען?... אָט דאָס איז דער ריכטיגער סימן פון דיא דימענטענע מענשעלאַך! דוא רייד, כאָטש ווער — שונאי ציון — צופיקעט רעדענדיג, און איהם אַארט עס וויא דיא וואַנד. וואָס איז, דער צונג איז דיר אָבגענומען געוואָרען?

וואָס? גאַנצע צעהן דאָלער? אַ צרה איז מיר געשעהען, אַ רוחער

האָט מיך געטראָפפען! וואו איז עס אזא זאך געהערט געוואָרען? צעהן מכות, צעהן סקילעס זאל איהם זיין! רעכט אזוי, גוט אזוי, מען בעהאלט זיך ניט פון א ווייב, מען מאכט ניט אב אט אזוי אונטערן איוועז. אזוי לאנג קרענקט ער פריהער אויף איין זייט, נאָכדעם אויפ'ן אנדערען זייט, וויא לאנג ער וואָלט עס ביי מיר ניט אויסגעפיהרט...

אוי, אז א נארר געהט צווישען דיא קראָטען — פרעהען זיך דיא קרעמער. אט ערשט ווייס איך וואו דער הונד ליעגט בעגראָבען. וויא קומט יאנקעל כלאָפּ צו ביזנעס? וויא קומט אזא גראָבי'ר נפש צו האנדלען מיט מענשען? עס טהוט דען וויא א מענש, עס רעדט דען וויא א מענש? עט, עס איז מעהר ניט בלומרש'ט, שכנא איך האנדעל, אָבער דוא האָסט אזא ידיעה אין ביזנעס וויא מיין לינקע פיאטע.

געוועהר מאַי, ווען דוא וואָלסט, נעהמענדיג דיא סטאר, גערעדט מיט א מויל, מיט א צונג, קלאָהרע דבורים, וואָלסטו ערשט ניט געדאַרפט דרעהען דעם קאָפּ; אָבער איך קען דאָך דיר, פונקט וואו מען דאַרף עפּעס רעדען, ווערסטו פערשטומט. דאָס ביסטו נור א בריה אין דער היים, אנט־קעגען דער ווייב, וויא זאָגט מען עפּעס: יעדער הונד אויף זיין מיסט.

וויא בעטראַכט עס ניט א מענש, אפשר ווייסט דיא ווייב אויך עפּעס? וויא דיא זאך איז, קאליע וואָלט איך דאָך געוויס ניט געמאַכט, און עס קען זיין, אז איך וואָלט גראָדע אייגגעבראַכט עטליכע דאלער.

אדרבא, זאָגט ער, איך זאָל פּרובען געהן צום לענדלער! אוודאי, דוא ווערסט אָנמאַכען צרות און איך וועל דיר געהן פּיקסען! ערשט ווען דער חלף ליעגט שוין אויפ'ן האלז, איז דיא ווייב גוט געוואָרען, און וואו ביסטו פריהער געוועזן? האָסטו געהערט אייף דיין לעבען, איך זאָל אריינ־פאלען וויא א יון אין סוכה און געהן לאַדען זיינע עסקים! פאַר וועלכע מעשים טובים? פערדרעה זיך דיין קאָפּ און לאָז מיך צורוה.

יאנקעל, פון היינט אָן און ווייטער ווערסטו ביי מיר ניט פיהרען דיא גאנצע קאָמאַנדע. מיין ניט אז דוא ווערסט מיר פערשפּאַרען אין הויז פאַר א דיענסט און דוא ווערסט זיין מיין ברויט־געבער. איך בין א דאַנק זיין ליעבען נאָמען ניט געבוירען געוואָרען אין וואַלד, איך ווייס אויך וואָס א וועלט איז, כאָטש ביי דיר בין איך אזוי שפל. איך קען בעשטעהען אליין

פיהרען דיא סטאר, און דוא, פילעסופ (פילאזאף) מיינער, טיק (זיטץ) אין דערהיים און קלעהר דיא וועלט.

27טער קאפיטעל.

דיא ניט געלונגענע פראבע.

חנה=פעסיל פרובט א טאג שטעהען אין סטאר, זיא טויג אבער ניט צו דיא ביזנעס און זיא האט חרטה אויפ'ן עסק. זיא גיט אן יאנקלען איהר רעזיגניישאן מיט א גאנץ ברייטען מענה־לשון און מאכט איהם צו אש און צו בלאטע. ענדליך שרייט זיא, אז ער זאל גאר אין גאנצען דיא סטאר אויפגעבען.

דער גרעסטער שונא קען עס ניט מהאן, וואס א מענש מהוט זיך אליין. אז עס איז בעשערט צרות, ווערט משמיינס געזאגט דער שכל אפ־געטהאן און מען בעגעהט דיא גרעסטע נארישקייטען. מען זאל אפילו זיין מיט צעהן קעפ, קען מען זיך פון צרות ניט איינהיטען.

א בעזע שעה איז אויף מיר געקומען און איך האב זיך נאך ביי איהם געדארפט אנבעטען, אז ער זאל מיר לאזען זיטצען אין סטאר. העגד און פיס ניחאי וואלט איך געווען צודרעהען איידער איך האב עס גאר אנ־געהויבען. אין אמת'ן צו מיינע יום=טוב'דיגע קליידער האט עס מיר גע־פעהלט! נו, נו, אנ'המוציא מיט האניג האב איך מיר געגוטען, געליבט ביסטו גאט פאר דעם און פאר אלעמען.

אזעלכע פאסקודסטוועס, אזעלכע קאשינירקעס בעהיט און בעשירעמט זאל מען ווערען. איידער מען לייזט בייא זיי א סענט, דארף מען דיא גאל אויסשפייען. מיט יעדע קאסטימערקע קומען אפשר צעהן סבין'טעס און מיט אלעמען דארף מען זיך דיא הארץ אבעסען. דיא אויגען פון קאפ קריכען פשוט ארויס ביז מען דערלעבט א שטיקעל סחורה ארויס'פטר'ן, וועמעס כחות איז עס מיט זיי צו האנדלען?...

זעה נור וויא ער ליעגט זיך וויא א שררה און שמעלצט זיך פאר שמחה, וויא איינער רעדט: האסט געגומען א קלאפאט אויף דיין קאפ, טא האלט זיך. האלטען וועט דיר, יאנקעל, ביי וואס איך וויים! וואס מיינסטו, דוא האסט מיך ארייגגעגארט אין זאק און אליין וועסטו זיין א פרייער

פויגעל? שור, איך וועל מיר אָבעסען מיין האַרץ מיט דיא ווייבערישצעס און דוא וועסט פאנעווען! ניט דערלעבען וועלען עס מיינע שונאים! אזא פוילער ליעגאטש, אזא פוסט־און־פאסטניק, טפו זאלסטו ווערען!

ניט אלע טאג, יאנקעל, איז יום־טוב, היינט איינמאל און מעהר קיין מאל, נא דיר גאר פערקעהרטע לאָקשען, איך זאָל איהם גאר ספרנס זיין! און וואס וועסטו טהאָן? קאפ אן וואנד זיך שלאָגען?...

שא, זאגט ער, ער וועט שוין מאָרגען געהן אין סטאר, געהן וועסטו ביי מיר אין ערגיץ אנדערש! אין סטאָר וועט ער געהן! אז ניט האסטו עפּעס פון דיין סטאר? אפילו וואסער אויף קאשע אויך ניט! אט אבי אָנ־שטאָפּען דעם לענדלער און ווייטער גאר ניט. ברענען, שרפה'נען זאלען דיא לענדלערס מיט זייערע הייזער צוזאמען! עס לוינט זיך טאקי האָרעווען פון זייערט וועגען, און צאהלען זיי רענט, אז קריכען זאלען מיינע שונאים אויף דיא ווענט, טאטע דערבארעמדיגער.

יאנקעל, אז מען קען ניט אריבער, מוז מען ארונטער, אז מען קען ניט זיין קיין ביזנעסמאַן, איז מען אנ'ארבייטער גלייך מיט אלע אידען. וואָס דוא וועסט טהאָן וועסטו מאַבען אַ לעבען, אַז מען איז ניט פויל, האָט מען אין מויל! אַזאַ געזונטעניש, אַזאַ יונ'ישע צירה, חולה ביזטו צו אר־ביימען? וואָס איז, עס פּאַסט דיר אפשר ניט?

וואָס? דו דערלייגסט ניט, זאָגסטו, צו דער סטאָר, דער באָבעס ירושה? אָח, איך פערשטעה וואָס דיר ציהט אַזוי צו דיא ביזנעס. אָט וויא דוא קוקסט מיך אָן בין איך ניט אַזאַ גרינע, וויא דוא מיינסט; ווער עס וויים איינם און איך וויים צווי... נור לאָמיר בעסער שווייגען.

אַזוי? בעסער אַ ביטערע בלאַט פון גאָט איידער דער האָניג פון אַ מענשען? דיא גוטע יאָהר זאָלסטו האָבען, וואָס דיר איז ליעבער צו האַנד־לען מיט דיא יענטעס איידער זיין פערקויפט צו יענעם? זעהסטו שוין, פריישאָל תרח נאַ דרך! אָט דאָס איז טאַקע דער אמת'ער אמת. אַז ניט קוקסטו עפּעס אויף אַ תכלית? ביי דיר חאַפּען אַ שמועס מיט אַ יענטע, וויא דוא זאָגסט, איז טייערער פון אַלעס. אַ שעהנער לייט ביסטו, אַזעלכע זיעבען יאָהר זאָלסטו האָבען!

געוואַלד געשריען! איך האָב עס אָנגעקוקט, וויא זיי האַלטען עס אַלע מיט איהם שטאָהל און אַייזען, קיין זאַך ציבעלעס וואָלטען זיי פּאַר

איהם נימו אָבגעגעבען. אַלע אין איין קול שרייען זיי: „מיט ר' יאַנקלען איז בעסער צו האַנדלען, מיסטער כלאָפּ בעהאַנדעלט זיינע קאָסטימער בעסער“. אַזוי וויא אויף אַ גוטען אידען פרעגט מען זיך אויף איהם נאָך: „וואו איז ר' יאַנקעל? וואָס איז דער מעהר מיט מיסטער כלאָפּ?“ — הכּלל. זיי קענען גאָר אָהן איהם ניט לעבען. אוי, ווען אַ קבר זאָל זיך מיר עפענען, וואָלט איך בעסער לעבעדיגערהייד אין דר'ערד אריין, איידער הערען אזעלכע שבחים אויף מיין מאַן...

נו, וואָס ווערסטו ערשט זאָגען? ווערסטו שוין כאָטש מודה זיין, אַז חנה־פעסיל איז ניט פון דיא צוויי פאַר אַ גראָשען? לעבען זאָל טאַקי מיין קאָפּ! איך האָב זיך אויף איין טאָג אַריינגעכאַפּט אין סטאָר און איך ווייס שוין אַלעס. האָסטו זיך יאַנקעל, גערעכט אויף אַזאַ מפּלה?

האַ, שמד'אַלניק? איך ווייס ניט וואָס איך רעד? הלואַי וואָלט איך טאַקי בעסער ניט געוואוסט, וואָלט מיר אַ סך געזונטער געווען! אַז מען ווייס נימו — ווייס מען ניט, טהוט כאָטש דאָס האַרץ ניט וועה; אָבער צום שלים־מזל דאַרף עס מיר אָנטראָגען און איך דאַרף זיך פון אַלץ דער־וויסען. אַז עס איז בעשערט צרות, טרעפט עס אויפ'ן גלייכען וועג.

הכלל, וואָס־זשע וויל איך? זאָגען דיר דיא אונטערשטע שורה? אַ בראָך נאָך דיין צורה! ער רייצט זיך נאָך, דער ימח־שמו'ניק, דו מיינסט אפּנים, אַז דו ווערסט נאָך ווייטער אויך אַזעלכע געשעפטען פּראַווען? זאָלסטו שוין דאַמאָלס לעבען, ווען דו ווערסט זיין אַ סטאָר־קיפּער! וואָס איז, נור אַ סטאָר־קיפּער לעבען? — איך זאָג דיר, יאַנקעל, פריהער, אויב דו ווערסט דיא סטאָר ניט אויפגעבען, ווערט זיך טהאָן חושך, איך וויל ניט, ניין, און טויזענד מאָל ניין!

28טער קאַפּיטעל.

חנה־פּעסיל האָט יאָהר־צייט.

ויא האָט כמעט פערגעסען אָן דעם, און זיא האָט טענות צו יאַנקלען, פאַר וואָס ער האָט איהר ניט דערמאָהנט. אגב וויל זיא, אַז ער זאָל זאָגען אַ קדיש נאָך איהר מאַמען. זיא טענה'ט, אַז איהר מאַמע האָט אפילו אַ פּרק משניות אויך פון אײדעם פערדיענט, דערפאַר וואָס זיא האָט איהר, חנה־פעסלען, אויסגעהאָדעוועט, זאָנסט וואָלט אפשר יאַנקעל אַנ'אויי־ביגער בחור פערבליבען.

אום איין האאר, משוט, משוט האָב איך געקענט פערגעסען, אַז איך האָב

היינט יאהר־צייט. דאכט זיך פון ווען אן איך האב עס אין זינען און אז עס איז געקומען דערצו האב איך פערגעסען אזוי וויא אן טוידט. אוי, אמעריטשקע, אמעריטשקע, איבערקעהרען האט זיא זיך געזאלט איידער איך האב זיא דער־קענט.

ווואלט איך אפשר אין דער היים פערגעסען דער מאמעס יאהר־צייט? נעווער אין לעבען! און דא איז עפּעס א משוגע'נע וועלט; שטענדיג אין רעש, אין טומעל, הו־הא, הו־הא, אזוי ווי אויף א יריד. עס פערגעהט דא אזעלכעס, אז מען קען אפילו אין גאט אויך פערגעסען.

ביי טאג איז נאך סיאק, טאק, דיא קינדער פערשטיפען זיך אין סטריט און דערקוטשען מיר ניט אזוי פיעל; וויא אבער עס שטעהט אן דער אבענד, מאכען זיי מיר פּשוט דול און משוגע. דאס קינד וויל עסען; דאס צווייטע־זויגען; דאס דריטע־שלאפען; דער ליארמט, דער קוויטשעט, דער שרייט, עס טהוט זיך א גאנצע ק״פעליע. דער קליינער שווארץ יאהר ווערט משוגע און רייסט זיך אזוי גלאט אין דער וועלט אריין, אזא האָרלאטש, זייט איך לעב האב איך נאך אזעלכעס ניט געזעהן! איך ווייס אסור אין ועמען איז עס געראטען, און איך איינע דארף אלעמען איינהאווירען, אלעמען איינלאדען, איך טופּטשע אום וויא דער פערד אויפ'ן מיהל, דא אהין, דא אהער און קען קיין טאלק ניט דערגעהען. זאלען זיי געזונד זיין, זיי דארפען, אן עין הרע, אן עקסטרא מענשען האבען.

אבער למאי זאל איך אויף זיי פאראיבעל האבען, אז דער שמאטע (טאטע) זייערער איז אויך ניט בעסער! סטייטש, א מענש זאל דיא קלענסטע זאך ניט וועלען טראגען אויף זיין קאפּ! אז איך בעט איהם נאך פאר עטליכע וואכען: יאנקעל דו וועסט מיר דערמאהנען ווען איך האב יאהר־צייט, האט ער כלומר'שט צוגעבאמקעט, און אז עס איז געקומען דערצו, איז א נעכטיגער טאג! ווייס נור צו קומען ווי א זאקוצניק, און פאדאוואי! גיב איהם פרעסען, שטאפּ אן דעם טרעמבאך זיינעם, און מעהר דארף ער ניט! אנם איז געשעהן, וואס עס איז מיר אויפ'ן זינען ארויפגעקומען; ווען חלילה ניט, וואלט איך משטיינס געזאגט, אפילו דיא שטיקעל ליכטעל פאר דער מאמע'ס נשמה ניט אנגעצונדען.

וואס קומט איהם דערפאר, אז ער האט פערגעסען, זאגט ער! קיין קוש אין שטערען געווים ניט! נעווער מאי, ווען דו וואלסט געווען א געטרייער איי־דעם; וואלסטו ניט פערגעסען! אבער איין איידעם ביסטו? א שדים ביסטו, ניט קיין איידעם! מיר, און אלע מיינע גוטע פריינד זאל גאט היטען פון אזעלכע איידעמס.

אבער איין עבירה דיא רייד, שיין אזאך וואס פערפאלען און איך וויים, אז אפילו דער טייוועל אליין וועט דיר שוין אויך ניט איבערמאכען. נור פון דעסט וועגען, אפשר איז א סברא, יאנקעל, אז דוא וועסט געהן שלאפען, כדי דוא זאלסט קענען אויפשטעהן אביסעל פריהער, געהן אין שוהל אריין דאוונען, מאכען דער שוויגער א מלא און שענקען איהר א קדיש? בילעבען, אז זיא האט עס ביי דיר בשר פערדיענט.

ביי לייטען, וועמען גאט העלפט, לערנט אן איידעם א פרק'ל משניות גאך'ן שווער אדער דער שוויגער; נור ביי דיר איז דאך ב"ה: משניות, ניץ ני זגאיעש. טא זאל זי כאטש האבען פון דיר א קדיש...

דו שווייגסט, הא? עס ווייזט אוים, אז א צו גרויסע משא האב איך אויף דיר ארויפגעלייגט! א שפאס? איך הייס איהם געהן דאוונען, פערדאווועט און פער־דושעט זאלען מיינע שונאים ווערען, דאכט זיך, אז מען קען זיך דערמיט ניט איבערהויבען...

וואס, דו וועסט געהן? א שעהנעם דאנק דיר פאר דער טובה. דוא מיינסט הפנים, אז דו וועסט מיר דערמיט דעם לעבען שענקען. גלויב מיר יאנקעל, אז מיין מאמע — ליכטיג זאל איהר זיין אין קבר — פעהלט אזוי דיין קדיש, אט אזוי ווי מיר פעהלט ערשט קאפ־וועהטאג; איהר הייליגע נשמה רוהט געווים אין גן עדן אהן דיין קדיש אויך. א גוטע בעטערין זאל זיא זיין פאר מיר, און ארע מיינע גוטע פריינד, אזא צדקנית וויא זיא איז געווען, אזא גאט'ס פארכטיגע, הלואי אויף מיינע קינדער געזאגט, וואלט איך גאר בעסער ניט געוואלט. עס איז מעהר ניט פערדראסיג, פאר וואס זאלסטו וועגען אזא קלייניגקייט נאך דארפען א ישוב הדעת האבען?

עס חלום'ט זיך מיר, זאגט ער! ער האט גאר קיין ישוב הדעת ניט! א לאס־קע זאך, אז איך האב זיך אנגעבולען ווי א צויג, האב איך וויא עס איז גע'פועל'ט; ווען דוא זאלסט אבער זיין א מענש, האב איך דען געדארפט א ווארט רעדען? דוא האסט זיך דאך געדארפט אליין אנכאפען! פאר וואס ניט? אז מיין מאמע, עליה השלום, האט מיר אויסגעהאדעוועט פאר דיר, איז זיא אויף נאמנות ווערטה, דוא זאלסט דיא שטיינדלעך פון איהר קבר קושען, ניט נאר אב־באלעבאטשען א שטיקעל קדיש.

וואס? א וואזשנע מציאה, זאגסטו? א כפרה זאלסטו ווערען פאר איהר זאמד! אפשר איז דיין מאמע געווען א שעהנערע אידענע? אט ווי דו זעהסט צו־

שפאלט איך דיר דעם מוח דיינעם, ווי ססייעסטו דאס, גראבער יונג דוא, רעדען א שלעכט ווארט אויף מיין מאמע, וואס איז שוין אויף דער אמת'ער וועלט?...

הא? דו מיינסט, אז דער קדיש זאגען איז ביי דיר ניט קיין מציאה? דוא וועסט זאגען כאטש צעהן קדישים? לעבסטו אזוי וויא דוא האסט עס געמיינט! אויב דוא האסט ניט געמיינט דיא מאמע מיינע, האסטו עס געמיינט מיך...

א בראך צו דיר, איך בין ביי דיר קיין מציאה ניט! וואס וואלסטו געטויגט אהן מיר? שעהן וואלסטו אויסגעזעהען, ווען דוא וואלסט מיר ניט געהאט פאר א ווייב, דוא וואלסט שוין לאנג געווען דארט וואו מיין מאמע איז.

יאנקעל, אומזיסט דיין פערענטפערען זיך, איך וויים, אז דוא טהוסט זיך קיין מאל ניט א ריהר אהן א שטעכווערטעל, איך קען דיר גאנץ גוט, הלואי וואלט איך דיר בעסער ניט געקענט.

29טער קאפיטעל.

גריגס אויף שבועות.

יאנקעל ערווארטעט א גרינעם פלימעניק אויף שבועות. חנה־פעסיל דערוויסט זיך דער־פון, און עס טהוט זיך תשך. זיא זאגט, אז זיא וויל איהר מאן'ס משפחה ניט האבען בייא איהר אין הויז, און אויב יאנקעל וועט דעם גרינעם ברייגגען, וועט זיא איהם מאכען א פינסטערען אקדמות, און ער וועט האבען א פייג, ניט בלינצעס.

וואס פאר א בריוועל לייענסטו דארט? וואס, עפעס א סוד אין באד? איך טאהר עס ניט וויסען? עפעס האסטו מיר, יאנקעל, אנגעהויבען האבען צופיעל סודות.

וואס פאר א סודות, זאגט ער! וואס דען, ניט קיין סודות? ווען מען וויל עס זאל ניט זיין קיין סוד, קומט מען צוגעהן און מען זאגט: חנה פעסיל, עס איז דא א בריוועל, מען זעצט זיך טאקי אנידער און מען לייענט איבער, ניט ווארטען ביז דיא ווייב וועט זיך לייגען שלאפען.

ער איז ערשט געקומען! וואס מאכט עס אויס, ערשט געקומען, פריי־הער געקומען! פון מיינטוועגען האסטו געמעגט גאר ניט קומען, איך וואלט אביסעל דאגה'ן און דיא רעשטע אויפהערען, א נפקא מינה, ערשט געקומען, שפעטער געקומען, ווען מען וויל זיך ניט בעהאלטען פון דער ווייב, בע־האלט מען זיך ניט. עס, א תירוץ פאר דיא ווארצען.

ער האט געמיינט, איך שלאָף! נו, האסטו מיר געזשאלעוועט ווע־קען? אַזוי געטריי ביסטו מיר? חלש'ן דארף מען, אַזאַ לא־היה'ניק. בײַ איהם דעם גרעסטען ליגען אָבזאָגען איז אַקוראט וויא אַ גראשענעם בייגעל אויפעסען! אדרבא, קוק מיר יאנקעל, גלייך אין דיא אויגען און זאג עס נאך אמאל...

נו, שוין! האט ער שוין פעררוקט דעם בריוועל אין קעשענע און געקאָנטשעט! וואס מיינסטו, יאַנקעל, דוא וועסט זיך פון מיר אַיינבעהאל־טען? מאַכט רש"י: לא זוכה! יאַנקעל, דוא זאלסט מיר שוין זאגען וואס פאר אַ בריוועל דאָס איז; אָבער מאקי באלד, דיא מינוט; ווען ניט, וועט זיך טאהן מיאוס...

גאר ניט, זאגט ער, א בריעף פון יוראָפּ! עס איז אזוי פון יוראָפּ, פונקט וויא איך בין פון ארץ־ישראל! לעבסטו אזוי, כל־בו־ניק! יאנקעל, פערדרעה זיך דיין קאָפּ, ניט מיינע...

וואס? דיר איז שוין דער קאָפּ גענוג פערדרעהט? פערדרעהט זאל דיר מאקי ווערען אויף אַן אמת! זעה נור, וויא ער לאזט גאר ניט עפענען אַ מויל טרעפען זאל דיר אַ קויל! וויא נאר איך רייד אויס אַ ווארט ווערט ער אָנגעצונדען, אַקוראט וויא איך זאל איהם ווייס איך וואס טהאן! פון וואנען ביסטו עס אזוי ציטעריג, ווייס איך אסור.

אָה, דיר פערדריסט, וואס דו האסט אַ צו קלוגע ווייב, וואס פער־שטעהט זיך אויף דיר; אַ חסרון, דיא כלה איז צו שעהן! אז אָך און וועה צו דיין שכל, וואס וואלסטו געטויגט ווען דוא וואלסט נאך געהאט אַ ווייב אַזאַ גולם וויא דוא? באשר איך פערשוויינ, פערגלעט און לאז' ניט צו, צו לייטישע געלעכטער, אַן אַנדערע אויף מיין פלאטץ וואלט דיר אלע טאָג געוואָרפען דעם גט פאר דיא פיס! נארעלע, בעסער מיט א קלוגען צו פערליערען, איידער מיט אַ נארר צו געווינען...

נו, הכלל, וואס הערט זיך מכּח דעם בריוועלע?..

אויף דיינע נאמנות, אז פון יוראפּ! כשר'ע נאמנות בײַ דיר, אויף דיין ווארט קען מען אַ קלויסטער בויען. זאל איך עס פערמעגען, וואס איך וואלט אויף דיינע נאמנות ניט געטרויעט; אָבער איך פרעג דיר, יאנקעל, זאָל שוין זיין וויא דוא זאגסט, אז פון יוראפּ, נו, טאָהר עס דיא ווייב ניט וויסען?...

ניטא קיין לשון און נענוג!... אוי, יאנקעל, דיין שווייגען געפעלט מיר גאר נים. איך וויל עס פון מיין מויל נים ארויסברייינגען, אדאי עפעס א שלעכטע בשורה פון מיין שוועסטער... יאנקעלע, הארצעלע, קרוינעלע, זאָג, וואס איז דארט געווען? וועה איז מיר, ווינד איז מיר, גאָט דער לע־בעדיגער אין הימעל וויים, וואס דאָרט האט פאסירט. אפשר פאנראמשצי־קעס בעפאלען, אפשר אַ שרפה געווען? געוואלד, ראטעווע, זאג דעם אמת...

האָ? גאר פון דיין ברודער? אוי, אַ שטיין פון הארצען אראבגעפאלען; אָבער איך וועל דיר נים גלויבען, ביז דוא וועסט מיר נים איבערלייענען וואס אין בריעף שטעהט...

וואָס? ער שרייבט אַז ער האט ארויסגעשיקט... וואָס? אפשר א מתנה פאר דער שוועגערין? נו, מהיכה תיתא, פון אַ חזיר א האָאר איז אויך גוט!...

הא? גרינס אויף שבועות, שיקט ער? טפוי זאלסטו ווערען, מיט איהם צוזאמען! האָסטו געהערט אַ מתנה ער שיקט? זיינע קינדער צו זייערע חתונות, זאָל ער קיין בעסערע מתנות נים געבען! ניטא ווער עס זאל לאַכען, איך זאל אַזוי געזונד זיין! אַזוי וויא דוא ביסט, אַזוי איז דיין ברו־דער און אַזוי איז דיין גאַנצע טרפה'נע משפחה.

אַ געלעכטער אויף זיין קאָפּ! איך וויים נים פון וועמען איז פאראן מעהר צו לאַכען, פון מיר צי פון דיר און דיין ברודער, דעם פאסקודא! גאָר אַ נייע מאָדע געמאכט, וויא דיא ווייב רעדט אוים אַ וואָרט, שצירעט ער זיך פערנאַנדער און ווערט גור וואָס נים דערשטיקט פון געלעכטער.

וואָס זאָגסטו? אַ גרינער באַי זיינער קומט אהער? — אַזוי? אָט דאָס מיינסטו גרינס? נו, וואָס זשע דענקסטו, יאַנקעל? דוא וועסט איהם אפשר ברייינגען אַהער? זאָג איך דיר פריהער, אַז נים! געווגג, אַז איך ליוד פון דיר; זאָל איך נאָך ליידען פון דיין משפחה? אין מיינע תנאים שטעהט עס נים!

וואו דען וועט ער זיך אהינטאָהן, זאָגסטו! זאָל ער געהן אין הקדש. אין הכנסת אורחים! בין איך עפעס מחויב צו פערזאָרגען אַ וועלט?

יאַנקעל, אויב דוא ווילסט נים האָבען קיין פערשטערטען שבועות, אויב דוא ווילסט הנאה האָבען פון דיא בלינצעס, — זאָלסטו איהם אהער

ניט בריינגען! הערסט, איך זאג דיר אָן, אז איך וועל דיר ארויסיאָגען מיט איהם צוזאמען.

30טער קאפיטעל.

א שבועות'דיגער מאנאלאג.

ביי'ם מאכען בלינצעס, ערב שבועות ביי נאכט, זעהט זיך חנה־פעסיל ארום, אז דער מאן איהרער לערענט ניט און פאָלגט ניט וואס אין דער תורה שטעהט, זיא זאָגט דארום, אז ער איז ניט בערעכטיגט צו דיזען מילכיגען מאכל פון זמן מתן תורתנו און זיא צאָהלט איהם א שעהנע פאָרציע. אגב וויל זיא ניט ליידען, וואס יאנ־קעל'ס גרינער פלימעניק איז ביי זיי יום־טוב, און זיא גיט איהם דערפאר אויך א גאָב.

וואָלט מיר אימיצער פרעגען, וואס שטעה איך א גאנצע נאכט און פארקע זיך מיט דיא בלינצעס? פאר וועמען? פאר וואס? צו וועמען געה איך אָדער ווער געהט צו מיר? א קאטאָוועס, דיא געסט וואס איך האב וועלען זיך קענען קראטצען אהז בלינצעס.

יע, מיין באלעבוואס (כ״ל־הבית) האט מיר אפילו פערזאָרגט מיט איין אורח; אָבער איך בין פון איהם אזוי צופריעדען וויא פון מיין מאַ־מע'ס טוידט. געהט נעכטען און בריינגט מיר אראב א פלימעניקעל, א גרינע חיה, אזא געזונדער בלאָפאק, דעם שווארץ יאהר מיט דיא הערנער וואָלט ער אויפגעפרעסען; אזוי וויא ניט אין זיך שטאָפט ער דאך; וועמעס כוחות איז עס צו נאוואָליען אזעלכען מיט בלינצעס.

וואס? פון וואנען וויים איך, אז ער איז אזא גרויסער פרעסער? פאר וואס זאָל איך ניט וויסען? נעווער מאי, מען זעהט נאך דיא באקען וויא דיא צייהנער קנאקען! אזוי פיעל טויזענדער זאָל איך, רבונו־של־עולם, פערמאָגען, פיעל בלינצעס ער קען אויפעסען.

דער טייוועל וויים, ס'ארא פראקליאטע נאטור ביי מיר איז. דאכט זיך איך האב געשוואָרען, אז איך וועל איהם אין שטוב ניט אריינלאָזען,

און אז עס איז געקומען דערצו, האָב איך זיך געלאָזט איבעררײדען. ניט אומזיסט זאָגט מען, אַז ווייבער זײנען גרינג אויף דער דעה.

זאָלען עס זײנע שונאים פערמעגען, וואָס מען וועט צו איהם דער־לײגען, זאָגט ער! זאָלען עס מײנע שונאים האָבען, וואָס איך וועל פון איהם פערדינען! פערשטעהט זיך, וואָס אַרט עס דיר, אַז דיא ווייב טומשעט זיך? קאַטשען זאָלען זיך אַזוי מײנע בײללער אויף דיא בײכער, וויא איך שטעה אַ גאַנצע נאַכט און קאַטשע דיא לאָקשען און אין ווענעס טרעט־באַך וועט עס אַרײן, אויב ניט אין דײנעם און דײן אורח'ס?...

אין אמת'ן, צו וואָס טויג דער גאַנצער טאַראַראַם? משטײנס געזאָגט, נאָך דיא סך תורה וואָס מײן מאַן לערנט דאַרף מען אָסור די בלינצעס! אָט זיצט ער און קלעהרט דיא וועלט און נעהמען אַ אידיש וואָרט אין מויל, דאָס ניט.

לײט זיטצען ערשט און זאָגען תיקון־שבועות. מילא אַ גאַנץ יאָהר וויא אַ גאַנץ יאָהר, אָבער וויא זאָגט עס ניט אַ איד עפּעס אום שבועות? אויף וואָס האָט מען בעשאַפען תיקון־שבועות'ן אויף דער וועלט? ניחאַ וואָלסטו כאָטש וועלען יוצא זײן פאַר דער ווייב, איז דאָס אויך ניט.

נעווער מאַי, פון מצות עסען האלסטו גאַנץ שטאַרק. עפּעס אַ קלײ־ניגקײט דיא האָרלע! דוא וואָלסט דאָך אפילו טאַטע און מאַמע פערקויפט פאַר דיא האַלדז. לערנען אָדער הימען וואָס אין דער תורה שטעהט דאָס פערבײנסטו ב"ה, און בלינצעס מוז זײן! אַלע גראָבע יונגען זײנען שמחת תורה שיכור.

אָבער אַ סוף, מיר וואָלט שוין ניט געאַרט, ווען איך וואָלט כאָטש געהאָרעוועט פאַר זיך אַלײן, אָבער שטעהן און קאַטשען זיך, שונאי ישראל, פאַר אַ פרעמדען, בין איך דאָך געוויס ניט מחויב. וואַרט, דוא וועסט זעהן, אַז דוא וועסט פון איהם האָבען אַזאַ פּאָדיאַקע (דאַנק), וויא מען האָט פון אַלע גרינע! איך טענה מײנס, אַז עס איז בעסער צו זײן גוטע פרײנד פון דער ווייטענס. דוא וועסט נאָך, יאַנקעל, אמאָל מודה זײן, אַז חנה פעסיל'ס אַ וואָרט דאַרף מען קושען. אַזוי גוט, אַזוי וואויל וואָלט דיר געווען, ווען דוא וואָלסט מיר שטענדיג געפאָלגט.

אָבער דוא פאָלגסט אַזוי דער ווייב אַזוי וויא דוא פאָלגסט גאָט. אַ ווערדע האָט בײ דיר דיא ווייב! פאַר אַ שמעק טאַבאַק וואָלסטו זיא

אַרויסקנעבּעלן, און איך נאַרר שטעה און מאַך בּלינצעס פון ווינטוויענען! אַ מצוה וועל איך האָבּען, מעהר מצוה וואָלט, אויף נאמנות, געוויען איך זאָל זיך אויסרוהען. איך האָבּ אַזוי כח צו מאַכען דיא בּלינצעס אַקוראַט וויא איך האָבּ כח דיא פּראָפּעטי אויפהויבּען, איין גאָט דער לעבּעדיגער אין הימעל ווייסט דעם אמת.

וואָס? דוא בּיסט מיר מוחל דיא בּלינצעס? וואָס דען וועסטו פרע־סען, שטיינער מיינע שונאים? אַפּיקורוס, משומד־צו־להכעיס, אָט דאָס וואָס עס איז אַ מצוה צו עסען, וויל ער דוקא נים! אוי וועה, וואָס עס טוהט זיך אין טייטש־חומש און אין גדולת־משה וועגען מתן־תורה, דיא האָאָר שטעלען זיך אַזש קאַפּויר, און מיין מאַן אַארט עס וויא דיא וואַנד! לא־די, ער לערנט ניט, נעהמט ניט קיין ספר אין האַנד, איז אַפּילו בּלינצעס עסען אויך בּיי איהם אַ שווערע זאַך, וואָס איז, ווייל דיא היילינע תורה האָט גע־הייסען מען זאָל עס יא עסען! נו, פרעג איך דיר, בּיסטו ווערטה וואָס דוא לעבּסט אויף דער וועלט?

נו, וואָס האָסטו זיך שוין אַנגעבּלאָזען וויא אַן אינדיק? אַ משיקאָווע זאַך, וויא מען זאָגט איהם אַ וואָרט, ווערט ער בּרוגז, מען טאָהר איהם גאָר אַן אמת נים זאָגען! זאָלסטו שוין, יאַנקעל, דאַמאָלס לעבּען, ווען איך וועל צו דיר רעדען...

האַ? דיר שלעפערט זיך? און תיקון־שבועות וועסטו טאַקי ניט זאָגען? ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגען? געה שוין אין קלויסטער און שמד זיך אָבּ! אַ סוף, אַן עק! עפּעס מוז מען דאָך זיין, אויבּ ניט אַ איד, דאַרף מען זיין אַ גוי! אַ הונד האָט קיין אמונה ניט, אָבּער אַ מענש מוז האָבּען אַן אמונה.

און דוא מיינסט איך וועל זעהר דאגה'ן, אַז דוא וועסט עס אָבּטהאָן? אסור מיר, אפילו אַ לעק אויך ניט. פון מיינטוועגען מעגסטו זיך איבּערקו־ליען האָטש בּאַלד! אַ שעהנע, ריינע כפּרה.

31טער קאפיטעל.

חנה־פעסיל מופט.

ווען מען האלט אין מופען, האט קיינער קיין גרויס נחת ניט. בפרט נאך אזא בחורה
וויא חנה־פעסיל, קען געוויס ביי אזא געלעגענהייט דערגעהן דיא יאהרען.
דא געפעהלט איהר ניט וויא יאנקעל פאקוועט איין דיא געשיר,
דא דאכט זיך איהר, אז ער האט עפעס צוברעכען, אז ער
האט איהר קלייד צוקנייטשט און נאך אזעלכע
זאכען, און בינו לבינו לייענט זיא
איהם א צעטעל, אז עס
פערגעהט איהם אין
פח הערענדיג.

יאנקעל, יאנקעל, טאמער וואלסטו שוין אנגעהויבען אויפשטעהן? ביז וויא לאנג איז דער שיעור צו ליעגען און גענעצען? וויא, דוא האסט פערגעסען אז מען דארף מופען? מארגען איז דאך דער ערשטער, דאס לעצטע מאל זאל איהם שוין זיין, דעם פאסקודנעם לענדלער.

אלע מאל א סדרה מיט מופעניש, שלעפ זיך אום אלע מאנטאג און דאנערשטאג מיט דיא פעקלאך, וויא דיא ציגיינער. זאל זיך איהם אזוי ווער־לען לעבען, וויא מיר ווילט זיך מופען; אזוי וויא א בארג ליעגט עס אויף מיין קאפ; איך וואלט, דאכט מיר, ווייס איך וואס געטאהן, איידער האבען אזא קלאפאט אויף זיך. אוי, ווען איך וועל עס פטר'ן, וועל איך, אויף נאמנות, אין פושקע ארייננווארפען.

נו, גראף פאטאצקי, דוא ליגסט נאך אלץ? אויף ווען ווארטסטו? דוא ווילסט, אז מען זאל אונז אין סטריט ארויסשטעלען? שטעלען זאל מען איהם שוין פיאווקעס מיט שפאנישע פליעגען, טאטע דערבארעמדיגער!

מיש זיך ניט, זאגט ער! קוק און שוויג און קלייב עולם־הבא! קלייבען זאלען שוין מיינע שונאים דיא צייהן פון מויל, געוויס וואלט איך גע־וואלט שוויגען, וואס דען, קריגען זיך איז גוט? אודאי וואלט איך געוואלט עס זאל זיין וויא מען זאגט: ציחא ליחא; אבער — שטן מקטרג, מאכט זיך אלץ, אז מען מוז רעדען, מען מוז שילטען, און ווער ברייננגט דערצו אז ניט דוא? ווען דוא וואלסט געוועזען א רעכטער האסטו גאר ניט געדארפט

ווארטען ביז דיא ווייב וועט דיר זאגען, עס האט שוין ביז ערשט געקענט זיין אלעס אויפגעפאקט און שא! וואס איז, איך האב עפעס משרתים אנ־געגרייט, וואס זאלען עס פאר מיר טאהן?...

נו, דוא ריהרסט זיך נאך אלץ ניט? הערסט, יאנקעל, דוא וועסט מיר אריינברייננגען אין כעס. וועל איך אוועקגעהן וואו מיינע אויגען וועלען מיר טראגען און שלאג זיך דא קאפ אן קישען...

הא? באלד, באלד שטעהסטו שוין אויף? ביז עס וועט קומען דיא נחמה, וועט ארויס דיא נשמה! איך וויים דאך שוין דיינע פאנסקע וויבא־רעס, אז דוא וועסט זיך ערשט אנהייבען אויסקלייבען, וועט עס ארויסקו־מען אויף מארגען. ביי דיר איז דאך שמענדיג אזוי, ווען עס איז דא צייט ליגסטו און פאטשעהייעסט זיך, און נאכדעם ווערט א בהלה, א כאפעניש, א לויפעניש און פון איילעניש קומט קיין מאל קיין גוטס ניט ארויס...

וואס וואלט עס א שטייגער געווען, אז דוא זאלסט זיך ערשט ניט פערקאמען? ניש־קשה, דיא טשופרינקע דיינע וועט ביז שפעטער אויך ניט עובר ווערען! נעהם בעסער טהו עפעס, העלף עפעס, דער עקספרעס־מאן וועט באלד קומען און דא איז נאך קיין אנהויב ניט פון עפעס איינפאקען, וואס מיינסטו, ער וועט דיר דא שטעהען און ווארטען?...

וואס דרעהסטו זיך אום ווי א קאטשקע, וואס? זעה נור וויא ער וויים גאר ניט אויף וואס'ער וועלט ער איז! נעהם פאקעווע איין דיא גע־שיר, זאל דיר זיין א מכה מיט א געשוויר! מיט דיין אומדרעהען זיך וועסטו גאר ניט מאכען, אז דוא וועסט ניט צולעגען דיא לאפעס דיינע, וועט גאר ניט זיין...

באך! שוין צובראכען דארט דיא געשיר? צובראכען זאל דיר ווערען דיא קאפ דיינע! שוין אודאי קיין זכר ניטא פון דיא טעלער, ניט פון דיא גלעזער! זיך נור צוגעשטעקט און שוין אנגעמאכט אזעלכע היזקות! ליור־מינע הענד, שטיק גולם וואס דוא ביסט! אז דוא ווייסט אז דוא קענסט עס ניט טאהן, טהוט מען ניט — אז מען קען ניט און מען וויים ניט, נעהמט מען זיך ניט אונטער.

וואס? אימיצער האט אראבגעווארפען א גלאז פון אבסטעיז? ווארפען זאל זיי וואס איך וויים מיט דיר צוזאמען, איז עס ניט געווען — וועט

עס זיין, דיא געשיר וועלען שוין פון דיינע הענד גאנץ ניט ארויסקומען, הלואי זאל איך ליגען זאגען...

געה שוין, געה, וויא קומען אזעלכע בערישע לאפעס דערצו? לאז, איך וועל עס אליין טאהן, וועל איך מיר ניט דארפען אבעסען מיין הארץ, בעסער טאטשקעס שלעפען, מיט'ן נאז דיא ערד אקערען, איידער דארפען צו דיר אנקומען...

נו, האט ער זיך שוין גאר אויעקגעשטעלט און שטעהט וויא דיא סוועניטע מאטקע ביי'ם קלויסטער! וואס? האסט זיך שוין אבגעמאטערט? אויב אזוי איז געקאנטשעט!...

אפשר וואלסטו מטריח געווען דיין עלטער און ארויסנעהמען דיא קליידער פון קלאזעט? וואס? דאס איז דיר אויך צו שווער? דאכט זיך, אז מען קען זיך דערמיט ניט איבערהויבען... שטעה, שטעה נאך אביסעל, אט וויא דוא זעהסט קריגסטו מיט עפעס אין קאפ אריין. האסטו געזעהען אזא געזונטעניש זאל ניט וועלען א קלאפ טאהן א פינגער אן א פינגער!...

צוקארטשעט, צומארטשעט זאל דיר אזוי ווערען דיין פנים, וויא דוא האסט שוין דארט געווים מיין דזשעקעט צוקארטשעט! אז אך און וועה איז מיר, דיא סך קליידער וואס איך האב! מעהר וויא איין דזשעקעט האב איך דאך ניט, וויא זאגט מען עפעס: שבת און וואך, אין איין לאך, דארף איך נאך אריינפאלען אין יאנקעל כלאפ'ס הענד און ער מאכט פון איהם א בארג אש! אוי, פטור זאל איך שוין ווערען פון מיין פינסטערען מזל.

הא? דוא האסט נאך דעם דזשעקעט מיינעם אפילו ניט אנגעריהרט? וואס דען פארקעסטו זיך דארט? טהוט, טהוט, און שטעהט אויף איין ארט...

אוי, וועה איז מיר, ווינד איז מיר, אט שטעהט שוין דער עקספרעס! וואס זאל איך ערשט פריהער טאהן? וואס זאל איך פריהער כאפען? זאל זאל איך אזוי, יאנקעל, וויסען פון דיין קאפ.

32טער קאפיטעל.

ניט געטראפען מיט דיא רומס.

חנה=פעפיל זעהט זיך ארום, אז זיא האט ניט גוט אויסגעביטען. טא ווער איז אין דעם שולדיג? ועלבסטפערשטענדליך — יאנקעל! אי, זיא האט אליין דיא רומס געזעהען און עס איז איהר געפעהלען געוואָרען, פון דעסטוועגען איז דער טאן דיא כפרה=הינדעל און דיא גאנצע שולד ווארפט זיא ארויף אויף איהם.

טראַך, טראַך, טראַך! — אין דיא קעפ, אין דיא טוחות זאָל איך דאָרט קלאַפען! אַ ביסעל אַ טראַסקעוויצע דאָרט געוואָרען, דער סילינג פאַלט דאָך נור וואָס ניט אַיין.

טפו זאָלט איהר ווערען. אַנ'אויפגעציטערטע, אַנ'אויפגעפלאַטערטע בין איך געוואָרען. איך האָב געמיינט אַנ'ערד־ציטעטניש. עפעס חיות וואָהנען דאָרט, ניט מענשען. האָסטו געהערט אויף דיין לעבען, מען זאָל אַזוי קלאַפען אין מיטען דער נאַכט! צו זייערע קעפ, צו זייערע הענד און פיס, צו זייער לייב און לעבען!

נו, אַ דאַנק זיין ליעבען נאָמען, פון איין צרה אַרויס, אין דער אַנ־דערער אַריין. איך האָב געמיינט, אַז איך וועל אַרויסטופען פון יענע רומס, וועל איך מיר בעסער מאַכען, לסוף, נאַ דיר! האָב איך גאָר אויסגעביטען אַ שוך אויף אַ לאַפטשע! אַ רעגעלער קעסעל־גאַרדען איז דאָך דאָ, קינדער אַזוי וויא אין מצרים, זיי צוטרייסלען דאָך דיא ווענד, צוטרייסלען זיי דאָך. ווער קען עס פון זיי לעבען? הײנט דיא רומס, קוטשקעס איז עס, ניט רומס! עס איז דען דאָ וואו אַהינצוטאָהן זיך? אַז אָך און וועה איז מיר, אַריינגעוואַליעט אַזוי פיעל געלד אין אַ סעט, וואָס וועט דאָ פון איהם ווע־רען? איך האָב איהם דען וואו אַוועקצושטעלען? זאָל אַזוי דער לענדלער האָבען יאָהרען מיט מיין מאַן צוזאַמען.

איך פרעג דיר מעהר גיט, יאַנקעל, צו וואָס האָט עס דיר געשפּאַרט קריכען מיט אַ געזונדער קאָפ אין אַ קראַנקע בעט? דער האָבער האָט דיר געשטאָכען, האַ? — פלוצלונג האָט זיך איהם גאָר פערחאָליעט אַפּטאַון! איך ווייס ניט וואָס איז דער יחוס מיט דער אַפּטאַון. יאַק טאַק — יאַק

טאַם! בּיי מיר איז דער אייגענער יהי־רצון דאָ וויא דאָרט. אדרבּא, נאָך טויזענד מאָל ערגער... איך האָב אַזוי געדאַרפט דיין אַפּטאַון, אָט אַ שפּינער וויא איך דאַרף ערשט געהן טאַנצען.

הא? וואָס זאָגסטו, מיר האָט זיך געוואָלט מופען? — התחדש! שוין, ער הויבּט שוין ווידער אָן מיט זיינע בּלבּולים אויף מיר! וואָלט ער קענען, וואָלט ער אויף מיר אַ ממזר־בּלבּול אויסגעטראַכט. אַז איך רעד וויא אַ מענש, ווילט זיך איהם דוקא קריגען זיך! אָבּער ווען דוא ווערסט אַפילו אויפגעלאָפען ווערען, ווערסטו עס היינט בּיי מיר ניט אויספיהרען, אַז איך זאָג ניין — איז ניין! דיינע זיעבּען גוטע יאָהר האָבּען זיך שוין געקאָנטשעט און איך וועל דיר שוין מעהר קיין שאָו ניט געבּען.

אוי, מען טאָהר ניט זאָגען — שלעכט, וויל עס קען נאָך זיין ערגער. איך האָבּ געמיינט, אַז אין דיא נייע רוסס, אין דער מיוחס'דיגער אַפּטאַון, וועט ער שוין אויפגעבּען זיינע צו־להכעיס־שטיקלאַך און ווערען אַ סטאַטיק, וויא זאָגט מען עפּעס: „משנה מקום — משנה מזל", לסוף איז איין שוואַרץ יאָהר! אָט אַזוי וויא ער איז געוועזן — אַזוי איז ער! פון אַ חזיר'שען עק קען מען קיין שטריימעל ניט מאַכען.

האָסטו געהערט אַנ'איינפאַל פון אַ משומד? אַז ער בּענאַרעשט זיך און קריכט אַריין אין אַ צרה, וואַרפט ער אַרויף דיא שולד אויף מיר! פיעל מאָל, פערדישע קאָפּ דו, האָבּ איך מיט דיר גע'טענה'ט, אַז מען גיסט ניט אַרויס דיא אומריינע, איידער מען האָט ניט קיין ריינע — לויפסטו אַוועק הענדום־פּענדום און כאַפּסט אַריין אַזאַ כשר'ע מציאה! וואָס איז, דער שד וואָלט דיר צוכאַפּען, אַז מען וואָלט דאָרט זיטצען נאָך אַ מאָנאַט?

אַזוי? איך האָבּ דיר געשטערט דעם לעבּען, דיא מינוט איז מיר געוועזן צו גרויס — אַ משל אַנטקעגען אַ טאָרבּע פלעקער! וואָס האָט אַ פאַטש צו גוט־שבּת? נו, דעריבּער, אַז איך האָבּ אפשר יע אַ מאָל געזאָגט אַ וואָרט — דאַרף מען שוין אַליין קיין שכל ניט האָבּען? אַ בּראָך צו דיר, אימיצער וואָלט הערען, וואָלט ער מיינען אין אמת'ן, אַז דיא ווייבּ האָט בּיי דיר אַ גרויסע דעה, אַז אָהן איהר וויסען טהוסטו גאָר ניט. דוא ווייסט דאָך עס, משומד, אַז איך האָבּ בּיי דיר אַ פּנים וויא חוזק. אַז ניט, מיש איך זיך אין עפּעס, וויא לייטישע ווייבּער? אַז ניט, לאָזסטו מיר זיך מישען?

וואָס? איך אַליין האָבּ געזעהען דיא רוסס און זיי זיינען מיר גע־

פעהלען געוואָרען? — ניט זעהען זאָלען מיינע שונאים דיא ליכטיגע וועלט! דוא קענסט דאך אפילו וויים איך עמגן דעם קאפּ פערדרעהען! האט זיך איינגעטשעפּעט אין מיר וויא א רעגעלע סמאָלע: עס איז ליכטיג, לופטיג, ניט ווייט פון פּארק, הכלל גאלע מעלות! פּערטומעלט, פּערהאלושעט בין איך געווארען. זאלסטו אזוי וויסען וואו דוא וועסט אהינקומען ביז מארגען, וויא איך האב געוואוסט וואס מיט מיר מהוט זיך.

הם... ער האט מיר אנגעגעבען אין נרן דעם פּארק, — וואס האב איך פון דיין פּארק? וואס זעהט מען דארט — חיות? מיר פעהלט ב"ה ניט קיין חיות! א קנאפּע חיה ביסטו? אז איך קוק אויף דיר איז שוין אויך גענוג.

יאנקעל, אלעס האסטו בייא מיר אויסגעפּ"הרט; אבער דאס ניט! א פּייג. ניט מעהר זאלען מיינע שונאים לעבען, ניט מעהר איך וועל דא וואהנען; זיי זיכער, אז איך וועל מופען וואוהין איך וועל וועלען, אז חנה־פּעסיל זאגט — איז הייליג.

33טער קאַפּיטעל.

קומענדיג פון קוני־איילאנד.

חנה=פּעסיל מיט יאַנקלען פאָהרען אויס אין קוני=אַיילאַנד, טרעפען זיי מסתמא אַן׳ענגע קאַר און דיא רייזע איז ניט אַזאַ בעקוועמע. אויסער דעם איז חנה־פּעסיל

חושד, אַז איהר מאַן האָט דאָרט געקוקט אויף טענצערקעס. נו, נו,

ניט זיא איהם אַ קוני=איילאנד, אַז עס איז צעהן בראָכען

צו איהם, און זיא איז דערביי מזכיר־נשמות

איהר קאָרסעט, וועלכער איז נאָך

געווען אַ צוגאָב צו דיא

צרות.

בין זיעבעציג יאהר לערנט זיך דער מענש שכל און שטארבט דאך א נארר.

אנטקעגען וואס זאג איך עס? איך זאג עס טאקע אנטקעגען זיך אליין, זאג איך עס. דאכט זיך, איך בין שוין גענוג אנגעלערענט: איך בין שוין, דאכט זיך, אין דיר קלאהר וויא א איד אין אשרי און וויים, אז דוא

האסט אין זיך קיין וואהר-ווארט ניט — פון דעסטוועגען האב איך זיך ווידער געלאזט אבנאררען און אזוי מיאוס זיך אבגענארט, אז עס איז גאר א חרפה אויסצוזאגען.

א בעזע שעה אויף מיר געקומען. איך האב זיך געלאזט איינריידען און געפאהרען אין קוני איילענד. וואלט מיר אימיצער פרעגען: צו וואס האב איך עס געדארפט? אלץ איינס האט מיין מאמע — מיר צו לענ־גערע יאהר — אויסגעלעבט איהרע יאהרען און איז אין קוני איילענד ניט געוועזען...

וואס-זשע האב איך דערלעבט? פרעג וואס האב איך פערדיענט? א אידען איז אלץ וועניג, אבגעפלאגט זיך אזא טאג א יאהר און וואס האב איך דערפון? קיין נאז איז מיר ניט צוגעוואקסען, דיר אויך ניט, זאל עס מיר, רבונו של עולם, צוקומען אין א וואך, וואס מיר איז אין דעם טאג אבגעקומען...

א מענש, זאגסטו, דארף אין זיין לעבען אלעס זעהן? אויך מיר א מענש! אדם א מענש, קאטשקע דרעה זיך! וויא אזוי קענסטו זיך גלייכען צו לייטען, אז דוא ביסט אליין קיין לייט ניט.

איך וויל זיך מיט דיר, יאנקעל, ניט קריעגען, עס איז שוין א זאך וואס פערפאלען, פון בית-עולם נעהמט מען ניט צוריק; אבער איך פרעג דיר אדרבא, וואס האסטו דערמיט געמיינט וואס דוא האסט מיך געשלעפט קיין קוני איילענד? צו וועלכען שווארץ יאהר האסטו עס געספענדעט אזוי פיעל געלד? האסט שוין ניט געפינען קיין בילבערע זאכען אויף וואס געלד אויסצוגעבען?

מיר וואלט שוין ניט געארט, ווען איך זאל כאטש עפעס הנאה האבען, וויא זאגסטו: א מענש דארף אין לעבען אלעס פערזוכען; אבער דא איז דאך, אי פערשטונקענע פיש געגעסען, אי געלד בעצאהלט. געשלעפט זיך אזא וויטעניש מיט דיא קארס; אין אזא ענגשאפט, אין אזא דערשטי־קעניש, מען האט דאך מיר נור וואס דיא נשמה ארויסגעקוועטשט. היינט דער קארסעט? קיין גוטס, קיין נחת זאל יענער ניט האבען, ווער עס האט עס אויסגעטראכט!

וואלט איך כאטש געהאט א לייטישען קארסעט, וואלט נאך געוועזען א האלבע צרה; אבער שוין וויפיעל יאהר נאך אונזער חתונה? און איך

האב נאך ב"ה ביי דיר נים פערדיענט צו האבען א רעכטען קארסעט! סטירטשען זאלען אזוי, יאנקעל, דיא ביינדעלאך דיינע, וויא דיא ביינדלאך פון קארסעט סטירטשען ארויס. א צוקאליעטשעטע, א צו'ממית'טע בין איך.

ווער לאזט מיר דען נים קויפען א נייעם קארסעט! וועמען ארט דען דער קארסעט? ווער קעהרט דערפאר? וואלט מיר מעהר נים אבגעהן נור א קארסעט, וואלט שוין געווען אללע רייט, עס איז מעהר נים אז עס קומט צו רייד רעדט מען! ענטפער מיר אבער אויף וואס איך פרעג דיר און מיש נים אויף קאשע מיט באטשווינע.

איך פרעג דאך דיר, וואס האסטו דערמיט געמיינט, וואס דוא ביסט פלוצים אזוי גוט געווארען, כאטש לייג דיר צו צו א געשוויר און מיך אוועקגעשלעפט אין קוני איילענד? זאג דעם אמת, האסט מיר טאקי געוואלט פערגעניגען פערשאפען? וואס טויג דיר, יאנקעל, זיך פערשטעלען? דער אמת איז דער בעסטער שווינדעל...

וואס, יאנקעלע? דער לשון איז דיר אבגענומען געווארען? רעד ווערטער, לאמיך הערען!...

הא, דוא ווייסט נים וואס וויל איך פון דיר? נעבאך, א צער־בעל־החיים! און וואס איז דער מעהר מיט דיא חצופות, מיט דיא הוילע לאפעס און נאקעטע הערצער, וואס האבען דארטען געהויבען דיא פאלקעס? דאס ווייסטו אויך נים? א בראך צו דיר, מיילען וויים וואלט עס געלאפען אבי כאטש א קוק טאהן אויף א נקבה! פאר א פיאניצא איז א טראפען אויך גוט.

און וואלט כאטש זיין עפעס רעכטס, אנגעפודערטע, פערשמירטע, אלטע כאליערעס, וואס האבען שוין אפשר מיין באבע'ס יאהרען, און יאנקעל כלאפ קוקט אויף זיי און לעקט פשוט דיא פינגער.

אבער כאפט דיר דער שווארץ יאהר, קוק, זאלען דיר דיא אויגען ארויס; אבער צו וואס האסטו נאך מיר געדארפט אהין מיטשלעפען? וואס איז דיר שוין אזוי גוט געווען, אז איך בין אויך דערביי געווען?...

וויא זאגט אגוי, להבדיל: דאליע אטשי, דאליע סערדצע, אונטער דיא אויגען טהוט כאטש דאס הארץ נים וועה. געהט אבער טיין מאנדעלע און נעהמט מיר מיט, וויא איינער רעדט: נא, קוק און ווער צוזעצט.

האר נור א זיפץ; צו דיין קאפ און צו אלע גויה'אישע קעפ! וואס

זיפצסטו, וואס? עס פערדריסט דיר שוין דיא מעשה, הא? וואס דען, האסטו געמיינט, איך וועל זיך מאכען ניט וויסענדיג און עס וועט דיר גלאַ־טיג אבגעהן?

יאַנקעל, איך וועל דא ניט זיין, איך וועל אוועק וואוהין דיא אויגען וועלען מיך טראגען. אַבי דיין טרפה'נעם פרצוף ניט אנקוקען. דוא מיינסט אפשר אַז איך שווייג האב איך זיך שוין פערגעסען און דוא וועסט זיך אויסדרעהען און ניט שיקען מיר אין דיא קעטצעלע מאַנטיינס? נאך ניט! זיי וויסען, אַז דיין בטחון איז צוקראכען, אַזוי גיך זאָלסטו אַ מיתה־משונה איינגעהמען וויא גיך איך וועל אַוועקפאהרען און אונטער מיינע אויגען מהו וואס דוא ווילסט, געה פון מיינטוועגען כאטש מיט'ן קאפ אראב, מיט דיא פיס אַרויף, וועט מיר אויך ניט אַארען. — דאַליע אַמשי, דאַליע פערדצע.

34טער קאפיטעל.

חנה־פעסיל וועגען קאפיטאַן דרייפוס.

אין זומער פון יאָהר 1896, האָבען צייטונגען געשריעבען, אַז קאפיטאַן דרייפוס, וועלכער איז געהאַט געזעסען אויפ'ן טייפעל'ס־אינזעל צוליעב אַ בלבול, האַט צוריק בעקומען זיין ראַנג, ווייל מען האָט זיך איבערגעצייגט, אַז ער איז אונשולדיג. יאַנקעל לעזט פאָר דיזע נייעס פאר חנה־פעסלען און זיא לאָזט אויס בייזע חלומות צו זיין און צום אונשולדיגען קאפיטאַן'ס קאָפּ.

וואס, דוא זיצט נאך? אַ שווארצער חלום אויף מיינע שונאים'ס קאפ! טפו זאָלסטו ווערען, איך האב זיך שוין אויסגעשלאפען אויף אלע זייטען און ער סיקט און פלאקערט דיא געז! איך וועל שוין מסתמא האבען א געז ביל כאטש אויף דריי דאללאר.

וואס זאגט איהר פארט דערויף? האט זיך ממציא געווען צו זיצען ביז פארטאג און אז עס קומט אין דער פריה קען מען איהם ניט דעררייר־סען! מיט'ן טוידט קומט מיר אַן איידער איך וועק איהם אויף! צודרעהטער וואָס דוא ביסט, ווען אלע מענשען שלאפען שוין ביסטו וואכענדיג און ווען אלע זיינען וואכענדיג — שלאפסטו.

איך וואלט אויף ציקאווועס געוואלט וויסען וואס טהוסטו דארט, וויא ווערט דאס א מענשען ניט מיאוס צו זיצען גאנצענע נעכט? צו מען דארף, צו מען דארף ניט, גלאט אבי געבען דער קאמפאניע א שאו און געבען זיי צולייזען פאר געז! וואס ב׳סטו עפעס א גביר? דער וואס שטעהט ניט אים א גראשען, דער איז אליין ניט ווערטה קיין גראשען.

וואס, דוא לייענסט א פייפער? נו, אז עס איז קיין ארבייט ניטא, איז דאס אויך איין ארבייט! שעהנע פרנסה וועסטו האבען פון דיינע פייפערס, שמייפערס. דארט זיצען מענשען מיט קלאהרע קעפ, טראכטען אויס באבע מעשיות, וואס ניט געשטויגען, ניט געפלויגען, און פאר יאנקעל כלאפ׳ן איז עס אן עסק! פע, חלשות, א איד וואס דארף מפרנס זיין א ווייב מיט קינ־דער זאל זיך אבגעבען מיט לייב און לעבען צו אזעלכע פוסטע זאכען! א שאנדע, וויא איך בין א אידישע טאכטער, דאס פאסט פאר לעדיגגעהער, פאסט עס! דיין טרפה׳נע מערכה וואס איך פויל זיך אראבגעהן פון בעט, ווען ניט וואלט איך דיינע פייפערס צוריסען אויף פיטץ פיטצלאך.

הא? דוא לייענסט דארט א שעהנע געשיכטע! אודאי ווערטה א צר פוילטע ציבעלע! אנו, אדרבה, לאמיר אויך וויסען וואס אזוינס? ביי לייטען א מאן דערצעלט דער ווייב אויך עפעס, מיין דאליעניק איז א מענש פאר זיך! מ׳ארא מאדנע בריאה דאס איז, נור ער טוליעט זיך, נור ער בעהאלט זיך וויא א שקאדליווע קאטץ, וואס האסטו מורא איך וועל ביי דיר אויס־כאפען?

אוי, צום שלים־מזל דארף מען אויך האבען מזל! א נחת ביי לייטען, איך קוק עס נור אן, אונזער נעקסט־דאריגע, אן אמעריקאנער ניענקע, אזא כשר׳ע בהמה׳לע, אזא צוקראבענע — פונדעסטוועגען איז זיא ביים מאן טהייער, וויא א גאלדענער פינגעריל, ער פערפעהלט דאך ניט לייענען פאר איהר דעם פייפער, וויא א איד פערפעהלט ניט דאווענען, און איך דארף אזוי פערפינסטערט ווערען. הייגט געה פרעג ביי דעם וואס לעבט אייביג קשיות.

איך קען דאך אליין לייענען, זאגט ער! אלבעטשע אז איך קען בע־סער פון דיר, גלויב מיר, אז וואס איך האב אין פיאטע, האסטו ניט אין קאפ, ווער האט עס אבער, צייט צו לייענען פייפערס? דוא מיינסט הפנים אז מעהר האב איך ניט וואס צו טהאן?...

נו, א סוף, וואס מורישעסטו דארט? האסט מורא אויפהויבען דיין

הארציגען קול'כעלע, האסטו מורא? זאלסטו אזוי הערען סייפער סעם משיח (שופר של משיח) וויא איך הער אפילו א ווארט...

וואס? דיא הינט וואס אין מיטען (אנטיסעמיטען) פון פאריזש האָבען געהאט א מפלה? טפוי זאלט איהר ווערען! א מפלה זאל קומען אויף דיר מיט דיא שרייבערס, וואס שרייבען אזעלכע נייעס! האסטו געהערט אויף דיין לעבען א נייעס? הינט האבען געהאט א מפלה און נאך וואו, אין סאמע מיטען פאריזש! כדאי טאקי צו ברענגען געז און לייענען אזעלכע באָבע-מעשיות...

הא? אנ... טי... סי... מי... טען. זאגסטו? וואס איז דאס אזעל־כעס? זאל איך אזוי וויסען פון שלעכטס וויא איך וויים! איך פערשטעה ניט קיין טערקיש, ווילסטו מיר עפעס דערצעהלען, טא דערצעהל אויף אידיש.

וויא? שונאי ישראל, יודען פיינד האבען געהאט א מפלה? אט אזוי זשע רייד! זעהסטו, אט דאס טהוט מיר טאקי הנאה! הלואי רבונו־של־עולם, זאל עס זיין אמת, וועל איך, בלי־נדר עפעס אין פושקע אריינווארפען. אוי, ווען איך זאל זעהן וויא מען שינדט זייער הויט לעבעדיגערהייד, וויא מען ציהט פון זיי אדערען וויין, וואלט איך, אויף נאמנות, נאך אמאל אזוי דיק געווארען...

נו, דערצעהל שוין, וואס איז דארט געוועזען? מסתמא געמאכט א פאג־ראם, איז אראבגעפאלען א דונער און זיי צו'ממית'ט. נו, פרעג איך דיר, האב איך עס קוים גערארפט אויסבעטען ביי דיר, אז דוא זאלסט עס מיר דערצעהלען? וויא איז מען דאס אזא מענש, אז מען לייענט אזא טהייערע נייעס און מען דערצעהלט ניט דער וויב? דוא האסט מורא, משומר איינער, טאמער וועט דיא וויב אביסעל פערגעניגען האבען, פערגינסטו עס איהר ניט...

וואס זאגסטו? קאפיטאן דרייפוס איז געפונען געווארען אונשולדיג און געקראגען צוריק זיין טשין? דאס אלעס? א שמחה אויף זיין קאפ, קאפיטאן דרייפוס איז צוריק א קאפיטאן! און אז ער וואלט ניט זיין קיין קאפיטאן וואלט איך געוועז צובראכען...

אזוי? דער גאנצער בלבול אויף איהם איז געוועזען ווייל ער איז א איד? ער איז מסתמא אזא איד וויא דו; מען קען שוין פערשטעהן וואס פאר א איד ער איז, אז ער איז א קאפיטאן! אלבעטשע, ער האט שוין אפשר צוואנציג יאהר ניט געדאווענט.

איך פרעג דיר אָבער, וואָס איז עס דיין עסק? דו פערגעסט זיך גאָר, אַז דוא דארפסט דאגה'ן פאר צעהן פיסלאך, ניט פאר דריי פיסלאך.... וואָס קוקסטו מיך אָן וויא דער האָהן אין בני אדם? דוא פערשטעהסט ניט וואָס איך זאָג? איך מיין, אַז דוא דארפסט דאגה'ן פאר מיר און אונזער פיער קינדערלאך זאָלען געזונד און שטארק זיין, מיין איך... נו, ערשט האָסטו שוין פערשטאַנען בולוואַנסקער מוח איינער?

זאָג מיר, כל־בו'ניק איינער, פאַר וואָס דאגה'סטו ניט פאר דיא אידען וואָס זיטצען נעבאך אין דיא אָסטראָגען אין רוסלאנד? פאר וואָס אארט דיר ניט וואָס מען שלאָגט און מען הרג'עט דארט אידען? א גדולה אויף איהם, קאָפּיטאַן דרייפוס האָט צוריק געקראָגען זיינע שליפעס! און ווען ניט וואָלט איך געווען בדלות!

וואָס זאָל ער טהאָן, פרעגט ער! דוא ביסט דאך עפּעס א סיטיטשנער, פאַר וואָס זאָלסטו ניט זעהן מאכען אזעלכע נאטשאַלסטוואָס וואָס זאָלען דעם רוסישען קיסר מאכען א פּאַנאָק און זעהן, אַז דארט זאָל ווערען א שטיקעל לאד? דוא און נאָך אזעלכע וויא דוא, וואָלטען געקענט דיא אי־רען א טובה טהאָן, ווען איהר זאָלט נור וועלען.

35טער קאָפּיטעל.

חנה פּעסיל קעטשט א קאָלד.

דיא האַרציגע אידענע הויבט אָן הוסטען. נו, גיט זיא דעם מאַן פעפער שמעקען. זיא זאָגט, אַז ער האָט עקסטרא געעפענט א פענסטער, כדי זיא זאָל זיך פער־קיהלען און ער זאָל פון איהר פטור ווערען. קיין דאָקטאָר, זאָגט זיא, וועט איהר ניט העלפען, און דיא איינציגע רפואה פאר איהר איז צו פּאָה־רען אין קעטצילע מאָנטיינס (קעטסקיל מאָונטיינס).

קהו...קהו... אוי, וויא דער הוסט מוטשעט מיך, מוטשען זאָלען זיך אזוי מיינע שונאים מיט דער גסיסה, מיין געזונד אויף אלע משומדים געזאָגט. עפּעס א קליינינקיים, אַז מען דארף אָבליגען אַזאַ נאכט און האקען אזוי וויא אין האַלץ! איך האָב שוין קיין הארץ ניט, האָב איך שוין ניט, נאָט דער לעבעדיגער אין הימעל וויים, וואָס דער סוף פון מיר וועט זיין. איך האָב מורא, אַז איך וועל שוין חס ושלום פערבלייבען א יאַדיכבע ביז'ן טויט אריין.

פלוצלונג גאָר, נאַ דיר אַ בעזע היטץ אויף איהם אָנגעפאלען! געהט און עפענט אויף דיא פענסטער אַזוי וויא אין מיטען תמוז, און איך האָב זיך פערקיהלט! וואָס איך צו בעט זיך, וואָס איך צוקליאַניע זיך: יאַנ־קעלע, מיר איז קאַלט, מיר ברעכט דיא ביינער, און ער האלט זיך ביי איינס: לופט איז געזונד, לופט איז לעבען, נו וויא געפעהלט איך אַזאַ מין פּי־לאָפּאַציע?

צו מיין נחת׳דיגען לעבען, צו דער האַרציגער דאָליע וואָס איך האָב, פעהלט מיר נאָך קראַנק זיין אויך! איך האָב אַזוי אויך קיין האַרץ ניט, האָט מיר נאָך געפעהלט פערקיהלען זיך! נו, נו, אויף אַזעלכע צרות האָב איך זיך גאָר ניט גערעכט.

קהו... קהו... קהו... אוי, מאַמעלע, האַרצעלע, קרוינעלע מיינע, דיא אויגען פון קאָפּ שפּאַרען מיר ארויס. פינסטערער מזל מיינער, ניטאָ אפילו ווער עס זאָל אַ ביסעל וואסער דערלאַנגען! ווען מען זאָל אפילו אויסגעהן, ווען דיא נשמה זאָל — שונאי ישראל ארויס, איז ניטאָ ווער עס זאָל טהאָן וואָס אַ האָאָר איז ווערטה! אַראָבגעקומען דער תנא ברא מיינער, ער זאָל עס גאָר פרעגען: חנה פּעסיל, טשאָרט, טייוועל, וואָס מאַכסטו? גאָר ניט, אַזוי וויא אַ פרעמדער און געגנוג!

אַזאַ מערדער, אַזאַ תליון, איז דאָך אין דער וועלט ניט געזעהען געוואָ־רען, וואָלט מעגליך געווען, וואָלט ער מיר אין אַ לעפעל וואסער דערטרונ־קען, שטייטש, וויא איז מען עס אַזוי שלעכט? וויא האָט מען עס ניט קיין רחמנות אויף אָן אייגענע ווייב? אַ רים זאָל דיר זיין אין דיין לייב, רבונו של עולם.

קהו... קהו... קהו... זיך וויא עס איז מישב געווען ברייגגען אביסעל וואסער, אוי, מען זאָל דארפען ווארטען אויף דיר, וואָלט מען געקענט ניך צו גאָט קומען! צו עפענען דיא פענסטער ביסטו דאָ! דערויף ביסטו אַ מאַדים! אבי דוא ווייסט נור, אז עס וועט דער ווייב שאַדען צום געזונד, איז דיר קיין זאַך ניט שווער...

שור, זאָגט ער נאָך, לופט איז געזונד! אודאי, דוא ביזט אפשר אויך אַזוי געזונד פון דיין לופט, שמופט! קוק נאָר אָן אַ דיקעניש, אַ שפּאַס, ער קען דאָך אין טהיר ניט אריין! אפשר פון סווענטי דוך האָסטו אַזוי פיעל סטרעווע אָנגעקליבען? אָט קינדערלאַך, ווועלען עס ווערים האָבען צו פרעסען און צו פרעסען...

נעווער מאי, ווען דוא וואָלסט לעבען וויא איך לעב, עסען וויא איך עס, וואָלסטו ניט אזוי אויסזעהען! אַהאַ! פון על־חטא ווערט מען ניט פעט.

הא? וואָס זאָגסטו? ווער לאָזט מיר ניט עסען? ווער זאָגט מיר דען א דעה? קהו... קהו... קהו... אוי, דער הוסט וועט מיר שוין גאָר דער־קאָנטשען. הערסטו, דאָס איז דאָך דיא צרה! א בעזער הונד בילט ניט. דוא נעהמסט ארויס דיא נשמה ניט רעדענדיג, דוא פערגינסט מיר דען עפּעס? ווען דוא זעהסט מיר נעהמען עפּעס אין מויל אריין, וואָלסטו דאָך מיר מיט דיינע וועלפּישע אויגען דורכגעשטאָכען. קהו... קהו... קהו...

שטייטש, אום גאָטעס הימעל ווילען, אז דיא ווייב ליגט אזוי קראַנק, זאָל גאָר דער מאַן ניט פרעגען: וואָס איז דיר אויסען? אז מען הערט א גוט וואָרט, ווערט אויך א ביסעל גרינגער... אי, אי, אי, כדאי מאַקי אזוי פיעל פערשווארצט ווערען.

אזוי? אז דוא פרעגסט מיר א וואָרט, פאַל איך אויף דיר אָן? איך לאָז דיר גאָר א מויל ניט עפענען? עפּענען זאָל זיך מיינע שונאים א קבר אין גיכע צייטען. קהו... קהו... קהו... אז ניט מיינסטו עפּעס מיט אן אמת? לעבען זאָלסטו אזוי! אז ניט מיינסטו ווייס איך ניט, אז דוא קוקסט נור אויס, אז איך זאָל אן אויג צומאַכען? אָבער דוא וועסט עס ניט דערלעבען! נישט־קשה, גאָט איז מיט דיא עלענדע.

אוי, כח זאָלסטו אזוי, יאַנקעל, האָבען צו עסען, וויא איך האָב כח מיט דיר צו רעדען. איך האָב מורא אז דער הוסט וועט מיר אין סוכאָטע אריינברענגען. קהו... קהו... קהו...

גאָר ניט, ליגט וויא א נבלה! ניחאי וואָלט ער געזאָגט: אָט איך וועל געהן אריינרופען א דאָקטאָר, אפילו ווען א גויה, א באָמערקע זאָל זיך אזוי מוטשען, האָסטו דאָך אויך געדאַרפט רחמנות האָבען.

אזוי? דוא וועסט שוין געהן רופען א דאָקטאָר? איך דאַרף דיר אויף כפרות מיט זיי צוזאַמען. אז ניט ווייסען זיי עפּעס דיא באַנדאַרעס? אז ניט וועסטו מיר רופען א רעכטען דאָקטאָר? איך קען דאָך דיר, ביי דיר ארויסנעהמען א דאָלאַר איז אזוי וויא ביי א הונד פון דיא צייהן. דוא וואָלסט זיך בעסער ביידע אויגען ארויסנעהמען איידער ספּענדען א דאָלאַר.

וואָס דען וויל איך? איך וויל פאָהרען אין דיא קעטצעלע מאָנטיינס,

וויל איך, איך טאר דא ניט זיין. קהו... קהו... קהו... אוי, איך האב שוין א לאך אין הארצען, איך ווער נור וואס ניט דערשטיקט.

אך, פאהר זיך, זאגט ער! זיי נאך ניט געזונד, איך פאהר נאך ניט! אט אזוי וועל איך דיר פאהרען וויא א שלעפערקע? נאך ניט! אז פאה־רען וועל איך פאהרען וויא א מענש, דוא ביסט ניט חולה מאכען מיר א דרעס, א דזשעקעט, קויפען א נייע העמ. דיא אייגענע מיוחסת וועל איך ביי דיר זיין, קהו... קהו... קהו...

36טער קאפיטעל.

ווייל ער וויל, וויל זיא ניט.

יאנקעל בעשטעלט פאר חנה פעסלען א פלאטץ אין דיא קעטסקילס, און ווען ער זאגט איהר אן דיא בשורה, פאלט זיא אן אויף איהם, אז ער מיינט עס ניט איהר טובה, נור ווייל ער וויל זיא ארויס'פטר'ן און זיא האט כלומר'שט חרטה אויפ'ן גאנצען עסק. און ער ערקלעהרט איהר, אז פאר איהם איז רעכט זיא זאל ניט פאהרען, כאפט זיא זיך צוריק און פאהרט שוין ווידער, אבער ניט ווען ער, יאנקעל, ווען הייסען, נור ווען זיא וועט וועלען.

עפעס ביסטו מיר היינט אראבגעקומען צו פרעהליך. קיין עין הרע, קיין בעז אויג זאל דיר ניט מיידען, שוין לאנג דיר ניט געזעהען אין אזא גוטען הומער (הומאר) וואס איז מיט דיר אזוי דיא שמחה.

הא? ווען דוא וועסט מיר זאגען, וועל איך זיך אויך פרעהען? אדרבא, לאמיר שוין א מאל הערען, אפשר דיא גרויסע געווינס געוואונען?

דו האלטסט גאר קיין צעטעל ניט? ער דערצעהלט נאך איבער דיא חכמה זיינע! וויא האלט עס ניט א מענש א צעטעל? וואס, דוא ווארטסט עס זאל דיר פון הימעל אראבפאלען? אזוי וויא דוא טרייעסט, אזוי האסטו! אז מען שטעלט ניט איין, געהמט מען ניט ארויס....

זאג זשע מיר וואס דען טהוט דיר אזוי הנאה? אפשר שרייבען דיא פייפערס ישועות אויף אידען? אך, הלואי זאל מען עס הערען! שוין אויף נאמנות לאנג צייט, אז מען זאל עפעס געהאלפען ווערען ..

נו וואס? דאס אויך ניט? היינט זיי א נביא און טרעף! אפשר האט נאט צוגעשיקט א גוטען פערדיענסט? אפשר א געפינס? געוועער מאי, ווען עס זאל זיין עפעס א צרה'נקע וואלט דיא ווייב באלד געוואוסט און עפעס

גוטס פערגינסטו איהר ניט צו זאגען. זאג שוין, זאג און ציה ניט דיא עצמות . . .

וואס שווייגסטו, וואס? דוא האסט מורא איך וועל שטארק איבער־ראשט ווערען? אפילו א האאר אויך ניט! מהיכי תיתא, עס וועט אודאי צוניטץ קומען, מען וועט אסור ארויסוואַרפען; אבער דערשרעקען זיך צו־ליעב דעם לוינט זיך ניט. וואס מיינסטו, יאנקעל, געלט איז שוין גאר דיא וועלט? עט, א וואזשנע מציאה, וואס איז, נאר נגידים לעבען? זאג שוין זאג, וואלט איך אזוי ניט שטארבען פון אן אנדער זאך, וויא איך וועל חלילה ניט שטארבען.

אזוי? איך מאך דיר צום לאכען? אבי חס ושלום ניט צום וויינען! זאל מאקי בעסער זיין פרייד, שמחות ביי אידען... אבער הכלל, איך וויל דאך אלץ וויסען וואס פאר א גוטע בשורה דוא האסט געבראכט?

הא? וואס זאגסטו, דוא האסט שוין בעשטעלט פאר מיר א פלאטץ אין קאנטרי? נו, בכן איז וואס? טפו זאלסטו ווערען! דעריבער, הייסט עס ביטטו מלא שמחה, וואס דוא ווערסט פטור פון א צרה! אויב אזוי, האב איך נאך צייט. איך וועל פאהרען ווען איך וועל וועלען, ניט ווען דוא ווילסט.

האסטו געהערט א סקולע (גדולה) אויף זיין קאפ! ער האט שוין ער־גיץ בעשטעלט א קבר פאר דער ווייב! וואס דען, יאנקעל כלאפ וועט עפעס נעהמען א רעכטע קווארטיר? זאלען שוין מיינע שונאים אזוי געזונד זיין! מסתמא אויסגעזוכט ערגעץ א הקדש, דוא ציטערסט דאך שטענדיג דוא זאלסט חס ושלום ניט בדלות ווערען, דוא זוכסט דאך אלץ וואס בילינער, און פון וואלוועלע פיש, גיסט מען ארוים דיא יויך.

פון וואנען ווייס איך עס? פאר וואס זאל איך עס ניט וויסען? פרעג ניט דעם רופא, פרעג דעם חולה! וואס איז, איך האב דיר ערשט נעב־טען דערקענט? דאכט זיך פון אונזער חתונה אן זיינען שוין גענוג וואָ־סערען אריבער געגאנגען און איך האב גענוג צייט געהאט צו קענען דיר אויסגעבונדען. אז ניט דאגה'סטו עפעס פאר דער ווייב'ס געזונד? עט, עס איז מעהר ניט וויא זאגט יענער: אטשעפניעגא; אבער עס וועט, יאנקעל, אזוי ניט געהן, נא סער! דוא וועסט מיר מיט שיחע, פיחע ניט פטור'ן

וואס דארף איך רעדען איידער איך האב געזעהען? איך האב א מויל, רייד איך! בעסער דער ערשטער רוגז איידער דער צווייטער. צו וואס זאל איך אריינקריכען אין א צרה און נאכדעם זיך דארפען מיט דיר האלאוויען, ליבערשט וועל איך גאר ניט פאהרען און האדיע! אויף ניין, האט מען קיין מאל קיין חרטה נים.

איך פערדרעה איהם זיין קאפ, זאגט ער! פאפ לידיע קאראיע, א סאם ליכא ראבע — דער גלח מוסר'ט אנדערע און אליין טהוט ער אלעס בעז — וואס טהו איך דיר, וואס? פערדרעהט זאל דיר אזוי ווערען דיא יאהרען, וויא דוא האסט מיר מיין קאפ פערדרעהט, און אז עס קומט צו עפעס, ביסטו דיא מזוזה'לע און איך בין שטענדיג דיא שלעכטע! אז דוא האסט נאך אויף מיר עפעס צו זאגען, איז שוין דיא וועלט, קיין וועלט נים.

איך פערשטעה, אז דוא האסט שוין געשארפט דיא צייהן און נור אויס-געקוקט, אז איך זאל אוועקפאהרען, כדי דוא זאלסט דא זיין א סאמא-וואליעץ, לסוף איז נעבאך דיין בטחון צוקראכען! וויא שמעקט עס דיר, הא?...

פון דיינעטוועגען, זאגסטו, פאהר יע, פאהר נים, עט, עס איז נור געזאגט! א ברירה האסטו? דוא מוזט שוין אזוי זאגען; אין אמת'ן אבער איז דיר גוט פערנאגנגען אין הערצעלע, אהא, חנה פעסיל פערשטעהט א געשעפט.

א דאגה, זאגט ער, וועט בלייבען דיא פאאר דאלאר אין קעשענע, א מכה! איך וועל זיך דא פרעגלען אין אזעלכע ברענעדיגע היטצען און יאנקעל כלאפ וועט זיך אומטראגען מיט דער קאסע! אנדערש נים, ווען וועסטו עס דערלעבען? אזוי גיך זאל איך אויפגעריכט ווערען, וויא גיך איך וועל פאהרען אין קאנטרי; אבער נים ווען דוא וועסט מיר הייסען, נור ווען איך וועל וועלען.

37טער קאַפּיטעל.

זיא קלייבט זיך אין קאַנטרי.

קיין מאַן ווינשט זיך נים צו זיין דערביי, ווען זיין פלוגית'טע קלייבט זיך אוים ערגיץ אוועקפאָהרען; אָבער ביי אַזאַ פרוי וויא חנה פּעסיל געהט עס צו טיט מעהר רעש, מיט מעהר טומעל. זיא גיט יאָנקלען אַ גאַב און ער האָט פון איהר קאַלט און וואַרים, ביז ער דערלעבט דיא גליקליכע מינוט, ווען זיא איז שוין אויף יענער זייט שוועל.

ברוך שלעפּ דיא טראַנטע (שפּטרני), אַ דאַנק גאָט וויא עס איז דער־לעבט צו פאָהרען אין קאַנטרי. אַ לעבעדיגער מענש, דערלעבט אלעס.

איך האָב אויף היינטיגען טאָג געוואַרט, אַזוי וויא אַ איד וואַרט אויף משיח'ן. וואָלט זשע כאָטש זיין וויא מען זאָגט: בעסער לייגער גע־וואַרט, אַבי ניט גענאַרט — גאָט דער לעבעדיגער אין הימעל ווייסט.

אוי, איך וואָלט שוין גערן דערלעבט דיא מינוט איך זאָל שוין זיין אין קאַנטרי. אפשר וועל איך דאָרט אַ ביסעל אויסרוהען דיא ביינער מיינע; אפשר אין קאָונטרי וועל איך קיין קלעמענים ניט האָבען, עסען געשמאַקער און זיך אַ ביסעל פּאָפראַווען. איך זעה דאָך אוים וויא אַ טייוועל, זעה איך דאָך אוים לייט סטראַשען זיך דאָך אויף מיר צו קוקען. מען פרעגט מיר אַלץ: וואָס איז דער מעהר, חנה פּעסיל, וואָס זיינט איהר אַזוי חשך? היינט געה דערצעהל אַלעמען אַ מעשה! וויא דיא מתים עסען, אַזאַ פּנים האָבען זיי.

ווער לאָזט מיר דען ניט עסען, זאָגט ער! אַלע נאַראָנים פון באָד ארויס! ווער האָט דען צו דיר טענות, ווער? איך רעד זיך גלאָט אַזוי אין דער וועלט אריין און ער כאַפּט זיך אָן! דוא זוכסט שוין הפּנים אַ פּריטשעפּקע, אַבי קריגען זיך! וואָס דען, מיין אוועקפאָהרען וועט עס אַזוי גלאַטיג אָבגעהן?

יאָנקעל, אפשר איז אַ סברא דוא זאָלסט ערשט ניט פערלייגען קיין טענות און בעסער נעהמען איינפּאַקעווען מיינע זאַכען? איך ווייס דאָך דיינע פּאָנסקע וויבאַרעס, ביז דוא וועסט זיך צוקלייבען, וועט עס ארויס־קומען אויף מיין באָבעס קינפּעט.

וואָס? עס איז נאָך פריה, דאַרפסט ערגיץ אוועקגעהען? נאַ דיר,

פון אלע מלאכות אין באד אריין! וויא? מען מוז עס טאקי ווארטען ביז דיא לעצטע מינוט? דאכט זיך, עס איז גלייכער, אז מען גרייט זיך צו פריהער און ניט דארפען שפעטער איילען זיך. זאג כאטש, יאנקעל, דעם אמת, אז דוא פוילסט זיך אונטער; מילא א סוף, וועל איך זיך בעגעהן אהן דיר! עניהאל האט דאך דיין ארבייט א גרויסע ממשות, אויף שונאי ציון געזאגט.

נו, דארף אזא זאך ניט פערדריסען? א מענש זיצט אב גאנצענע טעג און טהוט ניט קיין זאך וואס א האר איז ווערטה, און אז מען דארף איין מאל אין א שמיטה דער וויב עפעס צוהעלפען, ווערט אויף איהם א טרפה'נע ביזי, פונקט ערשט האט איהם אנגעשפארט ערגעץ געהן, געהן זאלען שוין מיינע שונאים אויף קוליעס! אט אזוי פראוועט מען עס אוים א וויב?...

נו, האט ער זיך שוין נאר אוועקגעשטעלט און שטעהט וויא אן אנגע־מאלטער גולם! אפשר וואלסטו מוחל געוועזן דיין כבוד און געהן ארויס־נעהמען דיא קארב? אנוואקסען זאל דיר, רבונו של עולם, א הארב! נישט־קשה, קיין בייז זאל ניט זיין, דוא וועסט זיך אסור איבערהויבען...

דוא האסט שוין געבראכט דיא קארב? א שעהנעם דאנק דיר, מיין מאן! איה"ש אין א גוטען אופן, וועל איך דיר אבדינען. אז אך און וועה איז מיר, אז איך דארף דעם מאן מיינעם לעקען און שמעקען ער זאל פאר מיר דיא מינדסטע זאך טאהן; אבער וואס קען איך העלפען? אז מען דארף דעם גנב, שניידט מען איהם פון דער תליה...

נו, אז דער צער פון טראגען איז יע אזוי גרוים, טאמער וואלסטו מיר געלאזט עפעס א בים טאהן און דערוועיל מטריח זיין דיין עלטער און ארוים, נעהמען מיינע זאכען פון קלאזעט? כאטש זאלען עס מיינע שונאים געבען זייערע טעכטער אין דער גארדעראבע, וואס קליידער איך האב, אבער דיא פאאר שמאטעס וואס איך האב דארף מען דאך מיטנעמען. מען קען דאך ניט געהן שבת און וואך אין איין לאך, מען מוז האבען א שטיקעל בגד אויף איבערבייטען... נו, ריהר זיך שוין אמאהל... זעהסט אביסעל הכנות, אזוי וויא א חסידישער רבי. בעהיט זאל מען ווערען, אזא מין לעמעשקע האב איך נאך צייט איך לעב ניט געזעהען.

אז עס, א סוף, געה שוין, געה און לאז מיך געמאך! איך וועל זיך

נעהמען מיט דיר פערשאפען, וועט עס ארויסקומען אויף איבער א יאהר אין דער צייט. עס איז דאך ב"ה שטענדיג אזוי, וואס איך טהו אליין ניט, איז ניט געטאהן...

וואס? דיא זאכען איז שוין פערפאקט, און עס איז שוין גאר ניטא וואס צו טהאן? עפעס צו גיך האסטו עס געמאכט! אודאי אויפגעכאר־לעמאנדזשעט, אויפגעמישט קאשע מיט באטשווינע, וואס דען, יאנקעל כלאפ וועט אבטהאן א מלאכה וויא געהעריג איז? נעוועך אין לעבען!

נו, איז מעהר דארף מען שוין ניט? אפשר וואלסטו ארונטער גע־נאנגען בריינגען וואס עס פעהלט?..

הא? וואס דארף איך ווערטו בריינגען? זעה נור וויא ער האט זיך אנגעכאפט! איך פערשטעה, ביי דיר איז א קרן אבי ארויסכאפען זיך פון הויז; לאז איך בין דיר שוין מוחל, איך וועל זיך שוין אליין מיט גאט'ס הילף איספראווען. זעהסטו, אויב דוא ווילסט שוין יע זיין א גור־טער מאן, נעהם בעסער טהו אן דיא קינדער, לאמיך כאטש פון דיר א שמיקעל גוט האבען.

וואס? דיא קינדער זיינען שוין אנגעטהאן? קיין עין הרע! אין א גוטע שעה צו ריידען, אין א בייזער צו פערשווייגען. פון וואנען האט זיך עס צו דיר גענומען? חידושים, אויף נאמנות, וואס עס איז שטיל אב־געגאנגען און דוא האסט זיי ניט צו'ממית'ט... זעהסטו שוין כאטש אפיקורס אז דוא ווילסט קענסטו.

שא, וואס הערט זיך מכח אן עקספרעס? אודאי נאך ניט בעשטעלט! א פערטראכטע נשמה, אודאי אן עיקר פערגעסען.

דער עקספרעס איז גרייט, כאטש שוין, זאגט ער! אזוי? דיא מינוט איז דיר צו גרויס, וואלסט שוין וועלען גיכער פטור ווערען פון א חמץ! א סוף, זאל שוין זיין אזוי! איך וועל דיר שוין ניט איבעראנדערשען, וויא זאגט א גוי, להבדיל: נאמורא ני קליעפקא...

נו, איז שוין מעהר גאר ניטא וואס צו טהאן? וואס זשע דארף איך דא זימצען אין דעם גיהנום? א סוף, אן עק. זאל שוין זיין אין א גוטער שעה, מיט דער רעכטער פוס! זעה נור, יאנקעל, גיב דא אכטונג אויפ'ן הויז און שרייב אפט פון דעסטוועגען א בריוועל. ווארט דוא וועסט פרובען זיין עטליכע וואכען אליין, וועסטו ערשט וויסען וויא א ווייב דארף מען טהייער האלטען.

דוא מיינסט, יאנקעל, אז א גליטש (גליק) האט דיר געטראפען, וואס איך פאהר אוועק? ווארט, דוא וועסט אנטוישען דיא מארדע, וועסטו זעהן ס'ארא מאכל דאס איז צו זיין אהן א בעל הבית'טע. דוא מיינסט, אז איך פאהר אין קאונטרי פון מיין פלעזשור וועגען? אסור חזיר! איך וויל דיר מעהר ניט צייגען אז אהן מיר טויגסטו אויף כפרות...

זיי געזונד און האב גוט אין זינען, וואס איך האב דיר געזאגט.

38טער קאפיטעל.

א מענה לשון דורך א שליח.

תנה פעסיל געפעלט ניט דיא קאנטרי, האקט זיא ארויס וועגען דעם א בריעף צו יאנקלען. דעם בריעף שרייבט זיא ניט אליין, נור זיא דיקטירט איהם אן אנדערען. יענער שרייבט גיט וויא זיא הייסט און שפעטער קומט צור-ליעב דעם ארויס א מאדנע פערדרעהעניש.

„צו מיין מאן יאנקעל כלאפ... א קרענק איהם אין קאפ“. — שרייבט עס ניט, מיסטער לעבען, דאס זאג איך אזוי זיך; וויל, פערשטעהט איהר מיך, איך האב ניט פאר קיין אידישע טאכטער געדאכט אזא מאן, וואס מען מעג עס איהם ווינשען צעהן מאל אין טאג.

נאט איז מיט אייך, וואס קוקט איהר מיר אן, וואס? איהר מיינט, אז איך רייד הס ושלום פון וועג? גלויבט מיר מיסטערקע, אז מיט איהם אויסקומען דארף מען זיין פון דיא אמהות... שרייבט עס ניט, דאס דער-צעהל איך אייך גלאט אזוי זיך. וויא זאגט מען עפעס: אז מען רעדט זיך אויס ווערט גרינגער אויפ'ן הארצען... יע, איז וואס האב איך געוואלט זאגען? אז מען דארף זיין פון דיא אמהות, דארף מען זיין, אזא גענאמ-ניק, אז דיא וועלט פערמאגט דאס ניט! דעם אמת מעג מען זאגען אפילו אויף אן איינגעם טאטען. איך האב פיינד צו בעריהמען זיך מיט'ן מאן וויא לייטישע ווייבער, ביי מיר וואס אויפ'ן לונג, דאס אויפ'ן צונג. אציינד שרייבט.

„ערשטענס שרייב איך דיר, אז איך בין בשלום געקומען אין דיא קעמצעלע מאנטיינס. נו, א דירה האסטו פאר מיר אויסגעזוכט, אזעלכע זיבען יאהר זאלסטו האבען!“ — ניט אייך מיין איך, מיין מאן מיין איך — „אז מען טרינקט זיך, כאפט מען זיך אן א שטרוי, מיר איז אין דער

היים געווען אזוי צרה'דיג, אזוי חשך'דיג אזוי וויא סוף חודש דיא נאכט, בין איך ענטלאָפען אין קאַנטרי; איך האָב געמיינט, אז דאָ וועט מיר ארויסגעהען דער שום פון קאָפּ און איך וועל אביסעל אָבלעבען; לסוף האָב איך אזוי געטראָפען וויא אַ בלינדער פערד אין גרוב. איך האָב אזוי גע־טראָפען מיט דער קאַנטרי, אקוראט וויא איך האָב געטראָפען מיט'ן גאַנצען שידוך". — איהר מענט עס, מיסטער לעבען, טאקע שרייבען, ווארום מיינער, אז מען צאָהלט איהם ניט איין די פּאַרציע, איז ער נאַר ווילד...

„צווייטענס וויל איך דיר, מיין מאַן, שרייבען פון דיין הארציגע קאַנטרי: אַ רעגולער קעסיל גאַרדען איז דאָך דאָ. עס מהוט זיך אזוי וויא אין לייפּציג אויף אַ יריד, פערדדיפּעטנע יענטעס פון נאַר דיא וועלט זיי־נען אהער אַנגעפּאָהרען: אוודאי פון דער היים שוסטערקעס אָדער שניי־דערקעס און וואָלסטו זעהען וואָס פאר אַ פוריע זיי מאַכען? נו, איז דאָס ניט אַ גלות מיט ציבעלע, אז אַזעלכע דארפען אויך פאָהרען אין קאַנטרי!" — שרייבט, שרייבט וויא איך זאָג אייך, זאָל ער מאַקי ווימען, מיין שלאַק. צו וואָס פאר אַ חבר'טעס ער האָט מיך אוועק געשיקט. וואָס מיינט איהר פעטערשי, איך בין עפּעס אַבי ווער? אַט וויא איהר קוקט מיך אָן, קום איך ארויס פון עלטערען, הלוואי אויף מיינע קינדער געזאָגט. עס איז מעהר ניט איך האָב, פּאָר קיינעם געדאַכט, קיין מזל ניט... איז וואו זשע האַלט איהר? יאָ, איז דאָ יענטעס פון נאַר דיא וועלט און איך ווער דאָ בטל בששים"...

„היינט געהט דאָ צו מיט'ן עסען, אַזאַ מזל אויף דיר, משומד אײנער" — איך מיין עס ניט אייך, מיין ראַליעניק מיין איך עס — „מען עסט דאָ נאַר אויפ'ן זייגער, פּונקט צו דער מינוט, עסט מען דאָ". — שרייבט, שרייבט, וואָס האָט איהר מורא? מיין מאַן וועט האָבען פאַראיבעל? וועט ער ליגען אין גריבעל!...

ווארט־זשע, ביי וואָס האַלטען מיר? יע — מען עסט דאָ אויפ'ן זייגער, עסט מען דאָ. טאָמער וויל איך ניט עסען, דאמאלס ווען אלע עסען, איז פישי פּראָפּאַלאַ! מעג מען זיך אפילו אויסציהען פאר זייערע אויגען, וועט מען אויך ניט געבען וואָס אַ האָאר איז ווערטה. דיא קינ־דער זיינען שוין באַלד אריין אין דער סוכאָטקע, מען טהיילט זיי אויס דיא פּאָרציעס אזוי וויא חרוסות, היינט האָט עפּעס אַ טעם זייער עסען? אזא

הנאה זאָלען מיינע שונאים'ס קינדער האָבען פון דיא גאָלדערנע יויך אויף זייערע התונות, וואָס פאר א הנאה איך האָב פון זייערע מיטאגס און וועטשערים. שטייטש, וואו איז דאָס געהערט געוואָרען אין דער וועלט, אז פאר מיין גוטען גראָשען זאָל איך ניט קענען עסען ווען איך וויל און וואָס איך וויל?"...

„אוי, א מיתה משונה וואָלט איך זיך אויף דיר גיכער געריכט, איידער דוא זאָלסט מיר אין אזעלכע הענד אריינגעבען" — שרייבט עס טאָקי, שרייבט! איך מיין עס חלילה ניט אייך, זאָל מיר גאָט שטראָפען, וואָס האָב איך דען צו אייך? זאָל עס מיר געשעהען, וואָס איך ווינש אייך. איך מיין עס אלץ מיין דאָליעניק, מיין איך עס.... אצינד שרייבט ווייטער.

„שלאָפען געהט מען דאָ גלייך מיט דיא היהנער, ווען זיי געהען אויפ'ן נאסיעדלא... עס איז נאָך ניט גוט פינסטער ליגען שוין אלע אויף דיא בעטען, עס קריכען מיר פשוט אָב דיא זייטען ליגענדיג, זעהסטו פאר אזא פעפער ווי דוא ביסט, וואָלט דאָ געווען אן עסק; אָבער פאר מיר, איז עס אן אָבקומעניש"...

„אָבער איך דארף דיר עס ניט דערצעהלען, מסתמא האָסטו פריהער אויך געוואוסט וואָס פאר א צרה'דינער פלאץ דאָ איז און דעריבער האָסטו מיר אהער געשיקט. מילא איז דיר איין מאָל אָבגעגאָלטען; אָבער מעהר וועסטו מיר, יאנקעל, ניט נארען"...

„דיין טרפה'נע מערכה, וואָס דוא ביסט דאָ ניטאָ; אָבער ווען דוא זאָלסט ערשט אָנקומען אויף מיינע אויגען וואָלט איך דיר צוריסען וויא מען צורייסט א הערינג"... — איהם, איהם, מיין שלאָק, מיין איך עס... ס'ארא מאָדנער איד איהר זייט, ביי יעדען וואָרט שטעלט איהר זיך אָב! שרייבט, אויף מיינע אחריות. זיין גליק וואָס איך בין עפּעס צורודערט און קען אליין ניט שרייבען; אָבער איך וואָלט איהם אריינגעלייגט א בריוועל, אז עס וואָלט איהם געוואָרען פינסטער און ביטער, דעם אפּיקורוס... יע, גוט, וואָס איך האָב זיך דערמאָנט, שרייבט איהם, לאנגע יאָהר זאָלט איהר האָבען, — אז דעם צווייטען בריוועל וועל איך איהם אליין שריי־בען... יע, נאָך א זאך:

„איך וואָלט שוין געקומען אהיים כאָטש צופוס, נאָר איך וויל דיר פיין שאָו ניט געבען. רייב פריהער אָן גוט דיא מאָרדע; פרעס אין דיא

רעסטאָוראַנס, פּאָף איינער אליין אין הויז, וועט דיר זיין אַן אַנלערנונג, אַז א ווייב דאַרף מען טהייער האַלטען"...

„א גערים דיר פון דיא קינדער, אפשר וועסטו שעהנער שמאַטע קומען צו זיי געוואָהר ווערען?

פון מיר דיין ווייב חנה פעסיל.

39טער קאַפּיטעל.

יאַנקעל'ס ליעבעס בריוועל.

חנה פעסיל ליעגט יאנקעל'ס אַנטוואָט אויף איהר בריעף, אָבער זיא קען אין זיין שרייבען קיין טאָלק ניט דערגעהן. זיא קלערט איבער אויף אלע אופנים און שטויסט זיך ענדליך אָן, אז דער מאַן וואָס האָט פאר איהר דעם בריעף געשריבען האָט איהרע פערעלדיגע רעיונות געפּעלשט.

צו... מיין... טהייערע... פרוי... חנה פעסיל זאָל לעבען... אוי? ערשט בין איך שוין ביי איהם טהייער געוואָרען? מיר טהוט עס הנאה, איך קוועל פּשוט אָן! ווען איך זאָל געפינען א הונדערטער, וואָלט מיר ניט אזוי הנאה געטהאָן וויא דער איצטיגער בריוועל; אוצרות מיט גאָלד איז עס ביי מיר ווערט! ער ווערט דאַרט מסתמא גוט פערשוואַרצט; גוט אזוי, רעכט אזוי, זאָל ער ווייטער וויסען וויא א ווייב צו שאַנעווען... מיר פער־דריסט מעהר ניט, וואָס האָב איך איהם געלאָזט הוליען אזוי לאַנג, אזוי וואויל וואָלט מיר געווען, ווען איך זאָל געווען פריהער אוועק פאָהרען.

דיין... בריעף... האָב... איך... ערהאַלטען... מיר פרעהט זעהר... וואָס איז דאַרט אויף איהם אזא שמחה? לאָמיר אקאַרשט לייענען ווייטער...

פרעהט... זעהר... וואָס... דוא... ביסט... צופריעדען פון די קאָונטרי.. א שווארצער חלום אויף זיין קאָפּ! אזוי וויא א בעזער הונד; איז דאַכט זיך גוט, גוט, און טהוט דאָך א ביס! ער שיט מיר נאָך זאַלץ אויף דיא וואונדען! א כל־בו'ניג קען! זיפצט דאַרט און מאַכט גאָר חוזק...

פאַר.. .מיר.. זאָלסטו... ניט... זאָרגען... וויא געפעלט אייך אַן עסק? איך זאָל פאר איהם ניט זאָרגען! אזא זאָרג זאָל איך, רבונו של עולם, האָבען מיט מיר, וואָס פאר א זאָרג איך האָב מיט איהם! האָסטו געהערט אַן איינפאַל פון א משומד? אפילו אין א בריוועל איז איך נור מיט שטעכווערטלאָך!...

מיר... פעהלט... דא.. גאר.. ניט.. איך עס.. אין.. דער.. צייט און... שלאף.. אין.. דער... צייט... ער רייצט זיך נאך מיט מיר דער לא־היה'ניק! אז ניט ווייס איך עס אליין ניט? וואס דען, יאנקעל כלאפ ועט פאסטען הפסקות? אלבעטשע, אז ער לעבט דארט בעסער וויא איך דא! ער קעהרט דען עפעס פאר געלד? אז אך און וועה איז מיר, איך זדיכאיע דא און ער לאזט זיך וואויל געהן! פאר א קבצן'טע, פאר א אביון'טע וועט ער מיר דאך מאכען... אצינד לאמיר נור זעהן וואס טהוט זיך ווייטער?

זעה... נור... זיי... דוא... א מענש... וואס דען בין איך, א קאטשקע? א קלאג צו דיא פאטריכעס, ער הייסט מיר זיין א מענש, אזא פאסקודא, אזא גאר ניט, ער געהט מיר לערנען שכל!... לאמיר נור אויף ציקאווע זעהן וואס נאך שרייבט ער?

עס... און טרינק... און זיי.. פרעהליך... זיי... ניט... קארג שטעה.. ניט.. אום.. דער.. פעני.. און.. לעב.. א גוטען.. טאג..

רבונו של עולם, וואס טהוט זיך דא מיט דעם בריוועל? עפעס אזוי וויא קדחת ווארפט עס איהם! דא רייצט ער זיך, דא רעדט ער מיט אן אמת; איך בין אסור קלוג צו פערשטעהען, וואס מיט איהם איז, ניט אנדערש ער איז משוגע, צו מטורף, יאנקעל כלאפ זאל אזוי שרייבען!...

פאהר.. זיך.. אפט.. דורך.. געה.. זיך.. אלע.. מאהל.. באָ־דען... אזוי? ער קוקט אוים איך זאל זיך געהן באדען, אפשר וועט זיך גאט אויף איהם מרחם זיין און איך וועל דערטרונקען ווערען! א נכפה זאל איהם פערצאפלען, וויא ער זוכט נור פון מיר פטור צו ווערען!... נו, לאמיר נאך אויף ציקאוועס זעהן, וואס פאמשקעט ער דארט ווייטער...

טרינק.. וואס.. מעהר.. מילך; זארג.. ניט.. און.. זיי ניט.. קיין.. יאדונקע.. ועעסטו.. געזונד.. און.. שטארק.. זיין.. וויע־דער גוט! שלמה המלך'ס חכמה דארף מען האבען צו פערשטעהן, וואס ער מיינט! שטייטש איך האב איהם דאכט זיך איינגעצאהלט וויא א חזיר אין קארעטע און ער איז אזוי גוט, כאטש לייג איהם צו צו א גע־שוויר! ניט אנדערש, אז דיא אקסענע קאפ זיינע האט ניט פערשטאנען וואס איך שרייב, אוי א געלעכטער אויף נאמנות; שילט איהם אין טא־טען אריין און ער ענטפערט אמן! איך בין א בעלן צו זעהן וואס פלוידערט ער דארט ווייטער...

דאָס.. וואָס.. דוא.. שרייבסט.. מיר.. אז.. דיא קינדער.. זיי־נען.. צופריעדען.. פון.. דער.. קאַנטרי.. און.. זעהען.. אויס.. זעהר שעהן... שאַ, וואָס איז דאָס? איך שרייב איהם בפירוש אז דיא קינ־דער זיינען דאָ אויסגעדאַרט און אויסגעקוואַרט געוואָרען און ער שרייבט גאַר קאַפּויער! ער זאָל טאַקי זיין אזא באַלוואַן און ניט קענען א וואָרט איבערלייענען? דאָס קען ניט זיין! וואָס ער איז, איז ער; אָבער לייענען א בריוועל קען ער, דער שווארץ יאָהר כאַפּט איהם ניט!...

אָט וואָס איך האָב מיך אָנגעשטויסען אז דער אידעל יענער, וואָס האָט פאַר מיר דעם בריוועל געשריעבען האָט מסתמא ניט געשריעבען דאָס וואָס איך האָב איהם געהייסען. נו, וויא געפעהלט דאָס אימיצען אזא מעשה? ניט אומזיסט זאָגט מען: אידעלע גנב... אוי, ווען ער קומט ערשט אויף מיינע אויגען, וואָלט איך כל חמתי אויסגעלאָזען צו זיין קאָפּ. איך זאָל זיך ריכטען, אז איך בעט א אידען אָנשרייבען א ברי־וועל, וועט ער מיר גאַר אָנשרייבען וואָס ניט געשטויגען און ניט געפלוי־גען, ווער האָט עס איהם געבעטען, ער זאָל זיין א רודף שלום'ניק? אי, אי, אי, מיט פרעמדע הענד איז גוט פייער צו שאַרען.

אז אָה און וועה איז מיר; ניחאי, וואָלט איך געוועזן איבערלייענען, וואָס ער האָט דאָרט אָנגעמאַזשעט; עפּעס א פערבלענדעניש אויף מיר געקומען און איך האָב איהם געטרויעט: אוי דיא מענער, איין טייוועל זיינען זיי אַלע, וויא איין מאַמע האָט זיי געהאַט.

ווער ווייסט וואָס ער האָט דאָרט אָנגעפּאַטשקעט, אודאי געשריעבען, אז איך ביינק נאָך איהם, אז איך קען גאַר ניט אָהן איהם ניט לעבען; נו, נו, מעהר וויא דאָס פעהלט מיר ניט! איך בין דאָך ב"ה אזוי אויך גע־נוג אין דר'ערד, און ערשט וועט ער שוין גאָר זיין אין ברייטעל! אוי, אז עס איז בעשערט צרות קומען זיי גאָר אומגעריכט... זאָל שוין אזוי מיין אפּיקורוס מיט'ן הארציגען שרייבער צוזאַמען אזוי וויסען וואו זיי וועלען אָנקומען ביז מאָרגען, וויא איך ווייס וואו איך האַלט אין בריוועל... יע...

האַלט.. ניט.. די.. קינדער.. פערשטיקט.. אין.. הויז.. לאָז.. זיי שפּיעלען.. זיך.. אויפ'ן.. פרייען.. פעלד. שפּיעלען זאָל ער דאָרט מיט'ן מלאך המות, טאַטע זיסער, איך זאָל לאָזען דיא קינדער שפּיעלען זיך, און עסען, וויא עס וויל זיך! א שעהנער טאַטע, אזא יאָהר אויף איהם... נו, וואָס פּלוידערט ער דאָרט ווייטער!...

איך.. האב.. נעוואלט.. פאהרען.. צו.. דיר;... אבער.. איך בין.. זעהר.. ביזי.. און.. קען.. נים.. אבפאהרען.. איך שיק.. דיר א טשעק.. אויף.. 25 דאלער.. נעקסטע.. וואך.. וועל.. איך.. צו דיר... זיכער... קומען...

אויף צעהן טויזענד כפרות דארף איך איהם! א קאטאוועס נחת וועל איך דא פון איהם האבען! געגוג שוין, אז איך לייד פון איהם אין דער היים, פעהלט מיר נאך, אז ער זאל מיר דא די אויגען פערשווארצען? איך וועל איהם געהן שרייבען, אז ער מעג זיך רוהען וואו ער רוהט; זאל ער דארט עסען גוט און לעבען גוט, כאפט איהם דער טייוועל, איך קען דיא וועלט ניט פערזארגען... שא, עפעס נאך א פאר שורות...

שרייב... מיר... וואס... דיר... פעהלט, וועל... איך דיר... ברייגגען... פון... מיר... דיין... מאן... און דער כשר'ער נאמען זיינער און א גערוס צו דיא קינדער. מעהר דאכט זיך איז שוין ניטא — גענוג איהם צו לעבען!

40טער קאפיטעל.

יאנקעל קריעגט א ווארעמען ברוך הבא.

בריהער קלאגט חנה פעסיל אזוי וויא אויף חורבן דערפאר וואס איהר מאן קומט צו איהר ניט געוואהר ווערען, און ווען יאנקעל קומט, צאהלט זיא איהם איין א פארציע און איז בלומרשט ניט צופרידען מיט זיין קומען. אגב אורחא בערעדט זיא א ביסעל איהרע קאנטרי שוועסטער.

איך וויים אסור וואס קאכען זיך אזוי לייט נאך דער קאנטרי? רעגולע משוגעים זיינען זיי. מען נעהמט און מען לאזט איבער הייזער מיט פער־מעגענס און מען קומט אהער אבריכטען גלות. וואס ווערט פון א הויז ווען דיא בעל הבית'טע איז ניטא? א תל, א חורבה ווערט פון איהר. איך וועל שוין זאגען וויא יענע אידענע האט געזאגט: ווען ארץ ישראל, און מיר מיין דערפעלע.

נו, דארף איך גאר אויף דער עלטער זיין א באדערקע! איך בין קיין מאל ביי קיין פרעמדען טיש ניט געזעסען און היינט איז עס מיר צום האנד געקומען! און מיט ווען געהט מען דא צום טיש? אזעלכע בערייטערקעס, אזעלכע רכילות'ניצעס, גאט זאל היטען און בעשירמען. מען האט מעהר גיט, נור מען זיצט אויפ'ן בריקעל און מען בערעדט יענעם,

מען לאכט אָב פון יענעם: דיא געהט ניט שעהן, דיא רעדט ניט איידעל, דיא עסט ניט לייטיש, אַלץ איז זייער באָבעס דאגה, טפו, זאָלען זיי ווערען!

ווען איך געה דורך צווישען דיא ווייבערישצעס, פלאמט דאָך פיר דער פנים מיינער. חא, חא, חא; חא, חא, חא; חי, חי, חי; חי, חי, חי; וואָס זעהען זיי אויף מיר? בין איך ניט אזוי דיק; האָב איך ניט אזא רויטע צורה וויא זיי; נו, קומט מיר עפּעס דערפאַר! ווען זיי זאָלען האָבען אזעלכע דאָליעס וויא איך האָב, וואָלטען זיי אויך שעהנער ניט אויסגעזעהען. אוי, רבונו של עולם, העלף מיר, אז איך זאָל פריי ווערען פון דעם גהינום און קומען אין מיינע אייגענע פיער ווינקעלעך, כאָטש איין מאָל אין טאָג א שטיקעל ברויט עסען, אבי ביי זיך אין דער היים זיין. אָבער וויא קומט דיא קאַטץ איבער'ן וואסער!...

טהו, מאך; מען קען קיין מזל אליין ניט נעהמען; אז דער אויבער־שטער וויל ניט געבען, איז כאָטש צוריים זיך! איך קוק זיך צו, לייטישע מענער קומען געוואָהר ווערען צו זייערע ווייבער, זיטצען דאָ אָב צו עטליכע טעג; נו, מיט'ן מאַן, וויא מען זאָגט, איז אפילו מעבר לים; וויא דיא זאך איז, מען רעדט זיך דורך, מען שמועסט זיך דורך און עס ווערט פרעהליכער. מיינער אָבער איז דאָרט ערגעץ בענומען געוואָרען, אזוי וויא אין דר'ערד אריין. ניט מען זעהט איהם, ניט מען הערט פון איהם... א שעהנע פּאָפּראַוועקע קען איך דאָ האָבען; דאכט זיך, אז מען קען גיך צו גאָט קומען פון איינציגע יאדאַטע, פון איינציגע קלעמענים, וואָס איך האָב דאָ אויסצושטעהן...

שאַ, ברוך הבא! ער קריכט שוין וויא עס איז; איך זאָל געוועזן דערמאָנען א מענשען, וואָלט ער אויך געקומען! שוין ב"ה באלד צוויי וואָכען, אז איך בין דאָ, האָט ער זיך קוים מישב געוועזן קומען.

זעה נור א ביסעל אויסגעסטרויעט זיך? כאָטש לייג איהם אין טרונע אריין! פאר וועמען האָסטו זיך אזוי אויסגעפּוצט? דוא האָסט הפנים געמיינט, אז איך בין שוין געשטאָרבען און דוא האָסט געוואָלט ווערען א יונגער בעל הבית'ל! ניט אזוי גיך, נאך ניט איין וואסער יועט אריבער געהן ביז דוא וועסט פון מיר פטור ווערען!...

וואָס? מען קען ניט קומען אין דער פרעמד וויא א בזוי? אָט

דאס איז דאך מיט דיר דיא צרה; דוא האסט זיך ליעב אויסצופיינען פאר לייטען און פאר דער ווייב וויא עס וויל זיך! אז אָה און וועה איז דיר; מען האט דאך דא געמיינט, אז איך בין אן אלמנה אדער א גרושה, וויא דען האט מען אנדערש געקענט רעכענען?...

זאגען דיר בעסער וואס מאך איך, וואס מאכען דיא קינדער? אויף דיר געזאגט, אויף אלע משומדים געזאגט אזא מאכאכץ! א שעהנעם פלאטץ האסטו פאר מיר אויסגעזוכט, אזא מזל אויף דיר.

איך האב איהם דעם טויט געמאכט מיט דער קאנטרי, זאגט ער! דער שווארץ יאהר האט דיר געוואוסט! איך זאל געווען וויסען אויף אזא אופן, וואלט איך אסור אהער געפאהרען, ווען דוא וואלסט מיר אפילו אנגעשאטען דיא שטוב מיט געלד! אז מען קען ניט דערלאנגען עפעס רעכטס, קען מען לעבען אהן דער קאנטרי! וואס טהוט קהל אהן אן אתרוג? בענשט מען ניט.

זאגען איהם מיט וואס איז דא שלעכט! וואס דען, גוט איז עס? אז מען דארף זיך צו'חנפ'ענען צום בעל הבית, צו דער דיענסט, און אז ניט, ליעגט מען אין דר'ערד וויא א בארג! און וואס זאל איך טהאן, אז איך בין ניט פון דיא ווייבלאך, וואס קענען זיך חכמה'נען און מאכען חן'דעלעך?....

וואס, שא'קעסטו, וואס? זאל איך פאר זיי אזוי מורא האבען טויטערהייד, וויא איך האב פאר זיי מורא לעבעדיגערהייד! וואס איז, א ליגען אפשר? זיי ווערען דאך אלע נור וואס ניט צוזעצט עסענדיג, נור מען האלט אין איין קייען וויא א בהמה דיא זשויקע, און מיר גיט מען ניט וואס א האר איז ווערטה, ווען אפילו דיא נשמה זאל, שונאי ישראל ארוים, פאר וועלכע מעשים טובים האבען זיי עס אזא שאו?...

יאנקעל, איך וויל פאהרען אהיים, וויל איך! איך קען דא ניט זיין און וועל דא ניט זיין; אויב דוא ווילסט, אז איך זאל דוקא זיין אין קאנטרי, פיהר מיך אוועק אין א פלאטץ וואו איך זאל הנאה האבען, און ווען ניט, דארף מען גאר ניט...

אללע־רייט, זאגט ער, פאהר אהיים! מען דארף מיט איהם עפעס א סך רעדען? אט פערקירעוועט ער שוין דיא פערד און האדיע! ער האט דארט אוראי אנגעפאטשקעט, אנגע'חזיר'ט אין הויז און איך וועל

איהם פאהרען אונטערראמען! עהע, אזא חכם ביסטו? ניין, יאנקעל, דאס פועל'סטו ביי מיר נים...

זאגסט מיר באטש, יאנקעל, האט מען שוין דארט פערבעט די בעט צייט איך בין אוועקגעפאהרען? האט מען אויסגעקעהרט דיא הויז, געוואשען דעם פלאאר? עס איז שוין דארט געווים אלעס צורונען און צושוואומען געווארען. שוין נים איין מאל געווים דער סינק איבערגעאנגען, וואס פאר א גוטס קען שוין זיין, אז מען לאזט איבער א הויז אויף אזא גולם? ווער ווייסט וויפיעל היזקות ער האט מיר דארט אנגעמאכט?...

אלעס, זאגסטו, איז אלל־רייט אלעס איז אין ארדנונג ריין, ציכטיג אין אלע ווינקעלעך! אזוי? הייסט עס, אז דוא שטעהסט נים אום דער ווייב; קענסט אהן איהר אויך אויסקומען. נו, אויב אזוי, איז געקאנטשעט!... היינט פרעג איך דיר, אפיקורוס, מיט וואס פאר א פערשטאכענע אויגען ביסטו גאר אהער געקומען? ממה נפשך, בין איך ביי דיר אן איבעריגע זאך, וואס־זשע קומסטו מיר דא דרעהען א מוח? ווער האט נאך דיר געשיקט, ווער? אזוי וויא דוא שטעהסט אום מיר, אזוי שטעה איך אום דיר...

הכלל, וואס־זשע וועט ערשט זיין? וואס זאל זיין? גאר נים! קענסט זיך פאהרען. איך וועל דיר דיא רעדער אסור האקען. האסט דאך מסתמא קיין צייט נים, וויא דיין שטייגער איז, דוא עטלויפסט דאך שטענדיג פון דער ווייב וויא אן אונטערגעשאסענער, לויף, לויף כאטש פון הוים, מיינע שונאים.

וואס? אויב איך וויל ועסטו מיר אוועקפיהרען ערגעץ אנדערש? מוחל, זאל שוין זיין וויא עס איז, עפעס רעכטס וועט צו מיר נים אנ־קומען. וויא אזוי קען דען זיין גוט, אז דוא פערגינסט מיר נים.

הא? דוא ווילסט דא פערבלייבען א פאר טעג, חידושים אויף נאמנות! וויא קומט עס צו דיר? וועלל, ביי דיר דיא ברירה, ארויס־טרייבען וועל איך דיר חלילה נים.

41טער קאפיטעל.

כל נדרי און דער קול פון א שיקסע.

יאנקעל פערברייגט מיט געסט אין קאנטרי. חנה פעסיל הערט, אז פריהער זינגט מען דארט כל נדרי, נאכדעם זינגט א שיקסע א גוי'עשע פעסניע. זיא איז חושד, אז דיא פרעמדע געסט זיינען עס א חזן מיט משוררים און זיי האלטען אויך ביי זיך א שיקסע, מיט וועלכע איהר יאנקעל האט אויך אויפטראגען. לסוף דערוויסט זיא זיך, אז גאר א פאנאגראף האט עס געזונגען.

אוי, ס'ארא מזל איך האב. דער וואס ווינשט מיר בייז, דער וואס רעדט פון מיר, דער וואס טראכט פון מיר צו שלעכטען, זאל קיין בעסערע דאליע נים האבען. טאמער איז ער שוין יא געקומען, זיצט ער נור טאג אזוי נאכט ביי דיא פילאדעלפיער, און וואס טהוט מען דארט? מען גנאראַנאטשעט אזוי וויא דיא גענז, מעהר גאר נים! וואלט איהם אימיצער פרעגען, וואס איז ער מיט זיי אדער וואס זיינען זיי מיט איהם? פרעמדע, ווילד פרעמדע, און ער קען גאר אהן זיי א מינוט נים לעבען...

אוי, הינט זאלען רייסען זיין לייב, וויא ער קען זיך פון זיי גאר נים אברייסען. וויא נור ער עפענט דיא אויגען, אהא, ער איז שוין דארמען! לייט געהען שלאפען און מיינער סיקט נאך אלץ ביי דיא פילאדעלפיער! אוי, פטור זאל איך שוין ווערען פון מיינע צרות....

ער גלייכט זיך צו זיי, גלייכט ער זיך! יענע זיינען דאך עפעס אידען, א קוק טהאן אויף זיי, זיינען זיי דאך עפעס אסאבעס, און מסתמא נים קיין ארימע לייט אויך; קיין ווייבער און קינדער האבען זיי דא נים: נו, זיטצען זיי און באלאקען. זיי האבען רען עפעס אנדערש וואס צו טהאן? אבער א איד וואס האט א ווייב און קינדער ביי דער זייט, האט נעדארפט אביסעל מעהר סטאטקעווען. אזא יאהר אויף איהם, אזא מזל אויף איהם מיט זיין פיהרונג.

עס איז מעהר נים, באשר איך בין אן איינגעהאלטענע; אבער ווען עס טרעפט אויף אן אנדערע, וואלט זיא איהם געמאכט א מארק, אז עס וואלט געווען צעהן בראכען צו איהם, און ער איז טאקי ווערטה אויך....

שא, עפּעס הערט זיך א אידיש וואָרט, מען זינגט עפּעס ימים נוראים'דיגע זאַכען... יע, אויף נאמנות, כל נדרי זינגען זיי.

כל נדרי... ואסרי... א מחיה צו הערען, איך זאָל אַזוי געזונד זיין! פּעריל שיט זיך פון זייערע מיילער, עס צוגעהט איבער אַלע גליעדער, אַט ביי לייטען מאַנסבילען, א גאָט'ס בענשונג; וואָס דען? מיין שלאָק מויג צו עפּעס?....

ראנדרינא... ודאשתבנא... זיס וויא צוקער! דער אַלטער איז מסתמא דער פילאַדעלפיער חזן און דיא איגנערע — זיינע משוררים; נו, געהט יאַקעל כלאָפּ מאַכען מיט זיין פּאני בראצי! אפּנים האָט ער ביי זיי, אַקוראַט וויא איך אַנטקעגען דער רביצין!...

שא, וואָס זינגען זיי ווייטער?... יע, א שטיקעל פון סליחות... שעהן וויא גאָלד איך האָב שוין לאַנג אַזא חזן ניט געהערט, עס איז דאָך ווערטה איך וויים ניט וואָס צו הערען אַזא חזן! ווען מיינער וועט אפילו א כפּרה ווערען, וועל איך איה"ש ימים נוראים געהן דאַווענען אין א גרויסע שוהל און הערען א ריכטיגען חזן! אי דאָס סער, זאָל כאָטש קאָסטען דריי טאָלער א טיקעט! איך וועל איהם געהן פערקוקען אין דיא צייהן? וועט ער וועלען, וועט ער זיך דאַווענען ביי זיין חברה, איך קען בעשטעהן צו דאַווענען אין א רעגעלע שוהל און הנאה האָבען....

שא, וואָס איז דאָס? דעם ניגון פערשטעהע איך שוין גאָר ניט... ניין, דאָס איז ניט פון דאַווענען... אסור חזיר אויב איך וויים וואָס דאָס איז. אין מיטען האָט זיך נאָך דיא האַרציגע צירעלע פערנאַנדערגעלאָזען מיט איהר האַרלע און מען הערט שוין גאָר ניט. פּאַף דאָרט, פּאַף, וואָרום וויא דוא זעהסט נעהם איך דעם סטראָפּ און וואָס מיר אויפ'ן האַרצען, וועל איך אויסלאָזען צו דיין קאָפּ....

טפו זאָלען זיי ווערען, גאָר א גוי'אישע פּעסניע זינגען זיי, ריכטיג וויא ביי אונז אין דער היים דיא יונים! אוי, אמעריטשקע, וואָלט עס אפשר ביי אונז א חזן זינגען אַזעלכע פּעסניעס? פּע, חלשות צו הערען, פאַר א חזן וואָס דאַווענט ראש השנה ביי'ם עמוד פּאַסט עס ניט! אי, אי, אי, נוטער וויין אין שלעכטע פּעסלאַך...

וועה איז מיר, ווינד איז מיר, וואָס הער איך? א שיקסע זינגט גאָר דאָרט?... ניין, איך האָב קיין טעות ניט, טאַקע א שיקסע! אוי,

טויב ניחאי וואלט איך בעסער ווערען, איידער הערען אזעלכע זאכען, נים אומזיסט ציהט איהם אזוי אהין! ארויסגעצויגען, ארויסגעשלעפט זאל ער ווערען טאטע זיסער..

געוואלד, וואו טהוט מען זיך אהין פאר בושה, פאר חרפה? א קלאג איז מיר, א בראך איז מיר, א וועלט שלאפט נים, מען וועט זיך עס באלד דערוויסען, עס קוממ אוים כאטש אנטלויף אין מיטען נאכט... אבער ניין! איך וועל שוין אזא זאך טאי וויא סאי נים פערשטיקען; איז נים היינט, איז מארגען, מען וועט דאך עס וויסען, לאמיר כאטש געהן איינ־צאהלען איהם א פארציע מיט'ן חזן צוזאמען!...

שא, ביסט שוין דא, תכשיט מיינער? דוא האלסט עס דארט דיא שיקסע מיט'ן חזן פארטנער? א קלאג צו דיר, א בראך צו דיר, מילא אין דער היים וואס דוא ביסט, ביסטו; אבער ניחאי וואלסטו מיר כאטש אין דער פרעמד מיינע אויגען נים פערשווארצען.

קוק זיך נור איין וויא דאס דערשמעקט, אזוי וויא א הונד דיא פאדלע, ראכט זיך אן אורח, געקומען אויף א פאר טעג, האט ער שוין געפונען זיין גלייכען און מען פראוועט פיינע געשעפטען, פראוועט מען! וואס מיינסטו, יאנקעל, איך וועל עס שווייגען? געוואלד אין דיא גאסען וועל איך שרייען! אזוי לאנג קריינקט ער, וויא לאנג ער וועט שוין קיין חזן נים זיין! אט אזעלכער וועט געהן צום עמוד דאווגען? פעראוועט און פער־דושעט זאלסטו ווערען מיט איהם צוזאמען.

זעה נור אויסגעראטשעט א פאאר אויגען? אזוי וויא ראפקא אויפ'ן טאטען! וואס קוקסטו מיר אן, וואס? דוא קענסט מיר נים?...

וואס'ער חזן, פרעגט ער! דוא ווייסט גאר נעבאך נים! אט דער, וואס האט ערשט געזונגען כל נדרי! שעהן אזוי, גוט אזוי, האלטען ביי זיך א נקבה און זינגען כל נדרי.

וואס? א פאנאגראף האט עס געשפיעלט? שפיעלען זאלסטו מיט'ן מלאך המות! פאנאגראף, שמאנאגראף; אז איך הער אליין וויא א שיקסע זינגט, וויל ער מיר פערדרעהען דעם קאפ! עהע, מאכט רש"י: לא זוכה!...

קום, זאגט ער, וועסטו זעהן! וואוהין זאל איך געהן? ווילסט מיר פאר איהר פארשטעלען? איך האב איהר אין דר'ערד מיט דיר אין איר־

נעם!... וואוהין שלעפסטו מיך, וואוהין? געוואלד! געוואלד! וואס ווילסטו מיר מאהן? גזלן! רוצח! ווילסט מיר קוילענען?...

מאקי א פאנאגראף! מפו זאלט איהר ווערען! הערט אבער וויא עס זינגט, ריכטיג וויא א מענש גאר נים צו דערקענען, אז דאס איז א מא־שינקע! נו, נו, חכמות אויף דער וועלט, דאס שטאמט נאך אודאי פון שלמה המלך'ס חכמות, שטאמט עס נאך.

42טער קאפיטעל.

ווען יאנקעל קומט איהר אבנעהמען.

דאס האט פאסירט גראדע אין דער צייט ווען הערדי ק. מאו האט ערמארדעט דעם ארביטעקט וותיוס און אלע צייטונגען זיינען געווען פול מיט דער דאזיגער גייעס. חנה פעסיל איז אין איתר מענה לשון מזכיר נשמות דעם ער־מארדעטען און זיא ווינשט, אז איתר מאן און אלע שלעכטע מענער זאלען האבען אזא סוף וויא וותיוס.

האליא! מיט ליעב מיר מיין גאסט, שלום עליכם, וואס מאכט א איד? וויא געהט עס, וואס הערט זיך עפעס נייס? שוין א שאק מיט יאהרען זיך נים געזעהען...

וואס? צו האב איך נאך דיר געביינקט? א שאלה אביסעל. נאך וויא געבענקט! בייענקען צו בייענקען איז גלייך? איך האב דיר קוים דערלעבט זעהן, וואס רעדסטו, וואס? וויא ביינקט מען עס נים נאך אזא הארציגען מאן וויא דוא ביסט? מיין דריטע אויג האב איך דאך נאך דיר אויסגעוויינט, ווען דוא וואלסט ערשט נים געקומען, וואלט איך מיר אפשר געקוילעט מיט א וואלגער־האלץ!

איך האב אויף נאמנות געמיינט, אז א בער אהן אן עק און איך אהן א יאנקעל כלאפ! איך האב נים אנדערש גערעכענט, אז דוא האסט שוין ערגיץ געכאפט דיא מפלה, אזוי וויא דער מיסטער וואהיים, וואס דיא פייר־פערס שרייבען, אז איינער, מיסטער מאו האט איהם געשאסען עפעס פאר א ווייבעל צו א מיידעל, ווייסט זיי דער רוח; אבער וויא זאגט א גוי להבדיל: משארט ליכאחא ניע בערע, דער טייוועל נעהמט קיין שלעכ־טען נים צו, ביסט נאך געזונד וויא א טייער און חנה פעסיל, האלט זיך מיט דער צרה.

שעהנע מענשען זיינט איהר אַלע, אַזא יאָהר אויף אייך, אַזא מזל אויף אייך! סטייטש, מאַנארכעס, מיליאָנערען און וואויל געלערנטע געהען גאַר האָבען ביזנעס מיט פרעמדע מיידלאַך און ווייבלאַך און קבצנים טאַנצען זיי נאָך! אָבער פון פרעמדס קען מען קיין אייגענס ניט מאַכען; הימעל און ערד האָבען געשוואָרען, אַז קיין פערבאָרגענע זאַך זאָל ניט זיין, דער אמת קומט נאָכדעם ארויף אויפ'ן טעלער און אזעלכע ויעבען יאָהר זאָלט איהר האָבען, וויא איהר פיהרט אויס.

אַט ליעגט ערשט מיסטער וואַהיים מיט'ן פופיק ארויף און זיא, דיא ווייבעל, וואָס ער זאָגט, אַז זיא איז אמאָל געוועזען זיין ליובאָווניצע, האָט איהם אין דר'ערד. זיא וועט אסור נאָכלויפען נאָך איהם אין קבר.

נאָך אַלעמען קען זיין, אַז דיא גאַנצע מעשה איז אַ ליעגען; ניט זיא האָט זיך מיט איהם געליעבט, ניט געשמיבט; נור וואַהייט עליו השנאָבעל, האָט געטאָהן וויא יענער שיכור, אַז ער האָט קיין בראַנפען ניט געהאַט, האָט ער כאָטש גערעדט וועגען בראַנפען. ער האָט געבאַלעבאַטשעט וואָס מען דאַרף ניט און מאָו האָט איהם פערשטאָפּט דאָס מויל מיט אַ בלייענע קאַרטאָפּליע. אָט דאָס הייסט, קינדערלאַך אַ סוף! אַזא סוף זאָלען אַלע פאַלשע מענער האָבען.

וואָס? עס געפעלט דיר ניט דער ברוך הבא, וואָס איך גיב דיר? ביסט אפשר ווערטה אַ בעסערען? ביי מיר געווים ניט, אפשר ביי אימיצען אַנדערש, יע, ווייס איך ניט.

וואָס האָסטו געמיינט, יאַנקעל, אַז דוא וועסט זיך קוים אויסקראַצען קומען געוואָהר ווערען צו דער ווייב איין מאָל אין דריי וואָכען, וועל איך דיר אויפכאַפּען וויא אַ מאַלינקע? אַ מכה! איך וועל דיר אַזוי געבען וויא מען גיט אַ חזיר אין קאַרעטע! האָסטו געהערט? אַ מאַן זאָל זיך זיטצען בתקפה און גאַר ניט קעהרען פאַר אַ ווייב, פאַר אַ קינד!...

הא? דוא האָסט קיין צייט ניט אַלע מאָל אַהער קומען? ווארום ווער האָט נאָך דיר הייגט געשיקט? פון מיינטוועגען האָסטו געמעגט זיטצען אין דער היים.

וואָס? דוא ביסט מיך געקומען אַבנעהמען? נאַ דיר אַ חתונה, אוי צרות מיינע איז דאָס, לייט האָבען זיך ערשט ארויסגעלאָזען פאַהרען אַהער, און איך דאַרף שוין פאַהרען צוריק. טאַמער האָב איך זיך שוין צוגעוואָהנט

און עס וואָלט שוין זיין נישט־קשה׳דיג, איז אויס קאָנטרי! אז עס קומט צום לעבען, דאַרף מען שטאַרבען.

איך פרעג דיר מעהר נים, יאַנקעל, וואָס האָסטו מיר אהער געשיקט און וואָס ביסטו מיר פּלוצלונג געקומען אַבנעהמען? ווער האָט דיר גע־בעטען דיא טובה? מיינע אבות אבותינו זיינען נים געווען אין קאָנטרי, און איך וואָלט זיך אויך אָהן דעם בעגעהן! נעהמט גלאָט און צורייצט מיר דיא ווערים, און ערשט קומט עפּעס אויס נים אהין, נים אהער! איך זאָג שוין נים וואָס, עס איז דאָך מיר אַ שאַנדע פאַר פרעמדע מענשען, ווער פאָהרט עס ערשט אהיים?

דוא קענסט נים זיין אליין, זאָגסטו? זעהסטו שוין, הא? ביסט דאָך אַ פיינע בריה; וואָס מיר ווייב? ווען מיר ווייב? דוא קענסט דאָך אליין אויסקומען; נו, און וואָס זאָגסטו ערשט? ווילסט זיך נאָך אלץ נים אונטערגעבען? אַ בעל גאוה איז גוט צו שמייסען.

איך פערשטעה, מסתמא שוין ערגיץ אין אַ רעסטאָראַנט קאַליע גע־מאַכט דעם מעגעלע! אז אָך און ווערה איז דיר, אז איך פלעג אבקאָכען אַ זופּ וואָס אפילו דער קייסער האָט געמעגט עסען, פלעגט דיר נים געשוועד־לען זיין, מאַרצעפּאַנעס האָט זיך דיר געוואָלט און אין דיא רעסטאָראַנט מסתמא געשטאָפּט זיך מיט אלערליי חזיר׳אי! אצינד ווייס כאָטש פיעל אַ ווייב איז ווערטה.

אָבער דוא גערענקסט דען עפּעס? אָט באלד וועט דיא ווייב ווייטער נים טויגען! וועסט אביסעל אָבלעבען, וועסטו ווידער מיט מיר אָנ־הויבען דעיסטעווען. איך קען דיר, יאַנקעל, דאָס איז נים דער ערשטער מאָל, אוי, זאָל זיך מיר אַזוי וועלען זינדיגען, וויא מיר ווילט זך פאָהרען אהיים; אָבער איך גיב דאָך דיר שטענדיג נאָך דיא שמד, זאָל היינט אויך מיינט איבערגעהן.

43סטער קאפיטעל.

חנה פעסיל צוריק אין שטאדט.

זיא קומט פון קאונטרי און געפינט דיא הויז ניט אין דעם ארדנונג וואס זיא וויל, גיט זיא יאנקלען א גאב, אז עס איז א קלאג צו איהם. זיא מאכט איהם און דיא קאונטרי צו אש און צו בלאטע, און ואחרי ככלות הכל, פער־גלוסט זיך איהר פאהרען קיין יורופ אויף קבר־אבות.

א דאנק זיין ליבען כשר'ן נאמען, אביסעל אויפגעראטעט אין הויז! נו, נו, א הויז האט ער מיר געמאכט, מען דארף שוין, דאכט זיך, ניט האַ־בען ערגער אין א שטאל; ווער האט עס דא געקענט דערגעהן א טאלק מיט א לאד? ווען חס־ושלום דיא מאנסבילען וואלטען געווען דיא בעלי־הבית'טעס, וואלט מען אפשר דערטרונקען געווארען אין שמוטץ.

ווען איך בין אוועקגעפאהרען אין קאונטרי, האב איך איבערגעלאזט אלצדינג ריין וויא גאלד; עס האט שימירירט אין יעדער ווינקעלע און אז איך בין געקומען — א קלאג צו מיר! איז דאך קיין זאך ניט געוועז צו דערקענען; פודען בלאטע איז דאך אויף יעדער פיטצעלע געלעגען! אוי, הענד און פיס מעג מען זיי אפהאקען, אלע מאנסבילען.

אוי, עס דרעהט, עס קרוטשעט; עס ברעכט, עס שטעכט אלע גליעדער; עפעס א קלייניגקייט וויעפיעל ‚פראצע איך האב דא אריינגע־לייגט? א גוטען פערבייסען האב איך געהאט נאך מיין קאונטרי! אזא מזל זאלסטו, יאנקעלע, האבען.

ניט אומזיסט בעטען מיר אין אונזערע הייליגע תחנות: ניט הויב מיר אויף און ניט ווארף מיר ארונטער. וואס טויג מיר וואס איך בין געוועזן אין קאנטרי, אז איך דארף עס נאכדעם אויסקריינקען. איך זאל געוועזן וויסען אויף אזא אופן, וואלט איך בעסער אין דער היים געזעסען. אבער איך וועל שוין ווייטער קלינער זיין; לעבסטו אזוי, וויא איך וועל שוין ערגעץ פאהרען! איך וויל ניט דיין האניג, איך וויל ניט דיין ביס.

זעהסטו, דאס יע. קיין יוראפ וועל איך אי"הש היינטיגען אלול פאהד־רען, מעגסט זיך יא ווערען און ניט וועלען. איך מוז פאהרען אויף קבר־אבות, עס מעג אפילו דונערען, און בליטצען.

ווען איך בין געווען אין קאונטרי איז מיר דיא מאמע, עליה השלום, געקומען צו חלום. א מאמע איז פארט א מאמע! קומט דאך אמאל גע־וואהר ווערען און דער מאמע, מיר צו לענגערע יאהר, שוין וויעפיעל יאהר, אז ער איז טויט און איז מיר נאך קיין מאל צו חלום ניט געקומען! זאל ער מיר מוחל זיין; זאל איהם מיינע רייד ניט צו שווער זיין; און אמת מעג מען זאגען אפילו אויף אן איינענעם מאמען; ער איז אויך געווען א מאנס־ביל און ער קעהרט אזו פאר דיא קינדער וויא אלע מאנסבילען.

אבער איך האב מורא, אז דער קומען איהרער איז ניט געווען אומ־זיסט, אז אח און וועה איז מיר, פערטראגען דעם קאפ אין אלל־דע שווארץ יאהר און מען קען, מ'שטיינס געזאגט, אפילו אויף קבר אבות ניט קומען; עס פערדריסט איהר געוויס דיא זאך, און זיא האט רעכט אויך; אזא יאהר אויף מיר וויא זיא האט רעכט! אוי, אוי, אוי; האדעווע קינדער, און וואס האט מען פון זיי? ניט דיא וועלט ניט יענע וועלט.

שוין פון פיעל יאהר אז איך קלייב זיך פאהרען אויף קבר אבות, און אז עס קומט צו עפעס בלייב איך זיטצען אין דער היים; פערדרעהט זאל, הארצינער פאטער, אזוי ווערען מיין מאן דיא יאהרען, וויא ער פערדרעהט מיר אלע יאהר מיין קאפ.

א סוף! אטקלאד ניע אידע וולאד; פון דיא אבלייגעניש וועט קיין מאל גאר ניט זיין; איה"ש אויף דעם אלול פאהר איך אין יוראפ אויף קבר אבות, עס מעג אפילו זיין ווייס איך וואס.

יאנקעל, דוא הערסט וואס איך רייד צו דיר? איך דערצעהל דאך דיר, אז מיין מאמע איז צו מיר געקומען....

מיט ליעב דיר דיין נאסט, זאגט ער! אה, ניט ליעב און ניט ניחא זאל דיר זיין! משומד, אפיקורוס, כל־בוניק, טרייפניאק; פון וועמען מאכסטו עס חוזק, פון וועמען? א כפרה זאלסטו ווערען פאר איהר זאמד! שעה־נעם כבוד האט זיא פון דיר געהאט לעבעדיגערהייד, דארף זיא נאך פון דיר טויטערהייד אויך ליידען?...

א בראך צו דיר, אפילו א גוי טהוט דאך עס אויך ניט! פון א טוי־טען אבלאכען? וואו איז דאס אזא זאך געהערט געווארען?... אפשר האסטו אמאל פון איהר נשמה וועגען א פרק'ל משניות געלערנט? אפשר א קאפ־פיטעלע תהילים געזאגט? לעבסטו אזוי! אויף חוזק מאכען ביסטו דא! מאר־כען זאלסטו שוין, רבונו של עולם, מיט עפעס אנדערש.

וואס זאגסטו? איך מאך פון א ווארט א קווארט? דוא האסט דערמיט גאר ניט געמיינט? וואוהין זשע פאסט עס דיא חכמות דיינע? א מענש דארף עפעס וויסען וואו איין, וואו אויס, דוא ווייסט, לא־היה'ניק דוא? אז עס קען זיין, אז צוליעב איהר זכות לעבסטו אוף דער וועלט, און דוא דארפסט איהר א ביסעל מעהר כבוד אבגעבען! זיא איז ווערטה; זיא האט עס, אויף נאמנות, כשר פערדיענט דערפאר, וואס זיא האט מיך אויסגעהאדעוועט; גלויב מיר, יאנקעל, אז ווען דוא וואלסט געהאט אן אנדער ווייב, וואלסטו שוין לאנג געווען דארט וואו מיין מאמע איז....

איך קוק זיך נאר איין וויא לייטישע ווייבער לעבען אויף דער וועלט! מען טהוט זיך אן כל־ערליי תענוגים, מען פאהרט אין יוראפ גלאט אזוי זיך פון פלעזשור וועגען, און איך קען ב"ה אפילו אוף קבר אבות ניט פאהרען! שוין אזוי פיעל יאהר נאך מיין מאמעס טויט און נאך אפילו קיין איין מאל קיין פעלד ניט געמאסטען, מעסטען זאל מען שוין מיינע שונאים תכריכים, הארציגער פאטער.

נו, איז וואס וויל איך? איך וויל פאהרען אין יוראפ, וויל איך! כל זמן דיא מאמע עליה השלום האט געשוויגען, האב איך אויך געשוויגען, געה האב אן עסק מיט יאנקעל כלאפען; ביי דיר ביז מען פועל'ט עפעס, דארף דאך נעהמען ימים ושנים! ווען וועמען ווילט זיך עס האבען צו טאהן מיט דיר? אבער ערשט, אז זיא איז מיר געקומען צו חלום, מוז איך פאהרען; עס מעג זיך אפילו דיא וועלט איבערקעהרען.

וואס שווייגסטו, וואס? וולסט נאך האבען א ישוב הדעת? עס וועט דיר אסור, עפעס העלפען; אז איך זאג, איך וויל פאהרען, וויל איך פאהרען! גזלן, רוצח! וואס ווילסטו וואס, אז זיא זאל מיך קומען שטיקען? אז אונזערע קינדער זאל חלילה וחס בייז געשעהען? איך וויל עס גאר ניט פון מויל ארויסברייינגען, וואס דערפון קען זיין, עפעס א קלייניגקייט איז עס, אז מען דער'רגזן'ט א מת?

וואס? עס דארף קאסטען א סך געלד? גרין און געל זאלסטו ווערען ימח־שמו'ניק איינער! א תירוץ איז דאס? און עס זאל אפילו דארפען קאסטען טויזענד טאלער, וויל אך דיר הערען? איך האב נאך אזא חלק אין געלד אזוי וויא דוא; חלאת וואלסטו געהאט, ניט געלד, ווען ניט איך! אז איך זאג איך וועל פאהרען, וועל איך פאהרען.

44סטער קאפיטעל.

חנה פעסיל ביים דענטיסט.

דיא בעקוםט צאהן שמערצען און געהט מיט יאנקלען צו א דענטיסט ארויסנעהמען א צאהן. נו, נו, שרייט זיא דארט מאקי אין אמת אויף דיא ציינער און אויף יאנקעל, אז דער דענטיסט האבען פעפער צו שמעקען און דער שלעכטער צאהן פערבלייבט ביי איהר, זיא לאזט איהם ניט ארויסציהען.

אוי, מיינע צייהן! געוואלד האט רחמנות, ראטעוועט, איך וועל עס ניט אריבערטראגען, אוי, אוי, אוי....

אוי, מאמעלע, הארצעלע, וויא עס דרעהט, וויא עס קרוטשעט! דרעהען זאל אזוי מיין מאן אין קאפ, אין מוח זאל איהם אזוי דרעהען, טאטע זיסער! וואס ווייסט איהר, מיסטער דענטיסט, וואס פאר א גזלן דאס איז, וואס פאר רשע מרושע דאס איז; אט וויא איהר זעהט האלט ער מיר נור אין איין יארען, אין איין גריזשען, נו האט מיר, ניט פאר אייך גערעכט, אויפגעבאפט דיא צייהן! אוי, אוי, אוי, איך קען אסור קיין ארט ניט געפינען; דער מוח הייבט זיך מיר, אז איך וועל עס איבערלעבען וועל איך זיין שטארקער פון אייזען...

קוקט איהם נור אן אזא געזונטער בולבאק, האט אויף זיין לעבען קיינמאל נט געקרענקט, זעהט אויף ציקאוועס וויא ער זיצט זיך, עס זאל עס איהם נאר אארען, עס זאל איהם נאר טשעפען; האט געבראכט, א צרה נאך איהם, דיא ווייב צו דער שחיטה און האט זיך אוועקגעזעצט וויא א מחותן אויף א חתונה...

וואס קוקט איהר מיר אן, מיסטער לעבען? איהר וואונדערט זיך, הא, וואס, איך זעה אויס אזוי שלעכט? וואס איך בין אזוי איינגעפינסטערט? וואס איז דער חידוש, וואס? עפעס א קלייניגקייט, וואס איך לייד. איבער, וואס איך טראג איבער? אז אוה און וועה איז מיר, זינט איך האב איהם דערקענט, האב איך דאך קיין מאל קיין בערוהטע מינוט ניט געהאט, פון טאג צו טאג געה איך אויס וויא א ליכט; אוי, ניט טרעפען זאל עס קיין אידישע טאכטער, וואס מיר האט געטראפען.

וואלט איהר מיר געוועז זעהן מיידעלוויים, וויא שעהן, וויא דיק איך בין געווען, ווען איך בין געגאנגען האט דאך דיא ערד אונטער מיר געצי־

טערס, און היינט, א קלאַנג איז מיר, א בראָך איז מיר, איז דאָך פון מיר א העלפט ניט געוואָרען. איך דערקען דאָך זיך אליין ניט, און אלץ צוליעב דעם משומד, צוליעב דעם אפיקו... אוי, אוי, אוי, מיינע צייהן, מאמעלע, פרוינעלע ראטעוועט מיך; איך שטארב, איך חלש, אוי, אוי, אוי....

הא? וואָס זאָגט איהר, איך זאָל זיך זעטצען? זעטצען זאָל זיך מיין מאַן א סקולע אין האלדז! קוקט איהם נור אָן וויא ער ניט זיך אפילו ניט א קרים, גאָר ניט, אזוי וויא איך זאָל זיין א פרעמדע! געוואלד געשריען! אפילו ווען א שכור'ע באַמערקע זאָל זיך אזוי מוטשען, האָט מען דאָך אויך געדאַרפט רחמנות האָבען.

אזוי? וואָס קענסטו העלפען? פאר וואָס קענסטו קאַליע מאכען? אפשר האָב איך אמאָל געוואוסט פון צייהן וועהטאָג? זינט איך האָב דיין טרפה'נע צורה דערקענט, מיידט מיר קיין צרה ניט אוים! פון וואָס, לאָ־היה'ניק דוא, האָב איך שוין ניט געליטען? הארץ־וועהטאָג, צייהן־וועהטאָג, שטעכעניש, ברעכעניש, אז אָך און וועה איז מיר, א צובראָכענער שאַר־בען בין איך דאָך ביי דיר געוואָרען...

אָט אדרבא זאָל א פרעמדער מענש זאָגען, דארף זיך א מאַן אזוי בע־נעהן מיט א ווייב וויא דוא בענעהסט זיך?...

וואָס? איך זאָל אייך ניט באַרערען? וויא עס ווייזט אוים, מיסטער דענטיסט, זיינט איהר, האָט מיר קיין פאראיבעל ניט, אויך א גוטער דאָ־ליעגעניק! מען קען שוין פארשטעהן וואָס פאר א הערצעלע איהר האָט, ביי אייך א צאָהן ארויסרייסען איז עפעס אזוי וויא א גראָשענעם בייגעל אויפעסען. אזא חשק זאָל מיין מערכה'ניק האָבען צום עסען, וואָס פאר א חשק איך האָב לאָזען זיך דעם צאָהן ארויסנעהמען... אוי, או, אוי, אָט דאָס איז קינדערלאָך א ווערעהעניש, מען דארף שוין דאכט זיך אין גיהנום ערגער ניט האָבען! אָן אַבקומעניש זאָל עס זיין פאר מיינע זינד, הארצי־גער פאָטער אין הימעל.

וואָס פרעגט איהר, אויב איך וועל איינגעהמען גאז? מסתמא האָט עס אייך מיין מאַנעלע אָנגעפיהרט, נויסער! איינגעהמען וועט ער גיכער א מיתה משונה, איידער איך וועל איינגעהמען גאז! איך פערשטעה, כל־בו'ניק דוא ווילסט מיר פער'סמ'ען און אבגעהמען אין לאָרזש 500 דאָללער! [illegible] מיינעם פאַטקודא [illegible], אז דוא וועסט ווערען א נייער נגיר, וועסט

נאך חתונה האבען מיט א מויד. ניט דערלעבען וועסטו דאס! קוקט איהם נור אן דעם פארשווינדעל; א מויד וועט איהם אויסבאפען! כאפען וועט דיר גיכער וואס איך וויים.

וואס זאגסטו דארט, וואס? אויף נעז וועל איך ניט הערען דיא שמער־צען? איך וויים, אז איך וועל ניט הערען, איך וועל שוין אפילו ראש השנה פערשפארען צו הערען תקיעות! וואס מיינסטו, יאנקעל, דוא וועסט מיר אריין נארען אין זאק? עהע, נאך ניט! געוואלד אידען, ראטעוועט! האט רחמנות, ער וויל מיך פער׳סם׳ען, וויל ער מיך, אט דער ימח־שמו׳ניק, דער טרייפניאק!....

איך זאל ניט שרייען, זאגט איהר? שרייען זאל ער שוין אזוי אויף דיא צייהן, וויא איך שריי! איהר זיינט מסתמא ניט בעסער פון איהם, וואס דען האט איהר געוואלט, איך זאל שווייגען? אוי, דיא צייהן, דיא צייהן גזלן, רוצח, ברייננ מיר אביסעל שנאפס, א שטיקעל קנאבעל אויף צו לייי־נען, לייגען זאל מען דיר שוין, טאטע דערבארעמדיגער...

הא? א סוף, זאגט איהר? עפענען דעם מויל? עפענען זאל זיך א קבר דעם וואס איך וויים אין גיכע צייטען! זעהט וויא ער ריהרט זיך ניט, אפילו אביסעל ביטערניש זשאלעוועט ער מיר ברייננען! ביטער און פינסטער זאל אזוי מיינע שונאים זיין דיא וועלט, וויא מיר איז ביטער און פינסטער, אז איך דארף מיין גאנצען לעבען אזוי פערשווארצט ווערען.

וואס? נעהן זיך געזונטערהייד? מיין געזונד אויף אלע מיינע ביל־לערס געזאגט! מען קען טאקי זיין געזונד האבענדיג אזא מאן, אוי בע־הימ און בעשירעמט זאל מען ווערען, פייער שיט זיך מיר פון דיא אויגען, איך האב דאך שוין עפעס איבערגעליטען וועהטאגען אויף מיין לעבען; אבער אזעלכע, ניט געשעהן זאל עס ווערען אין קיין אידישען שטוב; אפילו א קינד האבען איז אויך מעהר ניט וויא א משל אנטקעגען דיא וועהטאגען וואס איך טראג ערשט איבער.

אזוי? לאזען ארויסנעהמען דעם צאהן, וועט אויפהערען וועהטאן? איך וויים, אז דאס איז ביי אייך אן אבגערעדטע זאך מיך צו פטור׳ן; איך זעה דאך נאך דיין נאז נאך, אז דוא מיינסט מיר טאהן א רשעות! אבער נאך ניט אזוי גיך, עס וועט דיר נאך יאנקעלע דיא אויגען ארויס־קריכען ביז דוא וועסט פון מיר פטור ווערען, איך האב אזוי פיעל געליטען,

וועל איך נאך ליידען און דיר קיין שאו ניט געבען, ווען דוא וועסט אפילו א כפרה ווערען! קום שוין אהיים קום, זאָלסטו שוין דענסטמאָל לעבען, ווען איך וועל געהן מיט דיר דעם צאָהן ארויסנעהמען... אוי, מיינע ציינן! אוי, אוי, אוי.

45טער קאַפּיטעל.

א מענה לשון פער טעלעפאָן.

חנה פעסלען פערגלוסט זיך צו ריידען מיט איהר מאַן פער טעלעפאָן און טאַקי אליין ריידען הערט זיא מסתמא דעם קול פון א טעלעפאָן מיידעל וואָס פרעגט איהר וועלכען נומער זיא וויל, גו, איז זיא חושד, אז יאַנקעל זיטצט ער־גיץ מיט א נקבה, שיקט זיא איהם איהר מענה לשון דורכ'ן דראָט.

האליא! יאַנקעל, יאַנקעל, איך דארף דיר זאָגען א נויטהיגע זאך, דארף איך דיר זאָגען. האליא! וואָס ענטפערסטו ניט, וואָס?... איך וואָלט שווערען אויף נאמנות, אז עפּעס א נקבה רעדט דאָרט, צו מיר דאכט זיך, צו עס איז טאַקי אזוי... האליא! איי וואָנט מיסטער כלאָפּ!... יע, איך זאָל אזוי געזונד זיין, טאַקי א נקבה'שע קול איך וועל אקאָרשט פּרובירען נאך אמאָל...

האליאָ!... איך האָב דאך קיין טעות ניט... אבער וואָס לאָמבערט זיא דאָרט? זאָל איך אזוי וויסען פון מיין צער און פון איהר קאָפּ. גיב איהר א לאָמבער, א נאָמבער, הײנט געה טרעף וואָס זיא מיינט! ווייסט איהר דער שוואַרץ יאָהר.

האליאָ! איי וואָנט מיין מאַן, מיסטער יאַנקעל כלאָפּ, איי וואָנט!...

וויעדער גיב איהר א לאָמבער.... וואָס איז דיא מעדער מיט יו? איי וואָנט טו שמועס מיט מיסטער יאַנקעל כלאָפּ!... יאַנקעל, בענומען זאָלסטו דאָרט ווערען! איך בין שוין הייזעריג געוואָרען שרייענדיג און ער מאַכט זיך גאָר ניט וויסענדיג...

האליאָ! ביסט שוין וויא עס איז דאָ, ר' יעקב? וואו ביסטו דאָרט שעהנער מענש, הא?

וואָס? זאָגען דיר גיכער וואָס איז געשעהען? אפשר חס ושלום א קינד קראַנק געוואָרען? קרענקען זאָלסטו און אבפּאַלען! וואָס עס האָט

געזאָלט זיין וועלכע קינד, זאָל אויסגעהען צו דיין קאָפּ! אז ניט זאָרגסטו עפּעס פאַר דיא קינדער? זאָלען שוין מיינע שונאים אזוי געזונד זיין! דוא ווילסט מיר נור דיא צייהן פערריידען, ווילסטו מיר; אָבער ניט געטראָפען דעם אָרם. א קלאָג צו דיר, לעבעדיגערהייד האָסטו זיך גע־דאַרפט בעגראָבען, וואו מען זעעט דיר ניט — וואקסטו! אָבער הימעל און ערד האָבען געשוואָרען, אז קיין פערבאָרגענע זאך זאָל ניט זיין...

הא? אין פּטאַר ביסטו? זיין זאָלסטו אזוי אויף דער וועלט! ס'אַרא פערשטאָכענע אויגען דאָס האָט, אז מען כאַפּט איהם ביים האַנד, זאָגט ער: ניין, א וועהטאָג דיר אין דיא צייהן.

איך שטעה אָב דריי זייגערנע שעה און ווער נור וואָס ניט צוריסען שרייענדיג שיקט ער נאָך אַרויס דיא טיטשקע זיינע, זאָל מיט מיר רע־דען און אליין בעגראָבט ער זיך. זיא האָט מיר אָנגעדראַטשעט א קאָפּ: לאָמבער, שמאָמבער, און איך האָב קיין טאָלק ניט געקענט דערגעהן, א נס איז געשעהן, וואָס דער דראָגיסמאַן האָט דיר גערופען, לאַנגע יאָהר זאָל ער האָבען, וואָס ער האָט מיר דיא טובה געטאָהן, ווען ניט, וואָלסטו זיך נאָך ערשט אויך ניט אָבגערופען.

זעהסטו שוין, הא? ביסט אַ קלוגער, א קלוגער, און דאָך זיך בענאַ־רישט! דוא האָסט געמיינט, אז דער דראָגיסמאַן רופט דיר, בין איך שוין ניטאָ; לסוף ביסטו אריינגעפּאַלען! האָסטו זיך ווען געריכט אויף אזא מפּלה?

הא? דוא פערשטעהסט שוין? דאָס איז געווען דיא טעלעפאָן מיי־דעל פון סענטראל! נו, אז א טעלעפאָן מיידעל איז שוין גוט, איז מיר שוין א היילונג! וואָס איז דיא נפקא מינה? דיא שיקסע, יענע שיקסע, אזוי צו אזוי, איז צעהן קלאָגען צו מיר. טאָמער האָט קיינער פון מיינע צרות ניט געוואוסט, דאַרף שוין דער דראָגיסמאַן אויך וויסען, און אז צוויי וויסען איז שוין קיין סוד ניט. הייגט פרעג איך דיר, וויא אזוי וועל איך קענען פאַר אימעצען דיא אויגען ווייזען?

אזוי? דוא וועסט עס מיר אין דער היים געבען צו פערשטעהען? פערשטיינט און פערליימט זאָלסטו ווערען אין גיכע צייטען, הארציגער פאָטער! וואָס איז דאָ פאַראַן צו פערשטעהען? הלוואי וואָלט איך בעסער ניט פערשטאַנען, וואָלט פיעל גלייכער געווען.

וואס? זאגען דיר דערוויל וואס איך האב דיר פלוצלונג גערופען? בעשערט געוועז דיין פאהיבעל איז מיר איינגעפאלען רעדען מיט דיר מיט׳ן טעלעפאן, עפעס זכות אבות זיינען דא בייגעשטאנען, קיין מאל רעד איך ניט מיט׳ן טעלעפאן און היינט האט מיר עפעס א טיאבקע געטאהן געהן פרעגען דיר עפעס און ריכטיג אנגעטראפען! וואס דען? אויף אלעם קומט א צייט, סוף גנב איז תליה.

ערשט איז מיר שוין אלע קשיות פערענטפערט געווארען. ערשט ווייס איך שוין פון וואנען דוא שלעפסט זיך אום ביז האלבע נאכט ערשט ווייס איך שוין פון וואנען עס קומט אזא איינזינקעגיש אין געשעפט. שטייטש, וויא לאזט עס א מענש אוועק א ביזנעס און מען זיצט ערגיץ ווייס איך וואו?

וויא דוא ביסט א איד,אז דוא ביסט אין סטאר! שוויינ שוין, שווייג, וועט זיין שעהנער! ווילסט מיר איינשמועסען אויפ׳ן הימעל א יריד, ווילסטו מיר איינשמועסען? דוא ביסט אזוי אין סטאר, וויא איך בין ערשט אין ווארשא.

זאגען דיר גיכער וואס איך וויל! דוא האסט קיין צייט ניט? קאס־טאמער וווארטען? גוט גע׳דרש׳עט, ניטא וואס צו רעדען! וויא געהט מען עס אוועק און מען לאזט איבער א געשעפט אויף פרעמדע הענד? אט דאס הייסט, קינדערלאך, א בעל־תכלית, אזעלכע זיעבען יאהר זאלסטו האבען!...

סטאפ שוין, סטאפ, זאגט ער! ער איז נאך גערעכט, סאבאקא לאק־שען סיעלא אי יעשצע קריווא דיוויטסיא! האסטו געהערט? מען טאהר איהם נאר א ווארט ניט זאגען! וואס איז א בלבול האב איך אויף דיר אויסגעטראכט?...

נו, שוין! האט ער שויף אבגעזאגט דעם גוד־באי און פערטיג!... האליא!... האליא! וואס מיינסטו, יאנקעל, דוא וועסט פון מיר אנטלויפען? פון הויט וועסטו לויפען! דוא דענקסט הפנים, אז דוא וועסט זיך פון מיר אויסדרעהען? נאך ניט! סיידען דוא וועסט זיך א מיתה אנ־טאהן, סיידען דוא וועסט אין טייך ארייגשפרינגען! זעהסטו, ווען דוא מאכסט זיך א מיתה משונה, וואלסטו אויף נאמנות געטאהן וויא א חכם.

פערדישער פת, וואס דוא ביסט! האט גור איין סגולה, פערקאטשען

דיא פּאָלעס און ענטלויפען, אָבער דוא ווייסט דאָך שוין, אז דאָס איז אזא הילף, וויא צו נעהמען פון א קאַמץ דעם לויטער, וואָס דענקסטו, איך וועל דיר ניט קעטשען? זיי זיכער, אז איך וועל דיר נאָך דיינס אָבגעבען מיט פּראָצענט... אָהאָ, פון חנה פּעסלען בעהאַלט מען זיך ניט! גור באַי.

46טער קאַפּיטעל.

נאָו טשעקי, נאָו וועטשערע.

חנה פּעסיל דערוויסט זיך, אז עס איז דאָ יוניאָן און ניט יוניאָן ברויט, האַלט זיא מיט דיא אַרבייטער און זיא וויל, אז איהר מאַן זאָל עסען ברויט וואָס האָט אַ יוניאָן לייבעל. זיא וויל אָבער ניט געהן ברייננגען אזאַ ברויט און זיא הייסט יאַנקעל זיך לייגען שלאָפען אָהן וועטשערע.

נו, וואָס זיצטו שוין וויא אַן אָנגעמאָלטער געטש? שוין לאַנג שטיל געוועזן; האָסטו געזעהען אויף דיין לעבען? א מענש זאָל גלאַט פון העלער הויט בביירעס (ברוגז) ווערען! פאַר וואָס פרעסטו ניט, פאַר וואָס? עס געשוועלט דיר אפשר ניט? אזא עדעלער נפש וויא דוא ביסט! ביי דיין מאמע האָסטו אפשר בעסערס געגעסען? אוי, כל זמן מיר איז בעשערט צו לעבען, זאָל איך, רבונו של עולם, קיין ערגערע מיטאָגס און וועטשערעס ניט עסען.

איך פערשטעה, מסתמא זיך שוין ערגעץ אָנגעפרעסען אין דער פרעמד! איך ווייס שוין מיינע צרות; פרעמדס איז געשמאַק און וואָס דיא ווייב קאָכט טויג ניט! אז אָך און וועה איז מיר, אזא הארציגע וועטשערע דאַרף איך אויסגיסען...

נו א סוף, אָדער פרעס אָדער געה פּאַטען! ווער איז עס מחויב צו זיטצען און וואַרטען אויף דיר? דוא מיינסט א פנים, אז איך האָב דאָ געפּאָגעוועט א גאַנצען טאָג; אזא פּאַנסטווא אויף דיא וואָס ווינשען מיר בייז געזאָגט...

איך קוק עס נאָר אָן, פיעל מאָל האָסטו שוין דעם ברויט אין דיא הענד איבערגעהאַלטען; וואָס? דער ברויט געפעלט דיר אפשר ניט? אז דיא מויז איז זאַט, איז דיא מעהל ביטער! פאַר וואָס, לאָמיר נור וויסען געפעלט דיר דער ברויט ניט? געוועזר מאי, ווען דוא וואָלסט געוועזן הונגעריג, וואָלסטו קיין חסרונות ניט געזוכט.

וואס ? ניטא יונה לייבעל ? ווער איז דער יונה לייבעל ? און וואס איז מיט איהם געוועזן ? געשטארבען ? גע'הרג'עט געווארען ? אדער אפשר גאר אנטלאפען מיט א מויד, אי, א טרינה אמעריקא; אז מען לאדעט זיך ניט אויס מיט דער וויב אנטלויפט מען מיט אן אנדערע! לויפען זאלען ויי פון הויט, טאטע זיסער...

נו, בכן ביסטו עס אזוי פערזארגט, אז עס קריכט דיר ניט קיין עסען אין האלדז ? אהא ? עס איז דיר א וועהטאג אין הערצעלע פערגאנגען, וואס דוא קענסט ניט אנטלויפען! אבער ווער לאזט דיר ניט ? לויף פון מיינטוועגען כאטש דורך דר'ערד! איך וויים, דוא וואלסט שוין געלאפען; אבער ווער וועט זיך עס אויף דיר קוואפען ? א קאטאוועס, א פארשוין וויא דוא ביסט; א קאטץ א ברילליאנט! ניט געשטראפט זאל איך ווער־רען פאר דיא רייד... נו, וואס ביסטו שוין פערשטומט געווארען ? דוא האסט דאך עפעס אנגעהויבען דערצעהלען פון א יונה לייבעל ? ...

הא ? א יר־ני־אן לייבעל מיינסטו ? וואס איז דאס אזעלכעס ? זאל איך אזוי וויסען פון מיין צער און פון דיין קאפ!...

וואס זאגסטו ? א צעטעלע דארף זיין אנגעקלעבט אויפ'ן ברויט ? נא דיר גאר א נייע נייעס! ווער קוקט זיך עס צו; צעטעלע, שמעטעלע, אויף ברויט דארף מען אויך האבען א הכשר פון רב הכולל ? און אז עס איז ניטא קיין צעטעלע איז דער ברייט טרייף ?

שור טרייף, זאגט ער! טפוי זאלסטו ווערען! איך וויים אסור וואס מיט דיר איז; איך זאל זאגען, אז דוא ביסט משוגע, האט דאך שוין תמוז געמיטען; איך זאל זאגען, אז דוא ביסט פרום געווארען, איז דאך נאך צו פריה, עס איז דאך נאך ניט אלול...

וואס פרעגסטו, צו איך וויים וואס א יוניע (יוניאן) איז ? שור וויים איך! פאר וואס זאל איך ניט וויסען ? וואס איז, א גרינע בין איך ?... נו בכן, וואס האט עס איינס צום אנדערען ? רעדסטו, טא רייד וויא א מענש...

אהא! עס דארף זיין אנגעקלעבט א צעטעלע, אז דער ברויט האבען יוניע לייט געבאקען ? פרישאל תרך נא דרך! אבגע'טענה'ט אפשר א שעה אויפ'ן זייגער און קוים וויא עס איז ארויפגעקומען אויף א שטיקעל לאד! אט ערשט וויים איך וואס דוא מיינסט; זעהסטו, יאנקעל וואס אמת, איז אמת; ווען דוא ביסט גערעכט, ביסטו גערעכט.

אַט געה איך, אויף נאמנות, באלד צום גראַסערי מאן און וואַס מיר אויפ׳ן האַרצען וועל איך אויסלאָזען צו זיין קאָפּ! א שמד׳אלניק קען; מסתמא קאָסט איהם דער ברויט וועלוועלער, איז רעכט-קאַרמענען דעם עולם מיט בלוט פון אָרימע ארבייטער געבאַך! וואָס קעהרט ער פאַר דיא אַר־בייטער? קעהרען זאָל עס איהם, טאַטע זיסער, מיט׳ן גרינגעם גאַל.

איך זאָל זיך ריכטען, אז ער וועט מיר נאָר געבען שקעב (סקעב) ברויט! איך וועל דיר זאָגען דעם אמת; ווער קוקט זיך דאָס צו? ברויט איז ברויט! דאַכט זיך אזא צוציקעל, דער גראַסערימאַן אונזערער; רעדט דאַכט זיך מיט גאָט; לסוף איז ער אזא מאשעניק! אזא רציחה טרעפט דאָך נים אין דער וועלט! וואָס הייסט, מען זאָל לאָזען מענשען זיך בראָטען 18 שעה אין מעת לעת? וואָס איז, פאַנשטשינע איז דאָ? א בראָך נאָך זיי, ווען זיי וואָלטען אָבער נים געקויפט דעם ברויט און לאָזען איהם שימלען אין בעקערי; אהא! דאַמאַלס וואָלטען דיא בעקער געוואוסט, אז זייערע אַר־בייטער זיינען אויך מענשען. ווערים זאָל יענעם עסען, ווער עס עסט אזא ברויט.

גענוג שוין צו רעדען, זאָגט ער, איך זאָל געהן ברייננען אנדערע ברויט; וואָס דען? דעם ברויט וועסטו עסען? לעבסטו אזוי וויא מען מעג איבער דעם ברויט א מוציא מאַכען!

וואָס? דוא חלש׳ט עסען? נאָך אפשר, תכשיט מיינער, אויסגעהונ־גערט פון תשעה באב? זאָלען שוין מיינע שונאים אזוי געזונד זיין, וויא דוא האָסט געפאַסט! זעה נור, דער טייוועל כאַפּט איהם גאָר צו; א מי־נוט דיא האַרלע נים דערגאַנגען, וואָלט ער שוין דעם שור הבר מיט דיא הערנער איינגעשלונגען!

געוואַלד, שרייט ער, ער איז טויט הונגעריג! נישט-קשה דוא וועסט פון הונגער נים שטאַרבען, און טאָמער יע, וועט מען דיר אויף נאמנות בעגראָבען! האָסטו געזעהן, געוואָלטען ער מאַכט עס? וואָס שרייסטו אויף מיר, געה שריי אויף יענע, וואָס באַקען אזא ברויט; געה שריי אויפ׳ן גראָסערי מאַן, וואָס ער פערקויפט אזא ברויט!...

וואָס וועט העלפען דיין שרייען? נעווער מאי עס וואָלט שוין נאָר א סך געהאָלפען! נעהט, קלייבט זיך צוזאַמען, האָב איך א שוואַרץ יאָהר און לענט זיי אריין אין חרם; זאָל מען אויסרופען אין דיא בתי מדרשים,

אז דיא ברוים אהן א יוניע לייבעל איז טרייף; וואס האט איהר געוואלט, אז מיר ווייבער זאלען זיך דערמיט אבגעבען? מיר האבען ב"ה גענוג צו טאהן אהן דעם אויך.

וואס וועט זיין? פרעגט ער! וואס זאל זיין? גאר נים! וואס מיינסטו, איך וועל דיר ערשט געהן האבען צו טאהן מיט'ן גראסערי מאן? גויסער! קרענק, סדיכאיע; איך וועל זיך פאר א נארר נים ארויסשטעלען.

אז מען וועט דערלעבען געזונדערהייט מארגען, וועל איך ארויף פיהר־רען אלע ווייבער פון הויז, אז זיי זאלען נים געבען זייערע מענער פרעסען ביז זיי וועלען זיך אויסטארען, אז קיין שקעב ברוים זאל נים זיין...

רעד גאר נים, יאנקעל, עס וועט דיר אזוי העלפען וויא א טויטען באנקעס; אזא סכנה זאל זיין מיט אלע חולאים, וואס פאר א סכנה עס קען זיין אז דוא וועסט איינמאל נים עסען; ווייסט נים וויא מען זאגט? ניטא פאפע, געה ליוליע.

47טער קאפיטעל.

מען טאהר נים שלינגען.

חנה פעסיל ווייס פון דעם דין, אז אין דיא ניין טעג טאר מען קיין קללה נים ארויסברייגגען פון מויל, עפענט זיא אויף איהר פיסקעל גראדע אום פאמע ערב תשעה באב, און דוקא ווייל מען טאהר נים, ווילט זיך איהר ארויס־וואַרפען יאנקלען עטליכע קללות; אבער זיא מוז זיך איינהאלטען, נו, נו, פרעגט שוין גאר נים.

אן אנשיקענים איז עס אויף מיר דיא ניין טעג. מען טאהר עס נים ריידען, אז דער בית המקדש איז אמאל חרוב געווארען, דארף מען היינט אזוי פיעל פאקוטעווען, וועניג חורבנות זיינען שוין פון יענער צייט אן געוועזען? דאכט זיך ווען מען זאל נאך יעדער חורבן דארפען פראווען ניין טעג, וואלטען דיא טעג פון יאהר נים געסטאיעט.

וואס אארט מיר דיא ניין טעג, פרעגט ער! א בראך צו... טפו, טפו, טפו, איך האב זיך פערגעסען, אז מען טאהר היינט נים שילטען; א צר גאב איז עס צו מיינע צרות? נא דיר נאר, זיי א מלאך'טע און האלט דעם צונג צווישען דיא ציינער! וויא קען מען עס אזא זאך אויספיהרען, האבענדיג יאנקעל כלאפ'ען פאר א מאן? אלבעטשע, ווען אזעלכע יאנקעל

כלאפעם וואלטען געווען אמאל, וואלטען דיא תנאים אזא דין ניט אריינ־געשטעלט.

וואס אארט מיר דיא נייע טעג! מיר אארט שוין גאר א סך; פרעג מיט וואס לעב איך פון פאר אכטאגען אן? אבער מילכיגס און ווידער מילכיגס; עס האט מיר שוין דיא האלדז איבערגעגעסען; וואלט כאטש זיין רעכטע מילך, וואלט נאך געווען א האלבע צרה, איז עס אבער פער־ווייסטע וואסער; גיסען זאל זיך אזוי דעם גראסערי מאן... טפו, ניט אום נייע טעג גערעכט, וויא ער גיסט וואסער אין דיא מילך.

באשר דו, אז דוא האסט ניט קיין פלייש אין דערהיים, קריגסטו מסתמא ערגיץ אנדערש; אבער איך ווער טאקי אויסגעריסען, אויסגע־פליקט און האב שוין קיין כח ניט דיא פיס צו שלעפען.

הא? ווער לאזט מיר ניט עסען קיין פלייש, זאגסטו? עסען זאל דיר, רבונו של עולם!... וואס הייסט, ווער לאזט מיר ניט? מען איז דאך עפעס אידען, איז מען דאך; דארויף שטעהט דאך א דין, שטעהן זאלסטו שוין, הארציגער פאטער... טהו, מאך; מען טאהר א ווארט ניט ריידען! אוי שווער צו היטען אידישקייט; מיינע שונאים זאלען זיין אידען.

א נעלעכטער אויף זיין קאפ! מיר גיסט זיך, שונאי ישראל, בלוט פון די אויגען און ער לאכט! לאכען וועסטו ביי מיר, משומד איינער מיט וואס איך וויים. הערסט, יאנקעל, ברענג מיר ניט אריין אין כעס, ווארום ווי דו זעהסט, צאהל איך דיר איין א פארציע, אז דוא וועסט ביי מיר קאוואטשען טאקי וויא א הונד אין נייע טעג.

פארוואס פאר ווען? פרעגט ער! אט גלאט אזוי זיך; אז דוא ווילסט ניט וויסען פון חורבן, וועל איך דיר מאכען א חורבן! איך וועל דיר אזוי מאכען, אז דוא וועסט עסען און טרינקען פערגעסען... שא, יע! מארגען האבען מיר דאך תשעה באב; מיינסטו אפשר גע'שמד'טע האלדז דוא, אז דוא וועסט זיך ערגיץ פערקלייבען און מאכען דיא סעודה? זאג איך דיר, אז נייו...

וואס? דוא וועסט פאסטען? קוק איהם נור אן, דעם צאצקעוואטען אידעל; פאסטען וועט ער! וואס מיינסטו, אז דיא גאנצע אידישקייט ליעגט אין פאסטען? בעסער, וויא זאגט א גוי להבדיל: ני פאסטאי, ני גאנגואי! וואס טויג דיר זיין א גאט'ס גנב און מאכען זיך כלומר'שט פאר

א צדיק? דיא גוטע יאָהר זאָל איך האָבען, וואָס, אז דוא וועסט ניט האָבען צו טהאָן מיט דער ווייב, וועט ביי גאָט זיין מעהר אָנגענייגט זיין דיינע תענתית.

אזוי? דו טהוסט מיר גאָר ניט! נאָך ווייניג אפשר? וואָס האָסט געוואָלט, אַז דו זאָלסט מיר נאָך אָנשלאָגען? איינשלאָגען וועט דיר א... דוא ווייסט שוין אליין וואָס, איידער דוא וועסט אויף מיר א האַנד לעגען! יאַנקעל, מיט'ן צונג רייד וואָס דוא ווילסט; אָבער מיט דיא הענד ריהר נים.

ניט אנדערש איך רייד פון וועג, זאָגט ער!ריידען זאָלסטו שוין טאַטע דערבאַרהעמדיגער... אוי, צופלאַצט דאַרף מען ווערען, וויא איך בין א אידישע מאַכטער, אַט דאָס הייסט, קינדערלאַך, אן אָבקומעניש; אז מען זאָל דאַרפען פון אזא כלאַפּאַק ליידען און ניט טאָהרען א וואָרט ענטפערן; וויא זאָגט א גוי: אי ביום, אי פּלאַקאַט ניע דאיוט, מען שלאָגט און מען לאָזט ניט וויינען; דאָס איז, אויף נאמנות, ביי מיר ערגער וויא מאָרנעדיגער תענית, וויא צעהן תענתים איז עס ביי מיר ערגער; איך פערשטעה אסור דעם שכל דערפון, וואָס מען האָט געמאַכט דעם דין, אז מען זאָל זיך ניט טאָהרען שילטען אין דיא ניין טעג; האָסטו געהערט אן אבקלעהר? אז עס איז אמאָל חרוב געוואָרען דער בית המקדש, דאַרף איך אויפהענגען א שלאָס אויפ'ן מויל! וואָס האָט א פּאַטש צו גוט שבת?...

עס איז ניט קיין סכנה, זאָגט ער, אויב עס שטעהט אום לעבען מעג מען שילטען. פון וואַנען ביסטו עס אזא למדן געוואָרען? וואו דוא וועסט זיין א רב זאָל דיא שטאָדט ברענען! איך פערשטעה דו מענגסט אלץ, אז ניט ווייסטו עפּעס פון אידישקייט? וויסען זאָלסטו אזוי...

וואָס? זאָגען ווייטער? אזוי? דוא ווילסט מיר ברענגען צו אן עבירה? אזוי לאַנג קרענ... טפו, נאָך ניט! דוא וועסט עס ביי מיר ניט אויספיהרען! שוין גענוג, אז איך האָב דורך דיר דיא וועלט פערשפּיעלט, ווילסטו נאָך, אז איך זאָל יענע וועלט אויך פערשפּיעלען? אָה ניין, מיר נאַרט מען ניט אריין אין זאַק, קיין מזל האָב איך נים; אָבער שכל האָב איך; נעוועער מאַי, איך פערשטעה זיך אויף דיינע שטוקעס.

וואָס לאַכסטו שוין ווידער, וואָס? משומד, אפיקורוס, בל־בר־ניק,

לא־היה׳ניק; וואס עס איז געווען, וואס עס האט געוואלט זיין, וואס עס וועט זיין, זאל אויסגעהן... ווייטער פערשטעה שוין אליין... וואס בין איך עפּעס א משוגענע? זיצט און שמשירעט דיא ציהן, אטראם וויא איך זאל ווער ווייסט וואס פאר א נארישקייט זאגען! וואס קומט מיר דערפאר, אז איך וויל זיך פיהרען וויא מיין מאמע, וויא מיין באבע האר בען זיך געפיהרט? גוואס מיינסטו, יאנקעל, אין אמעריקא איז קיין גאט ניטא?

אויפגעיאדעט, אויפגעגרייזשעט האב איך זיך, איך האב געוואלט עפּעס זאגען און איך געדענק אסור וואס. פערדרעהט זאל דיר אזוי ווערען... אהא! דוא קוקסט שוין אויס איך זאל ווייטער זאגען; א פייג, דוא ביסט ניט חולה אליין פערשטעהן וואס איך מיין...

ווארט, ווארט, יאנקעל. מילא, ביסטו ערשט אין ברייטעל, דיין אמעריקא! אבער אז מען וועט דערלעבען געזונדערהייט נאך תשעה באב, וועל איך זיך מיט דיר אברעכענען וויא עס דארף צו זיין. מיין ניט, אז עס וועט דיר זיין געשענקט.

48טער קאפּיטעל.

יאנקעל קויפט לאטס.

תנה פעסיל האט קיין ידיעה ניט אין דעם דאזיגען מסחר. פון ספּעקולייש־אן האלט זיא ניט און זיא וויל ניט ליוגען, וויא מען זאגט, דיא לעבעדיגע אויף דיא טויטע, און ווען זיא דערוויסט זיך פון איהר מאן׳ס קניה, שיט זיא איהם אן א קאלנער, אז ער האט זיך מיט וואס צו האלטען.

היינט, יאנקעל, וועל איך זיך מיט דיר ניט קריעגען. איך זאג דיר צו, אז איך וועל א הויך ווארט ניט ריידען; וויא א פיש וועל איך, שונאי ישראל, שטומען; זאל מיר איינדארען דער צונג, זאל איך ניט דערלעבען ראש השנה אויב איך וועל אפילו א פּיפּס טאהן. איך קען דאך דיר וואס פאר א היטץ קאפּ דוא ביסט; אז מען זאגט דיר א ווארט, ווערסטו אן אנגעצונדענער און דוא ווייסט שוין גאר ניט אויף וואס׳ער וועלט דוא ביסט, וועל איך אויף ציקאוועס פּרובען שווייגען, און דיר היינ־טיגען מאל לאזען ריידען.

איך וועל דיר מעהר ניט פרעגען אייך זאך: אויף וועלכע כפּרות

האסטו אריינגעוואליעט אזוי פיעל געלד אין דיינע לאטס. שמאטס? קיין קשיא נים; מען קויפט דזשולערי, האט מען וואס אנצוטהון; מען קויפט א הויז, האט מען וואו צו וואהנען; אבער געהן אויסגעבען געלד אויף א פערוואקסענע שטיקעל ערד, ערגעץ אונטער דיא הרי חשך, דאס דאכט זיך וואלט אפילו א משוגע'נער אויך נים געטאהן. זאג מיר אדרבה וואס פאר א נוצען קענסטו דערפון האבען? אפילו אויף א קבר, שונאי ישראל, טויג דאך עס אויך נים. ווארום ווער וויל עס ליגען, גלאט אזוי אין מיטען פעלד? ערשט, יאנקעל האב איך דיר געפרעגט א קשיא און דוא ענט־פער מיר א תירוץ...

נו, ניטא קיין לשון, איך שווייג און דוא שווייגסט אויך, און דעם תירוץ דארף מען, הייסט עס, זוכען אין דער הגדה! טפוי זאלסטו ווע־רען; מיט דיר איז דאך נים אזוי, נים אזוי! טאמער רייד איך אוים א ווארט, האסטו צו מיר טענות, אז איך פערטומעל דיר דעם קאפ; עפעס א קלייניגקייט אזא פראפעסאר, און איך צומיש איהם דיא רעיונות זיינע; טאמער ווידער שוויג איך, שווייגט ער אויך! היינט וויא קען מען ביי אזא מנוול עפעס וויסען?

איך פרעג דיר, יאנקעל, נאך אמאל: צו וואס האסטו געקויפט דיא לאטס? צו וועלכען שווארץ־יאהר טויג עס דיך? דוא ענטפערסט צו ניין?...

הא? לייט קויפען, האסטו אויך געקויפט? א קלאפ אין מה ידידות! און אז לייט זאלען אבשניידען דיא נעזער, וואלסטו אויך אבגעשניטען? אז אח און וועה צו דיין שכל, מאלע וואס לייט טוהען, דארפסטו אויך נאכטהאן? און אויב יע, ניחאי וואלסטו זעהן וואס פאר א דאליעס לייט־טישע ווייבער האבען און זיי נאכטהון! אז אח און וועה איז מיר, לייט זיינען געבארען געווארען אין העמדעלאך און איך פינסטער מיין נאנצען לעבען פאר אזא מיאוס בעשעפענים! סטיימש, אום נאטעס ווילען, וויא כאפט מען עס אזא זאך העגדום, פענדום און מען איז זיך פריהער נים מיישב?

וואס? דוא האסט זיך מיישב געווען? דוא האסט נאכגעפרעגט? א נס איז מיר געשעהן; אבי דוא האסט כאטש אימיצען געפרעגט! אבער פאר וואס זאלסטו, בולוואן איינער, נים האבען קיין אייגענע קליעפקע

אין מוח? וויא זאָגט א גוי להבדיל א שפּריכוואָרט: ליודעי פּיטאַי, א סוואַי ראַזום מאַי (פרעג ביי לייטען און האָב אייגענעם שכל), אַז יענער איז אַ פערד, דאַרפסטו אויך זיין אַ פערד?

אַזוי? דוא האָסט עס ניט געטאָהן אָהן מיין וויסען? ניט וויסען זאָלסטו שוין, יאַנקעלע, וואו דוא וועסט אהינקומען ביז מאָרגען! זאָלסטו אזוי קענען עסען וויא איך קען זיך איינהאַלטען ניט ריידען! אפילו פון א שטיין קענסטו דאָך ארויסציהען דבורים, האָסטו געהערט אַ מענש זאָגט אָב, ער האָט ניט געטאָהן אָהן מיין וויסען! וועלכער מאַן טהוט עפּעס יע אָהן דער ווייב'ס הסכמה? אפשר ביי דיר הייסט עס א לאָסקע זאַך; אָבער ביי מיר אפילו אַ האָאר אויך ניט, וויא קען דען אנדערש זיין?

אָבער איך פרעג דיר, משומד איינער, אַז דוא האָסט שוין יע אראָב־גענומען דיא האַנד פון הארצען און געפרעגט דער ווייב'ס דעה, פאַר וואָס האָסטו מיר ניט דערצעהלט וויא דיא זאַך איז? קומט צוגעהן און דער־צעהלט מיר אַ מעשה מיט בראָנזוויל, וויא מענשען זיינען דאָרטען פון לאָטס רייך געוואָרען, האָב איך געמיינט אין אמת'ן אַז אַ גליטש (גליק) האָט איהם בעגעגענד, איך זאָל זיך ריכטען, אַז ער וועט איינהאַנדלען ערד אין אַלל־דע שווארץ יאָהר, וואו מען זעהט אַ לעבעדיגען מענשען ניט אָן! דיינע ביינדעלאַך וועלען דאָך פריהער צופוילט ווערען איידער דאָרט וועט ווערען אַ שטאָדט.

וואָס? בראָנזוויל איז אמאָל אויך אזוי נעווען? וואָס דאַרף איך וויסען וואָס אמאָל איז געווען, איך זעה וואָס איצט איז! איך פרעג דיר, יאַנקעלע, וואָס וועסטו מאַכען מיט דער שטיקעל פּוסטיניע? אפשר מיינסטו אויסבויען אַ הויז און מיר פערזעטצען דאָרט? אזוי לאַנג קרענ־קען מיינע שונאים פריהער אויף איין זייט און נאָכדעם אויפ'ן אנדערען זייט, וויא לאַנג דוא וועסט עס ביי מיר ניט אויספיהרען.

הא? דוא האָסט עס געקויפט אויף מסחר? דוא זאָגסט, אַז מען וועט דיר געבען אבטרעט געלד? אַז גרין און געל זאָל שוין ווערען דער וואָס איך וויים, רבונו של עולם! שור, אבטרעט געלד וועט מען דיר גע־בען, דוא מיינסט אפּנים, אַז אַלע זיינען אזעלכע דורניעס וויא דוא, איך בין דיר מוחל דיינע גליקען, עניוויי וועלען מיר שוין וואַנדערבילען ניט אנ־יאָגען; אַוי [illegible] וים מיט'ן קרן, וועט אויך גוט זיין.

א סחורה דארף מען אויסהאלטען דיא צייט זאגט ער! אז האלטען זאל דיר ביי'ם בויך, טאטע זיסער. וואס? דוא ווערסט אפשר דיינע לאטס איינזאלצען און האלטען אויף יקרות! ניטא ווער עס זאל לאכען, וויא איך בין א אידישע טאכטער.

יאנקעל, דוא זאלסט מיר שעהן געהן און מאכען א סוף פון דיינע מציאות, א דאללאר ארויף, א דאלער אראב און א סוף זאל זיין! א כפרה דיא געלד, טאמער איז מיר אדער דיא קינדער חס ושלום עפעס בעשערט אויפ'ן נייעם יאהר זאל אויסגעהען צו דיא געלד.

49טער קאפיטעל.

צוליעב ברייען'ס ארעדע.

יאנקעל געהט הערען וויליאם דזשענינגס ברייען'ס א רעדע. גראדע טרעפט עס אין חודש אלול, זאגט חנה פעסיל, אז אלול דארף מען געהן הערען כופר פון א מגיד, ניט הערען גוי'עשע דרשות. אגב איז זיא מבטל אלע פאָ־ ליטישע צוזאגאכצען און זיא זאגט, אז יעדער איינער וואס לויפט פאר א רעגיערונגס אמט מיינט נור זיין אייגענע טובת.

גיב א אידען א פינגער, חאפט ער דיא גאנצע האנד. אז איך האב איהם פאזוואליעט ארויסגעהן אויף א האלבע שטונדע, איז ער אוועק און ערגיץ בענומען געווארען; איך האב דאך שוין עפעס אנגעזעהען מענ־ שען אויף מיין לעבען און אזא פאסקודא האב איך נאך קיין מאל ניט גע־ זעהען. קיין וואהר ווארט האט ער דאך ניט; דאכט זיך, ער האט גע־ שווארען, געלייגט א צלם אויף א צלם, אז ער קומט באלד, לסוף א נעבי־ טיגער טאג! אז איך וועל איהם היינט ניט אויפשפיעלען א דאברי ווערשער (גוטען אבענד) וויא ער האט פערדיענט, וועל איך, אויף נאמנות, זיין ערגער וויא א גע'שמד'טע...

שא, מיט ליעב מיר מיין גאסט! ווען איך זאל געווען דערמאהנען א מענשען, וואלט ער אויך געקומען! א נישט־קשה'דיגע האלבע שטונדע ביי דיר, ניטא וואס צו ריידען! אנו, טהו נור אויף צוקאוועס א קוק אויפ'ן זייגער, ווערען זאל שוין פון דיר א פגר אין גיכע צייטען, טאטע דערבארעמדיגער.

א מענש קומט צולויפען א פערסאפעטער, ער דארף ערגיץ אונטער־

געהן אויף א האלבע שטונדע; נו, זאָל איך זיך שטעלען און זאָגען, ניין? ווען מען ווילט זיך עס אָנהויבען מיט אזא פליאגע וויא דוא ביסט? ווילסט געהן, טאָ געה! אז ניט מיינסטו דארף איך דיר דאָ האָבען? איך דארף דיר אויף ערב יום־כפור, דארף איך דיר! אָבער איך בין דאָך ניט מחויב צו זיצען און ווארטען אויף דיר ביז האלבע נאכט, ווען איך זאָל גע־ווען וויסען אויף אזא אופן, אזוי לאנג כאליעסטו, יאנקעלע, וויא לאנג דוא וואָלסט ביי מיר ניט געגאנגען. — אָבער זאָג מיר נור שעהנער מענש, וואו ביסטו עס געווען? וויא? איך טאָהר עס ניט וויסען?

הא? דוא ביסט געגאנגען זעהן ברייגען? ווער איז דאָס דיא ברייגע, און וואָס פאר א מחותן ביסטו מיט איהר? א דונער האָט מיך געטראָ־פען, א צרה איז מיר געשעהן, מסתמא א ליובאָווניצע! אוי, וועה איז מיר געשעהן, ווינד איז מיר, אז איך וועל עס איבערלעבען, וועל איך זיין שטארקער פון אייזען...

א שעהנע תשובה האָסטו אויף זיך גענומען לכבוד אלול; לויפען צו דער ליובאָווניצע! פון תוית זאָלסטו שוין לויפען, טאַטע זיסער.

אמאָל פלעגט ער זיך כאָטש בעהאַלטען, פעררייידען מיר דיא צייהן מיט שיהע, פיהע און היינט — א קלאָג איז מיר, א בראָך איז מיר, האָט ער שוין גאָר אראב געוואָרפען דיא בושה פון זיך און בעריהמט זיך נאָך מיט זיינע שעהנע אויפטהועכצען! ארויסגעצויגען, ארויסגעשלעפט זאָלסטו ווערען, ווער האָט עס דיר געצויגען פאר'ן צונג, אז דו זאָלסט מיר אזעלכע מעשות דערצעהלען?

קוק איהם נור אָן, וויא ער זיצט זיך און שמייכעלט. עס טהוט איהם הנאה אקוראט וויא ער זאָל האָבען איינגענומען פלעוונע! ווארט, ווארט משומד, אז שוין יע אזוי, וועסטו ביי מיר לאַכען מיט אן אנדער גע־לעכטער...

וואָס? ברייענגען, מיינסטו? דער וואָס וויל לויפען פאר פרעזי־דענט? טפו, לויפען זאָלען מיינע שונאים פון הויט! האָסטו געהערט? אז יענער לויפט פאר פרעזידענט, דארף יאנקעל כלאָפ אויך לויפען! זאָג מיר אדרבה, וואָס וועסטו האָבען דערפון וואָס דוא ביסט איהם געלאָפען אנקוקען? און וואָס איז דאָרט פאראן וואָס צו זעהען? וואָס איז ער עפּעס, מיט הערנער?

הא? ער איז א גרויסער מענש, א געוואלדיגער רעדנער! — נו, ביסטו געלאפען הערען זיין דרשה? וואס האט ער דארט גע'דרש'ענט? אפשר עפעס אביסעל מוסר געזאגט פאר ראש־השנה? א פגירה זאל אויף דיר קומען; ניחאי וואלסטו בעסער געגאנגען אין שוהל הערען דעם מגיד! דיא גוטע יאהר זאל איך האבען וואס דאס וואלט מעהר מצוה געווען, וויא געהן הערען וואס א גוי פלוידערט.

געוואלד געשריען, שוין באלד ב"ה א האלבער חודש אלול אוועק, צו האב איך געזעהען, אז דוא זאלסט א ספר אין האנד נעהמען, צו האב איך געזעהען, אז דוא זאלסט געהן הערען א אידיש ווארט; מיט וואס פאר א פנים ועסטו, אפיקורוס איינער, געהן ראש השנה אין שוהל בעטען אויף א גוט יאהר? פאר וואס? פאר ווען? דערפאר וואס דוא שלעפסט זיך אום ביז האלבע נאכט הערען גוי'אישע דרשות? מילא א גאנץ יאהר, וויא א גאנץ יאהר; אבער אלול! א קלאג איז מיר, א בראך איז מיר, לייט טהוען תשובה, מען פאסט, מען זאגט תהלים און מיין מאן האט גאט צר געשיקט א ברייען, א בעל דרש'ער און ער לעקט פון איהם דיא פינגער.

ווען איך זאל איהם הערען ריידען און פערשטעהן, זאגט ער, וואלט איך אויך געלעקט דיא פינגער — א זכיה אויף איהם! טיא, טיא, טיא, וואס האט ער דארט געזאגט, וואס? אודאי איינגעשמועסט אייך, אז אויב מען וועט איהם מאכען פיר א פרעזידענט וועט ער אלעמען מאכען פאר נגידים! שור, צוזאגען און איינריידען קאסט קיין געלד נים.

וואס? ער האט געזאגט, אז ער וועט בטל מאכען דיא טראסטס? ער וועט מאכען, אז אייז און קאהלען זאל זיין וואלוועל? אודאי, אז ער זאגט, מעג מען דעם רב גלויבען? בולוואנעס זייט איהר אלע, פערד, אקסען, זייט איהר! אז אך און וועה צו אייך, אין גאט גלויבט איהר נים און אין מענשען האט איהר אזא אמונה! זאלען עס מיינע שונאים האַ־בען פון גאט, וואס מיר וועלען האבען פון דעם אדער פון יענעם; כדאי טאקי געהן דארט שפארען זיך און אויסהערען זייערע צוזאגענישען.

יאנקעל, איך זאג דיר'אן, אז היינט איינמאהל און מעהר קיין מאל! איך וויל אז ווען דו האסט צייט, זאלסטו זיטצען אין שטוב, וואס טויג מיר ברייען, שמייען, איך קען זיי שוין, דיא סותרים, בעסער וויא דו. אט האט מען געמאכט א גאנצען טאראראם וועגען דיא אייז, און וואס האט

זיך אויסגעלאזט? בוידים מיט פאליצע! ארום א פעטען טאפ, זאגט מען, איז זיך גוט צו רייבען. דיא נאטשאלסטווא וואס איהר מאכט, רייבען זיך ארום. דיא רייכע און האלטען מיט זיי, און פאר דיא ארימע לייט קעהרען זיי אזוי פיעל וויא א הונד פאר א פינפטע פוס.

חא? ער האט געזאגט, אז ער וועט מאכען אז ארבייטער זאלען מעהר ניט ארבייטען אכט שעה א טאג? וואס קלעהרסטו, וואס? ער וועט אלץ מאכען ביז מען וועט איהם געבען דיא לייצעס אין דיא הענד, נאכדעם אבער וועט ער קירשוען דיא פערדלאך וויא פאר איהם וועט זיך לוינען.

יאנקעל שלאג זיך ארויס פון זינען אזעלכע נארישקייטען, אט לעג זיך בעסער שלאפען, ועסטו אויפשטעהן אביסעל פריהער און געהן אין שוהל אריין דאוונען. פערגעס ניט עס איז אלול אין דרויסען און אט באלד וועט מען דארפען ארויסנעהמען דעם קוויטעל.

50סטער קאפיטעל.

יאנקעל איז ביזי אין שוהל.

ער מאכט ארענדזשמענטס אין זיין חברת אויף ימים נוראים. ער זעהט צו פערקויפען שוהל טיקעטס און אנדערע זאכען, זאגט חנה פעסיל, אז מען דארף עס ניט, אז מען טהוט עס גור פון ביזנעס וועגען, ניט לשם מצוה, און אז אזוי דארף מען דערפון פערדיענען, ווען ניט, לוינט ניט דער עסק צו באדערען זיך.

וואו ביסטו שוין ווידער אבגעזעסען ביז האלבע נאכט? שוין לאנג שטיל געווען, דאכט זיך א הונט ניט מען ניט אזוי ווי איך גיב איהם פאר זיין ארומשלעפען זיך און ער האט אזא קורצען זאק קארן (זכרון), אז ער טרייסעלט זיך אב ווי א דבר אחר און טהוט זיך זיינס.

א נחת ביי לייטען, מען עסט אין דער צייט, אלע אין איינעם, און אויף מיר איז א שטראף פון גאט! שטענדיג בייז וואונדער און בייז וואונדער (בעזונדער)! דיא קינדער שטיפען זיך אן איבער'ן טאג און וויא עס ווערט נאכט רייסען זיי מיר דיא הויט עסען; איך אליין קען אויך ניט זיצען און ווארטען ביז מיין מערכה'ניק וועט אראבקומען, עס איך ווידער בעזונדער; נאכדעם קומט אראב דער פאסטאיאלע, דארף איך ווידער פרש־

ווען א טיש פאר איהם; בינו לבינו איז די טישטוך ארויף, דיא טישטוך אראב און איך האלט נור אין איין פארווערען.

וואס? ביי דיין חברה ביסטו געוועו? איך פערשטעה, מסתמא שוין ערגיץ אין א סאלון געזעסען מיט גוטע ברידער און גע'שכור'ט! אז אך און וועה איז צו דיין משפט, חרפה, בושה האסטו געדארפט האבען!...

הא? דו קענסט מיר אויפווייזען מיט עדות אז דו ביסט ניט געוועו אין סאלון? נו, האב איך ניט געטראפען! אז דער לוח טרעפט ניט! וואו דען זשע ביסטו געוועו, אז ניט אין סאלון?

אזוי? ביי דיין חברה אין שוהל ביסטו געוועו? וואס עפעס אין מיטען מיטוואך אין שוהל? אפשר עפעס געלערנט, אפשר א קאפיטעלע תהלים געזאגט?...

וואס? דוא ביסט א קאמיטע מאן און מאכסט ארענדזשעס אין שוהל? טפו זאלסטו ווערען! דו האסט שוין נישטקשה'דיג אין קעפיל, א בראך צו דיר! האסטו געהערט אויף דיין לעבען? ער מאכט ארענדזשעס! משוגע ביסטו צו חסר דעה, ארענדזשעס וואקסען דאך.

וויא? ארענדזשעס־מענטש מאכסטו? וואס איז דאס אזעלכעס? א קלאג איז מיר, א בראך איז מיר, אפשר עפעס א טרפה זאך, מעהר פעהלט מיר ניט, מען זאל אונז נאך אוועק שיקען אין צינק־צינק! (סינג־סינג) אוי וועה איז מיר, ווינד איז מיר, קיין צרה מיידט מיר ניט אויס...

א געלעכטער אוף זיין קאפ! שטיק ראשטאנט (ארעסטאנט) וואס דוא ביסט וואס לאכסטו נאך, וואס? וואס מיינסטו עפעס, א שפילעכעל איז דאס מאכען טרפה זאכען וואס מען טאהר ניט? ווארט ווארט, הלואי זאל איך ליגען זאגען, דוא וועסט זעהען וואס דוא וועסט זיך אנמאכען...

אהא! ארדענונג, פאראדקעס מיינסטו אויף ראש השנה? אזוי? דוא לאדעסט דיא שטאדט, הייסט עס! א קלייניגקייט איז עס? צאלע מיאסטא נא יעגא גלאווא! (דיא גאנצע שטאדט אויף זיין קאפ) גאט האט איהם צו־געשיקט א חברה, נו, איז שוין פאר איהם אן עסק! ווער מיט וואס און ער מיט זיין חברה.

א צרה זאל אויף דיר קומען מיט דיין חברה צוזאמען! אלע לעכער פער־שטופט מען מיט דיר! חזנים, טיקעטס, שמיקעטס און אלע באלעריעס, דארף יאנקעל כלאם פער'דאנה'ן! אז דוא מישט זיך שוין יע אין קהל'שע

זאכען, ניחאי וואלסטו כאטש עפעס געהאט דערפון, גולם! פלאקען! אזוי ווי א מוזשיק, אזוי ווי א סטעפאן, מיט א טרונק בראנפען פטור'ט מען דיך...

אזוי? וואס דען האב איך געוואלט? אזוי פיעל מכות דיר פיעל מאלער לייטע מאכען דערפון? וואס דען? אז יע חזיר עסען, זאל פון מארדע אראב־רינען! געוועד מאי, לייט האבען שכל: מען דינגט א חזן, נעהמט מען ביי איהם פעס (קאמישיאן); מען דינגט א שוהל, כאפט מען אויך א פאאר טא־לער: וואס דען? ווער איז עס מחויב צו זיין א קהל'שער משרת? עגיהאל, וואו קומט אהין דיא געלד? מען טאהר עס ניט ריידען, עס איז דאך עפעס אלול אין דרויסען; אבער... לאמיר שוין בעסער שווייגען...

א מדינה אמעריקא, פון אלץ מאכט מען ביזנעס! אפילו פון רבונו של עולם זוכט מען אויך צו פערדיענען; וויא נור עס שטעהט אן דער חודש אלול, וויא נור מען טהוט א בלאז מיט'ן שופר, הויבט מען שוין אן לאדען דיא שוהלען, דיא חזנים, דיא סיטס; עס קעהרט נאר דיא וועלט, און אלץ צוליעב ביזנעס.

איך זאל ריידען אזעלכע ווערטער, זאגט ער! טאהר איך אפשר ניט? דער שווארץ יאהר כאפט אייך צו, ווען מען זאגט אייך אן אמת! וואס דען? פון גאט'ס וועגען מאכט איהר עס אזא טאראראם? געוונד זאלט איהר אזוי זיין, לעבען זאלט איהר אזוי.

האסטו געהערט אויף דיין לעבען? מען מאכט נאר פון דער שוהל א טריאטער, להבדיל! טאמער וויל מען געהן דאווענען, איז זשידו דאוואי ראשי! (איך גיב געלד) ווען ניט לאזט מען ניט אריין! און וואס זאל טהאן יענער וואס פערמעגט ניט צו קויפען א בילעט? אזא מזל אויף אייך מיט אייער פיהרונג! טאמער איז יענער אן ארעמאן און קען ניט בעצאהלען לאזט מען איהם אפילו אין פאליש אויך ניט אריין! אוי, א מדינה, הימעל און ערד און ביזנעס.

בכן, וואס וויל איך, פרעגסטו? אט וואס איך וויל: וויא באלד, אז קיין מצוה איז דאס ניט און האבען, האסטו דערפון גאר ניט, וויל איך, אז דוא זאלסט זיך ניט מישען! זאלען זיי זיך פערדרעהען זייערע ספאר־קעס — וואס איז דאס עפעס דיין עסק?

אזוי? וואס דערלעג איך דערצו? שור דערלעג איך! וואס דען? איך

פערדין ? זאָלען עס מיינע שונאים האבען פון גאָט, וואָס איך האָב דערפון ! עס איז ערב יום טוב, מען דארף אַן עין הרע האבען, מען דארף עפּעס דאגה'ן פאר זיך, געהט ער נאָר און פערגעהמט זיך מיט פרעמדע זאכען ! ...

יאַנקעל, הענד און פיס זאָלסטו צו דרעהען אויב דו וועסט נאָך אַ מאָל געהן צו זייערע קאָמיטעס. נישטקשה, דיא שוהל וועט זיין אַ שוהל אָהן דיר אויך, האָסט אויף נאמנות בילכערע זאכען צו טהאָן ...

וויא איך זעה סווינקעלסטו ; עס ווילט זיך דיר אַ פּנים ניט אָבצורייסען פון קאָמפּאַני ; אָבער יאַנקעל, מעהר וועט דיר ניט העלפען, אַז איך וועל זיך דערוויסען, אז דוא וועסט אין שוהל אריינשמעקען. ווילסטו געהן דאַווענען, מאַכטאייפע (מהיכא תיתא) אָבער מישען זאָלסטו זיך ניט ! איך האָב קיין כח ניט צו זיטצען און ווארטען אויף דיר ביז האלבע נאַכט ; אז איך זאָג ניין, וועט זיין ניין.

51סטער קאַפּיטעל.

חנה פעסלען געפעהלט ניט דער חזן.

זיא דאַווענט ראש השנה אין אַ שוהל, דאַכט זיך איהר, אַז דער חזן איז אַן שקער־יער אָדער אַ באַריסט, האָט זיא מורא, אַז זיא איז ניט יוצא מיט דער תפילה און זיא וויל, אַז יאַנקעל זאָל אויף יום כפור קויפען טיקעטס אין אַן אַנדער שוהל און, אַז חנה פעסיל וויל, איז געוואָלט מיט באַקציותנער.

יאַנקעל, יאַנקעל, וואָס וועט זיין יאַנקעל ? צו דיר רייד איך, צו צו דער וואַנט רייד איך ? איך פרעג דאָך דיר וואָס וועט זיין, פרעג איך דאָך דיר.

הא ? מאָרגען, זאָגסטו, וועט זיין ערב יום כפור וועט מען עסען קרעפּלאך ? אַ שמחה, אַ גדולה אויף זיין קאָפּ, קרעפּלאך וועט מען עסען ! עסען זאָל דיר ווערים, טאַטע זיסער ! גע'שמד'טע האלדז וואָס דוא ביסט, פאר ־יער אכילה וואָלסטו דאָך דיין טאַטע און מאַמע פערקויפט ! וואָלסטו אַזוי, יאַנקעל, האַלטען פון אנדערע מצוות וויא דוא האַלסט פון מצות עסען.

אַ נס איז מיר געשעהען, אויף נאמנות, וואָס דוא ווייסט כאָטש, אַז מאָרגען איז ערב יום כפור, אַלבעטשע ווען ניט דיא קרעפּלאך זאָל דיר ליגען אין זינען, וואָלסטו דאָס אויך ניט געוואוסט. אז ניט ווייסטו עפּעס פון אידעשקייט ? זאָלען אַזוי מיינע שונאים וויסען פון זייער געזונד...

נו, וואס וועט פארט זיין? חכמות אן א זייפ, איך וויל דאך, אז דוא זאלסט גנהען נעהמען טיקעטס, אויף ווען ווארטסטו? אויף מארגען צו כל נדרי? ....

וואס קוקסטו מיר אן, וואס? דוא מיינסט דוא וועסט זיך אויסדרעהעהן, זאג איך דיר אז נים! פון מיינטוועגען אקער כאטש, שונאי ישראל, מיט'ן נאז דיא ערד און טיקעטס זאל מיר זיין! דוא הערסט וואס איך זאג צו ניין?

וואס פאר א טיקעט, פרעגט ער! א גייע שאלה! וויא זאגסטו וואס פאר א טיקעטס? קיין טריאטער טיקעטס געווים נים. טיקעטס אויף געהען אין שוהל אריין מיין איך! א קשיא אויף אזא משומד, אז ביי דיר איז רעכט, אז ראש השנה זאל דאוונען אן אקטיאר, איז רעכט געהן אין דיא תשובה טעג אין טריאטער אויך.

פיעל מאל, אקסענע קאפ דוא, האב איך דיר געזאגט, אז איך וויל יום כפור נים געהן דאוונען אין דיין שוהל? אפשר טויזענד מאל דיא אייגענע זאך איבערגע'חזר'ט, און כאטש שיעס איהם אין מות, כאטש טעסיע פלעקער אויף זיין קאפ! א שוהל איז דאס? א תפלה, להבדיל, איז דאס, נים קיין שוהל! א קלאג איז מיר, א בראך איז מיר, סטיימש? וואו איז עס געהערט געווארען אזא זאך? מען זאל נעהמען אן אקטיאר, א טרייפניק, וואס רוי־כערט געווים פאפיראסען אום שבת און אוועקשטעלען ימים נוראים דאוונען ביים עמוד!

אז אח און וועה און ווינד איז מיר; איבערגעפיהרט אן ערשטע סליחות, א זכור ברית; בעגראבען אזעלכע טהייערע דאוונען'ס, וואס איז? מיין מאן האט זיך פערבאליעט צו געהען הערען א חזן! נו, האסטו זיך א חזן, אזעל־כע זיעבען יאהר זאלסטו האבען מיט איהם צוזאמען.

הא? ער האט גוט געדאווענט זאגסטו? שור, אזוי גוט וויא מען שמייסט מיט א רוט! האט זיך אוועקגעשטעלט מיט א גאנצע טשערעדע און געמעקעט ווי די בראנזווילער ציעגען, אט דאס הייסט ביי דיר געדאווענט? פערדאווענט און פערדושעט זאלען ווערען דיא וואס ווינשען מיר בייז, רבונו של עולם.

זאל ער אזוי, הארציגער פאטער הערען טייפער סעם משיח (שופר של משיח), וויא איך האב אפילו א ווארט געהערט; זאל ער אזוי וויסען וואו

ער וועט הינקומען ביז מארגען, וויא איך האב געוואוסט וואו מען האלט; האט זיך מסתמא מיט דער כאליאסטרע אנגעפרעסען וויא דיא גוים און גע־האלטען אין איין טאראררייקען; אביסעל א קדושה אבגעטאראררייקעט, אז עס איז מיר דיא פיס געשוואלען געווארען שטעהענדיג, און עס האט געהאט אזא טעם, וויא א מיידעל אהן נדן; טפו, דיא גוטע יאהר זאל איך האבען וואס ליאד אבי ווער וואלט געדאוונט בעסער פון איהם.

וואס פאר א גוטס קען זיין, אז ער איז א קאמעדיאנטשיק? אלבעטשע, אז ער קען קיין עברי אויך ניט, וויא קומט אן אקטיאר דערצו? וואס איז, דיא לייטע נעהמען עפעס א מאל א אידיש ווארט אין מויל? נעהמען זאל זיי, טאטע דערבארעמדיגער דאס וואס איך וויים מיט דיר אין איינעם.

וואס? פון וואנען ווייס איך, אז ער איז אן אקטיאר? המ... א וועלט שלאפט ניט, און אז מען קלינקט איז חגא! און איך קען איהם ניט? אזוי פיעל מכות זאל דיר זיין, רבונו של עולם, פיעל מאהל איך האב איהם גע־זעהען אין טריאטער, אפילו אן אבגעשונדענעם וואלט איך איהם אויך דער־קענט.

און דוא, הייסט עס, און דער פרעזידענט און דיא גבאים פון שוהל וויסען ניט ווער ער איז? א בראך צו אייך! א סוף, אן עק, איהר האלט ניט פון אידישקייט, מיט'ן קאפ אין דר'ערד! געהט אין קלויסטער און שמד'ט זיך אוים; אבער צו וואס דארפט איהר פון זיך אליין חוזק מאכען? ממה נפשך, דאוועגט מען, זאל זיין געדאוועגט; וועו ניט, דארף מען גאר ניט.

ער פרעגט נאך, דער אפיקורוס פון וואנען איך ווייס, אז ער איז אן אקטיאר! ער זינגט דאך אפילו נגונים פון טריאטער; אלבעטשע אז דיא משוררים זיינען אויך קאמעדיאנטשיקעס, אדער גאר פערשטעלטע מיידלאך; דער בעל תקיעה, אפשר אויך עפעס א כלי זמר, א טרובאטש, וויים אייך דער שווארץ יאהר, אויף אמעריקא גנב איז אלץ צו גלויבען.

אזוי? איך האב דיר געשטערט דעם לעבען? איך האב דוקא געוואלט געהען הערען א חזן? ניט הערען און ניט זעהען זאלסטו, ליבינקער פאטער אין הימעל! שור האב איך געוואלט הערען א חזן, אבער ער איז דאך אזוי א חזן, וויא איך בין א שטייגער א רביצין! אוי, קיין צרות זאלען ניט זיין און אזעלכע חזנים זאלען אויך ניט זיין.

שמן מקטרג, ניחאי וואלט איך זיך געווען פריהער ארומגעזעהען, וואלט

איך דאָך געווען מיט איהם באלד אָבגעשלאָגען כפרות! בעשערט געווען, אַ קלאָג איז מיר, איבערפיהרען אַ ראש השנה, אַי, אַי, אַי.

יאַנקעל, פון אונטער דר'ערד זאָלסטו מיר אויסגראָבען טיקעטס אין אַנ־אנדער שוהל, אויף כפרות דארף איך דיר מיט דיינע חזנים, שמאַזאַגים! פון מיינטוועגען זאָל דאווגען אַ שוסטער, אַ וואַסער־טרעגער, אַבי אַן עהרליכער איד זאָל ער זיין און ווערטער זאָל מען הערען . .

יאַנקעל, איך זאָג דיר אָן נאָך אַ מאָהל, אז אויב דו וועסט ניט ברייגגען קיין טיקעטס, מעגסטו זיך אויסריכטען אַ שווארצע חתימה, שונאי ציון, איז מיין נאָמען ניט חנה פעסיל אויב איך וועל דיר עס שיינקען.

52טער קאַפּיטעל.

ברוך דין אמת.

יאַנקעל ווערט קראַנק און שטאַרבט אוועק, און נאָכ'ן טויט, ווי דער שפּויגער איז ווערט געשמאַק. חנה פעסיל זעהט זיך אָרום, אַז איהר מאַן איז גאָר ניט געווען אַזוי שלעכט און זיא זאָגט נאָך איהם אַשעהנעם און ליעב־האַר־ציגען הספד.

איהר קוקט מיך אָן, חא, וואָס איך בין אזוי אומעטיג, אזוי פערטרויערט; איהר וואונדערט זיך וואו איז עס הינגעקומען מיין מויל, מיין צונג, ראַכט זיך אַזאַ געמבע נעהאַט — טראַכט איהר זיך — און ערשט, גאָר ניט ריא חנה פעסיל וואָס געווען. איאַ, אזוי טראַכט איהר זיך?

אמת! מיר עמענט זיך ניט דער מויל ניט נור צום ריידען, אפילו צום עסען אויך נים. אוי, ניט טרעפען זאָל עס קיין אידישע טאָכטער וואָס מיר האָט געטראָפען. אַ קלאָג איז מיר, אַ בראָך איז מיר, דער גאַנצער ונתנה תוקף איז אויף מיר אויסגעגאָסען געוואָרען. אַזאַ אונגליק, אַזאַ גיכע פערבאַ־פעניש, ניט געשעהען זאָל עס ווערען אין קיין אידישע שטוב.

ערשט פאַר אַכט טאָגען אומגעגאַנגען, געווען געזונד און געלעבט ווי אלע מענשען, און היינט, פוינעלע מיינע, ליעגט אויף איהם אַ באַרג ערד! אוי, יאַנקעלע, יאַנקעלע, פערעלע, קרוינעלע, אַ גוטער בעטער זאָלסטו דאָרט זיין פאַר מיר און פאר אונזערע קינדערלאָך.

וואָס ווייסט איהר, וואָס פאַר אַ דימענטענער מענש דאָס איז געווען, ליכטיג זאָל איהם דאָרט זיין אין גן־עדן. ער האָט דאָך גאָר קיין גאַל ניט גע־

האט; מען זאל אפילו זיפען און זוכען און גאר דיא וועלט, וועט מען דאך אזא טהייערען, אזא ליעבענקען ניט געפינען.

וואס האט ער פאר מיר ניט געטאהן? אפילו די טעלער פון הימעל, ווען איך זאל נור געוועזען ווען, וואלט ער דאך מיר אויך דערלאנגט און אלץ שטיל, אהן קריעגעריי, אהן סטירדעס ניט וויא לייטישע מענער.

וועה איז מיר, ווינד איז מיר, אזא אן אוצר האב איך פערלארען, אזא בריליאנט, אזא חכם'ל וויא ער איז געוועזען, עס איז דאך א מחיה געיוען מיט איהם צו ריידען, פערעל האבען זיך דאך פון זיין מויל געשאטען, און איך האב זיך עס נעדארפט מיט אזא מאן שיירען.

א קלאג איז מיר, א בראך איז מיר, אזא פארשוין וויא ער איז געוועזען, וויא דיא זיעבען זונגען האט ער דאך געשיינט, איך האב זיך אסור פערגונען צו קוקען אויף איהם, און היינט, ליעגט עס אזא ליכטיגע צורה אין דר'ערד! אוי, אוי, אוי, א בעזע עין הרע איז געשעהען, געלויבט ביסטו גאט פאר דעם און פאר אלעמען.

אזוי מיושב'דיג וויא ער איז געוועזען, מיר צו לענגערע יאהר, אלצדינג געטאהן מיט איבערלייגונג, מיט ישוב הדעת, א מענש איז ער געוועזען? א מלאך פון זיעבענטען הימעל איז ער געוועזען! וואס האט ער ניט געוואוסט? וואס האט ער ניט געקענט? איז דען געוועזען א זאך אין דער וועלט וואס ער האט ניט פערשטאנען? און דער מלאך המות האט עס אזעלכען צוגענומען? נו, האט זיך עפעס דער זינדיגער מענש מיט וואס איבערצוגעהמען?

עס טרעפט א מאל, אז א מענש איז קראנק, ליעגט צו בעט, וויא דיא זאך איז דערוייל טישעט מען זיך כאטש אן, און דא, וועה צו מיינע יאהרען, א געזונטער, א פרישער ארויס יום כפור פון שוהל און ניט דערלעבט סוכות צו בענשען אתרוג!

טהייערינקער, ליעבינקער, זיסינקער יאנקעלע, א גוטער מליץ זאלסטו דארט זיין פאר מיר און פאר אונזערע יתומים'לאך; טריי זאלסטו מיר אזוי ריינען דארטען אין הימעל, וויא געטריי דוא ביסט צו מיר געוועזען אויף דער וועלט. צו האסטו מיט מיר צו להכעים געשפיעלט וויא אנדערע מענער? צו האסטו מיר א מאל אבגעזאגט, ווען איך האב דיר עפעס געבעטען? אלע מיינע גוטע פריינד זאלען קיין ערגערע דאליעס ניט האבען, וויא איך האב פאר דיר געהאט, נאר מיט לענגערע יאהרען.

ווען דוא האָסט, טייבעלע מיינע געלעבטע, האָב איך ניט אַזוי פיעל פער־שטאַנען וואָס פאַר אַ גאָלד דוא ביסט געווען, וועה איז מיר, וועה איז מיר, אפשר האָב איך דיך אַ מאָל פון כעס אַ קללה געגעבען, אפשר האָב איך דיר דער׳רגזנ׳ט, זיי מיר מוחל, טהייערינקער, פערגעס וואָס עס איז געווען און וואַרף דאָרט אין הימעל אַריין אַ גוט וואָרט פון מיינטוועגען.

אוי, פינסטער און ביטער איז מיין וועלט. אַ קלאָג איז מיר, אַ בראָך איז מיר, אפשר האָט זיך ביי מיר אַ מאָל אַרויסגעכאַפּט אַ קללה אין אַ בייזע שעה, אוי, שטום ניחאַי וואָלט איך געווען ווערען איידער איך האָב אַנטקעגען דיר אַ שלעכט וואָרט אַרויסגערעדט.

מען זאָגט, אַז וואָס דיא ערד דעקט צו מוז פערגעסען ווערען; אָבער קען דען זיין, אַז איך זאָל אַן דיר פערגעסען? ניין, קיין מאָל אין לעבען ניט! ביז מען וועט מיר לייגען שערבעלאַך אויף דיא אויגען, וועל איך ניט פערגעסען וואָס פאַר אַ ליעבען און צוקער־זיסען מאַנדעלע איך האָב געהאַט. מיינע אויגען וועלען מיר קיין מאָל ניט טריקענען, ביז איך וועל זיי אויף אייביג צומאַכען און קומען צו דיר אין קבר, אוי, ניחאַי וואָלסטו בעסער געבליעבען אַן אַלמן איידער איך אַן אַלמנה.

יאַנקעלע, האַרצעלע, אויף ועמען האָסטו איבערגעלאָזען דיינע יתומים־לאַך? ווער וועט זיי מדריך זיין בדרך הישר? ווער וועט אויף זיי אַכטונג געבען? משטיינס געזאָגט, וואָס ווייס אַ אידענע וויא צו לערנען קינדער?

יאַנקעלע, פערעלע, קרוינעלע, געה דאָרט אויפ׳ן הימעל און נעהם אַרויס אַ גוטען קוויטעל פאַר מיר דיין וױיב חנה פעסיל, וואָס איז פערבליע־בען אַ וויכטע אַלמנה און פאַר אונזערע קינדערלאַך זאָלען געזונד זיין. איך בין זיך מודה ומתודה, יאַנקעלע, אַז איך האָב אפשר אַנטקעגען דיר געזינ־דיגט; אָבער אַז מיר זיינען שוין ערשט אָב חבר, דאַרפסטו מיר מוחל זיין און אויסבעטען אַ גוט יאָהר פאַר מיר און אַלע אונזערע גוטע פריינד.

53טער קאפיטעל.

שדכנים כאפען א פארציע.

חנה פעסיל דיא אלמנה שילט זיי אויס דיא געביין, דערפאר וואס זיי ריידען איהר שידוכים. זיא בעקלאגט יאנקלען אויף דאס נייע און שווערט, אז זיא וועט קיינמאל ניט חתונה האבען.

וואס זאגט איהר דוואסיע קרוין אויף מיין אונגליק? אלץ הייסט אן אונגליק, ניט טרעפען זאל עס קיין אידישע טאכטער וואס מיר האט געטראפען, אפילו מיין גרעסטען שונא ווינש איך עס אסור אויך ניט.

א קלאג איז מיר, פערשטערט זיינען געווארען מיינע שבתים און ימים טובים; פער'חושך'ט, פערפינסטערט זיינען מיינע טעג און יאהרען, אויס־געלאשען אז געווארען מיין ליכט און וועט שוין קיין מאל ניט שיינען.

ווען ער, עליו השלום, האט געלעבט איז געוועזן ליכטיג אין אלע ווינ־קעלאך, עס איז ביי מיר אלע טאג געוועזן שמחת תורה און היינט, פינסטער איז מיין וועלט, איז ביי מיר שטענדיג תשעה באב. אט אזוי וויא איהר זעהט, זיטץ איך אזוי וויא א שטומע. צו וועמען זאל איך רעדען? צו דיא פיער ווענט? לאנגע און לעבעדגע יאהר זאלט איהר דוואסינקע האבען, וואס איהר קומט כאטש אריין, ווען ניט איהר, וואלט איך דאך, שונא ישראל פון צרות משוגע געווארען

לייט זאגען: נישט־קשה, אזא סכנה זאל זיין מיט אלע אלמנות. וואס איז? עס שטעבט זיי דיא אויגען, וואס יאנקעל, א ליכטיגען גן־עדן זאל ער האבען, האט בעלאנגט צו א לאדזש און איך וועל אבנעהמען 500 דאלאר. ליעבינקער מיינער, ער האט מיר פאר זיין לעבען פערזארגט, אזוי וויא דאס הערצעלע האט איהם נעבאך געזאגט; אבער וואס טויג מיר דיא געלד, אז דער נפש איז ניטא? אוי, וועה איז מיר, וועה איז מיר, אזא יונגע בוימעלע, אזא שעהנע סאסנע איז אויסגעריסען געווארען פאר דער צייט.

עס איז זיי גרינג צו ריידען, אוועקצוטאכען מיט'ן האנד. עס פער־שטעהט זיך, א נעשווויר איז אויך ניט שלעכט, אבער ווען עס איז ביי יענעם; אי, אי, אי, איך ווינש זיי חס ושלום ניט, זאלען זיי זיך אויסלעבען זייערע יאהרען מיט זייערע מענער, אבער ווען עס זאל זיי טרעפען, וואלטען זייא אנדערש גערעדט.

וואס העלפט עס? וועמען עס קומט צום האנד דיא צרה, יענער ליידט! ניטא קיין גוטע פריינד אויף דער וועלט. איין אמת'ן גוטען פריינד האב איך אויך פערלארען, אז אח און וועה און ווינד איז מיר, מסתמא איז אזוי אנגע־חתם'עט געווארען אויפ'ן הימעל, גאט איז גערעכט און זיין משפט איז גערעכט.

קומען ווייבער כלומר'שט מיר טרייסטען, און שיטען מיר נאך זאלץ אויף דיא וואונדען! שיטען זאל זיך זיי, רבונו של עולם, איך וויל שוין ניט זאגען וואס, אי, אי, אי, מיין יאנקעל עליו השלום איז טאקי געווען א חכם, דרוקען האט מען געמעגט זיינע ווערטער, זאל ער מיר מוחל זיין, זאל איהם ניט צו שווער זיין מיינע רייד, ער פלעגט שטענדיג זאגען, אז דיא ווייבער זיינען פליאגעס, איך פלעג עס אפט ניט וועלען ליידען; אבער ערשט זעה איך, אז ער האט אמת געזאגט, אזא יאהר מיר וויא ער איז גערעכט געווען.

וואס זאגט איהר, איך בעט אייך, דארויף! קומען גאר ווייבערישצעס און גיבען מיר עצות, אקוראט וויא איך זאל עס ביי זיי בעטען! אוי, וועה געשעהן, וועה געשריען, צו א פרעמדע מכה זיינען דא א סך רפואות מען גיט מיר אויך פלענער מען דערצעהלט מיר מעשיות מיט חאסעדעס, און דער וועהטאג אין הארצען, בלייבט ביי מיר, ניט ביי קיינעם.

וויא געפעהלט אייך אן עסק? דיא ערד פון מאן'ס קבר האט זיך נאך ניט אויסגעטריקענט און זיי גיבען מיר שוין אנצוהערעניש אויף שידוכים! נו, דארף אזא זאך ניט שטעכען אין הארצען? גלויבט מיר אז ווען מען זאל מיר געבען מיט עפעס איבער'ן קאפ, וואלט מיר פיעל ליעבער געווען איידער הערען אזעלכע דבורים. עס איז מעהר ניט, איך בין אן איינגעהאלטענע, אבער ווען עס טרעפט אויף אן אנדערע, וואלט מען דאך זיי מיט א פאטר־ניצע אבגעגאסען.

א קלאג איז מיר, א בראך איז מיר, טאמער וואלט איך אויף א ווייל מיינע צרות פערגעסען, קומט מען און מען ריהרט אויף מיינע וואונדען. געוואלד! וואס האט איהר צו מיר? וואס שווינקט איהר זיך מיט מיין בלוט? ליגען זאל אזוי, מיינע ביללער אין זינען עסען, וויא מיר ליעגט אין זינען אזעלכע נארישקייטען.

וויא זאגט מען עפעס: בעסער אליין אין פריידען איידער זאלבענאנד

אין ליידען .וואס מיינט איהר וואס, איך וועל קריגען נאך אזא יאקעל? אח ניין! אזעלכע יאקלאך וואלגערען זיך נים, ליכטיג זאל איהם דארט זיין אין קבר, וויא ליכטיג עס איז מיר געווען אין דיא אויגען ווען ער האט געלעבט, אזא גאלד, אזא ברליאנט וויא ער איז געווען.

הא? איך בין נים קיין בת יחידה זאגט איהר? פארוואן א סך אזעלכע פון דעסטוועגען פערגעסען זיי און האבען חתונה? דערמאהנט מיר גים, איך בעט אייך, פון אזעלכע זאכען אויב איהר ווילט אייער כבוד פארשאנע־ווען! קיינעם האט אזא דונער נים געטראפען וויא מיר. אוי, וועה איז מיר, וועה מיין לעבען, צו וואס איך בין געקומען...

המ... איך זאל חתונה האבען. הענד און פים זאל איך צודרעהען, א מיתה משונה זאל איך בעסער איינגעהמען איידער איך זאל עס גאר אין זינען האבען! יאנקעלע, פערעלע, קארערעלע... דיין כשר׳ער נשמה׳לע הערט דאך געוויס וואס איך רייד דא! איך שווער דיר ליעבינקער, זיסינקער, אז איך וועל דיר קיין מאל נים פערגעסען איין מאהל אין טאג א שטיקעל ברויט וועל איך עסען און נים נעהמען קיין אנדער מאן וואס זאל הערשעווען אי־בער דיין האב און גוטס, וואס דו האסט מיט דיין פראצע פערדיענט. ניין, ניין! כל זמן איך וועל לעבען וועל איך זיטצען אן אלמנה און שטענדיג וויינען און קלאגען אויף מיין בראך. קיינער וועט מיר נים איינריידען, קיי־נער וועט מיר נים איינשמועסען, ווען אפילו א מלאך פון הימעל וועט מיר קומען זאגען, אז איך זאל א שידוך טאהן, וועל איך איהם אויף אין צורה אנשפייען! אז איך האב יאנקעל, דיר נים, דארף איך, שוין גאר נים.

54טער קאפיטעל.

חנה פעסיל ישובט זיך.

זיא האט שוין חשק צו חתונה האבען; אבער זיא האט מורא טאמער וועט זיא נים גוט אנטרעפען. ענדליך בעשליסט זיא צו געהן וואהנען ביי איהר זוהן יאסעלע.

ס׳ארא מאדנע פריטשעפעס זיי זיינען, זיי לאזען דאך מיר פשוט נים לעבען, לאזען זיי דאך מיר נים! וואס איך צובעט זיך, וואס איך צו קליאניע זיך: לאזט מיר צורות, דרעהט מיר נים קיין קאפ מיט שידוכים, און זיי

טוהען זיך זייערט! קומען און פערדראטשען מיר מיין מות, אז איך ווער נור וואס ניט דול און משוגע.

וואס ועהען זיי, דאכט זיך אויף מיר? אומשטיינס געזוגט, און איינ־געפינסטערטע, און איינגע׳חושך׳טע, דער וואס ווינשט מיר בייז זאל אזא פנים האבען וויא איך האב היינט; דער וואס האט קיין שעהנערע וויא איך ניט געזעהען, זאל יענעם דיא אויגען ארויס! פון וואס איך האב? פון דעססטוועגען שלאגען מיר דיא שרכנים אב דיא שוועלען, מיט שטעקענס קען מען זיי דאך ניט אבטרייבען! נו, נו, א צונאב איז עס צו מיינע צרות. זאל מען בעהיט און בעשירעמט ווערען זיי מאכען דאך מיר דעם טויט, מאכען זיי מיר דאך!

טפוי זאלען זיי ווערען! מישען זאל זיך אזוי מיינע שונאים אין דיא בייכער, און דיא קישקעס זאל זיך זיי אזוי מישען, וויא זיי האבען מיר מיין קאפ צומישט! אוי, וועה איז מיר, וועה מיינע יאהרען, איך וויים דען אויף וואסער וועלט איך בין? זאלען שוין מיינע בילער אזוי וויסען וואוהין זיי וועלען הינקומען ביז מארגען, טאטע דערבארעמדיגער...

איך וויים מיינט איהר, דוואסינקע, וואס מען טהוט? עס איז אזוי, ביטער; אזוי פינסטער; וואס דענקט איהר, אז אן אלמנה איז גוט צו זיטצען? דיא וואס ווינשען מיר בייז זאלען כאטש איין מאל אין לעבען דעם טעם פערזוכען!

וואס רעדט איהר, וואס? דער מוח קעהרט זיך דאך מיר איבער קלעה־רענדיג; איך שלאף אסור קיין נעכט ניט, טראכט אהין, טראכט אהער; דער מארך ווערט מיר, אויף נאמנות, אויסגעטריקענט טראכטענדיג, און איך קען מיר קיין עצה ניט געבען.

איך בין, דוואסיע קרוין, ניט פערנארט אין זיך וויא אנדערע ווייבער; וויא פלעגט ער עליו השלום זאגען: א אידענע בלייבט א אידענע, און צווי־שען אונז ריידענדיג, וואס קען א אידענע אליין אויפטאהן? מען דארף אהן עין הרע האבען, וויא זאגט מען עפעס: איין אויג דארף אויף שלאפען. דער גאנצער אויסקוק איז אויף 500 דאלאר וואס איך האב פון לאדזש; אבער וואס וועט זיין נאכדעם, ווען איך וועל דיא געלד אויפעסען? שלעכט, דוואסינקע, וואו מען לייגט דעם קראנקען טהוט איהם וועה.

זאל איך שלעכטס האבען, אויב איך וויים וואס מען טהוט. געווען חתונה

תאבען ? ווער ווייס וויא מען טרעפט ? טאָמער פאַלט מען חס ושלום אריין אין א צרה, וואס מיינט איהר, וואָס, מען קען עפּעס אין א שידוך דורכקריכען ? דער גוטער יאָהר ווייס זיי, ערשט זיינען זיי אלע גוט; אָבער ווער נוייס וואָס שפּעטער וועט זיין ? וואָס זאָגט איהר דוואָסיע לעבען, איהר זיינט דאָך עפּעס ניט קיין נאַרישע אידענע ?...

חא ? איהר ווילט זיך ניט מישען, ווייל איהר האָט מיר א מאָל געזאָגט א נואָרט, האָב איך אייך געוואָלט אָנזידלען ? אוי, לאַנגע און מזל'דיגע יאָהר זאָלט איהר האָבען, וואָס הייסט זיך זידלען ? פאר וואָס ? פאַר וועז ? באשר מיר איז ניט גוט געווען אויפ'ן הארצען, האָב איך אפשר עפּעס א זאָג געטאָחן ; נו, דאַרפט איהר דערפאַר ברוגז זיין ? אי, קלאָגענדיג איז מיר, ניטאָ אפילו פאר וועמען דיא הארץ אויסריידען ; אז דער מזל טוהט זיך אָב ; טוהט ער זיך אָב מיט אלעמען....

וואָס ? אָח און דוואָך (און א צרה איז אויך גוט אין צווייען), זאָגט איהר ? יע, דער גוי איז טריף און זיין ווערטעל איז כשר ! וואָס מיינט איהר, וואָס, עס איז ניט אזוי ? אזא יאָהר מיר, ס'ארא קלוגע אידענע איהר זיינט ! ניט גוט, דוואָסינקע צו זיין אליין, איין גאָט דער לעבעדיגער אין הימעל ווייס.

אָבער, דוואָסיניו קרוין, וואָס טהוט מען, אז מען טרעפט חלילה ניט ? געה האָב חתונה ! וועט באלד זיין א סדרה מיט זיינע קינדער, מיינע קינדער און ווער ווייסט ? אפשר נאָך אונזערע קינדער אויך קיין זקנה בין איך נאָך נים. עס קען זיך נאָך עפּעס צוטשעפּען, א מענש איז מען....

איהר הערט ? ביי מיר איז פערבליבען, איך זאָל נאָך אלעמען אויפהערען דעקנען וועגען שדוכים. אָט איך וועל אוועקגעהן צום זוהן, זאָל געזונד זיין, און איך וועל שוין ביי איהם דיא ביסעל יאָהרען דערציהען.

ער איז א גאַנץ גוטער, מיין יאָסעלע, זיא דיא ווייבעל, דיא שנור מיינע איז אויך ניט קיין שלעכטע, א דימענט זאָג איך אייך. אָט איך וועל זיי העלפען דיא הויז, ניאַנטשען דיא קינדער, אז גאָט וועט העלפען, און איך וועל מיין ברויט שטענדיג פערדינען. זיי בעטען מיר איך זאָל צו זיי אריינטופען און איך וועל עס טאקי טהאָן.

אנוי בלייבט עס, דוואָסיע קרוין. מיין קאָפּ איז מיר שוין ב"ה גענוג פערדרעהט צו וואָס דאַרף איך מיר נאָך דעם קאָפּ פערדרעהען מיט שדוכים ?

צו וואס דארף איך דעם קלאפאט? וואס וועט מיר דען פעהלען ביי דיא קינדער?

53טער קאפיטעל.

חנה פעסיל פרישט זיך אב.

זיא מופט אריין צום זוהן און זיא לייענט איהר מענה לשון אויף דער שנור. זיא מאכט איהר צו פש און צו בלאטע און זיא צאהלט איהר איין פארציע אזוי וויא זיא קען.

א שעהן שטיקעל מתנה האט יאסעל מיינער אויסגעקליבען. כדאי גע־וועזן אזוי פיעל ווארטען און חתונה האבען מיט אזא שליאמפערקע. מען האט דאך איהם גערעדט גאלדענע שידוכים, מיט נדן, מיט קעסט, ער האט דאן גיקענט זיין א לייט, איז איהם נעבאך בעשערט געווען אריינקריכען אין א צרה.

אין אמת'ן וואס איז ער עפעס, א בראקאוונע סחורה? ער האט דאך געקענט טהאן א לייטישען שידוך, האט ער זיך אבער פערכליאפטשעט אין א שעהן פנים'ל, אין דער פארצעליאנער ליאלקע און ערשט האט ער זיך צוקראטצען אט אזוי איז עס אז מען פאלגט ניט א מאמע.

איך האב איהם נאך פאר דריי יאהרען געזאגט: יאסעלע טהו א שידוך, יאסעל האב חתונה; האט ער גע'טענה'ט: ער האט נאך צייט, בע־סער לייגגער געווארט, אבי ניט גענארט — נו, האט ער זיך גוט אויסגעווארט, אזא יאהר אויף מיינע שונאים.

וואס וויל איך פון דיר? וואס זאל איך וועלען? איך וויל דוא זאלסט זיין א מענש. איך זאל ניט דארפען טאג טעגליך איינרייסען אין הארצען ריידענדיג מיט דיר; איך וויל דוא זאלסט זיין א בעל הבית'טע, מען זאל ניט דארפען קנעלען מיט דיר אקוראט וויא א מלמד מיט קינדער; אבער דו טהוסט דאך אלעס צו להכעיס דער שוויגער און מיינע רייד קלעפען זיך צו דיר אזוי וויא ארבעס צום וואנד. דיר ארט ניט זאל דיא שוויגער צו־פוקעט ווערען, זאל איהר, שונאי ציון, דיא גאל פלאטצען און דוא טהוסט זיך דיינס. אבער ווארט, ווארט; עס וועט אויסגעהן צו דיין קאפ, וועט עס אויסגעהן. קיין מענש קען ניט טהאן דעם אנדערען, וואס ער טהוט זיך אליין. גישט־קשת, מיין נאט איז נאך אויך ניט געשטארבען.

אז אָח און וועה איז מיר, בעגראָבען א קינד, לעבעדיגערהייד בעגראָבען און נאָך אזוי פיעל קבירה געלד בעצאָהלט. אויסגעקליידעט דער שעהנער ייפייפע (יפיפיה) אזוי וויא א מאַנאַרכינע, נאָך דיימאָנדס איהר געקויפט, עס פאַסט דאָך דיר אזוי דיא דזשולערי וויא אויף א חזיר א שטריימעל.

צייט איך לעב, צייט איך שטעה אויף מיינע פיס האָב איך נאָך אזא צוקראָכענע, אזא נבלה ניט געזעהען — ניט געשטראָפט זאָל איך ווערען פאר דיא רייד, עס נודעט דאָך אויף דיר צו קוקען.

ביי לייטען יונגע וויבלאך איז א נחת צו זעהען, עס שפיגעלט, עס בליאַסקעט פון זיי און מיך האָט גאָט געבענשט מיט א שנור אן אָבגעלאָזענע, א שליאָמפּערקע, טפו! אן איטאַליענערקע וואָס קלייבט פון דיא מיסט באָרעלס איז דאָך שעהנער פון דיר.

איך ווייס אסור וויא אזוי לעבט עס א מאַן מיט אזא פרוי .מיין יאָסעלע איז טאקע פון דיא אבות, אז ער האַלט עס אויס. צעהן בראָכען נעבאך צו איהם מיט וועמען ער דאַרף פיהרען א וועלט.

איך פרעג דיר אדרבה; אז היינט איז שוין אזוי, טאָ וויא וועט שוין זיין דאַמאָלס ווען דוא וועסט האָבען א פּאָאר קינדערלאך? — אויף קינדער האָבען וועסטו דאָך מסתמא זיין א בריה, דאָס רוב שלים־מזל'ניצעס האָבען א סך קינדער .איך דענק אז דאַמאָלס וועט מען שוין גאָר דאַרפען צורונען און צו שוואומען ווערען ביי דיר אין שטוב.

דוא מיינסט אפשר אז דיין מאַן וועט פאר דיר נעהמען דיענסטען? א פייג אונטערן דעכעלע! א קאַטאָוועס, געוואָהנט פון צו הויזע! זאָג מיר נאָר דיין מאמע האָט עפעס א סך דיענסטען געהאַלטען? הערסט יעטי, מיין גיט אז דוא האָסט דאָ געפונען א יעקעלע נאר, וואָס וועט זיך לאָזען פיהרען ביי דער נאָז, קיין בייז זאָל ניט זיין, עס וועט פון דיר חם ושלום גאָר ניט אָבקומען, אז דוא וועסט אליין טהאָן וואָס מען דאַרף.

קוקט איהר נאָר אָן דיא שטיק סחורה! א גאַנגעלע דאָס געהט, דיא ערגסטע הקדש'ניצע זעהט דאָך אויס לייטישער פון דיר! דער מאַן האָרעוועט, רייסט קריעה, מיינע שונאים און ווען ער קומט אהיים געפינט ער אזא שטיקעל פאָרניטשע! א שעהנעם פערגעניגען קען ער פון דיר האָבען.

אָבער וואָס קעהרסטו פאר'ן מאַן? זאָל א בעזים קעהרען. אבי דוא האָסט איהם אריינגענאַרט אין זאַק, צאַרט דיר ניט צו ער האָט פערגעניגען

צו נים. דיין באבעם דאגה איז עס, אבי דיר פעהלט גאר נים, הערסטו דעם מאן וויא דעם קאטער .אז נים האט דער מאן ביי דיר עפעס א דעה? אקוראט וויא איך האב א דעה ביים קיסר. דוא געהסט דאך אין ספאדעק נים ער.

שא, אפשר ביסטו פון יענע וויבלאך וואס דיא פייפערס שרייבען, אז זיי ווילען זיין גלייך מיט דיא מענער אדער נאך העכער פון דיא מענער און האבען אומעטום א דעה? א קשיא אויף דיר? דוא האלסט זיך דאך פאר א געבולבעטע (געבילדעטע), כאטש מען מעג ווינשען, אז צעהן פריצים זאלען עס פערמעגען וואס דוא קענסט — אויב אזוי ביסטו גערעכט, מעגסטו טאקי מאכען דעם מאן פאר א פאנטאפעל און טאהן וואס דוא ווילסט.

אבער פאוואליע! דיא מענער וועלען זיך נים לאזען פיהרען ביי דיא נעזער. ניט דוא און נים יענע וויבלאך וועלען עפעס אויספיהרען. א קויש טשיקענס אין קאטוך אריין, שווייגט בעסער און מאכט זיך נים נאריש....

איך קוק זיך עס מעהר נים איין. שוין אפשר א שעה אויפ'ן זייגער, אז איך רייד און זיא זאל זיך עס אפרופען א ווארט! גאר נים וויא איהר מיינט מען עס. וויא זאגט א היימישער כפרה'ניק: טי מאוו א יא זדראוו, דו רייד, ווער צוזעצט ריידענדיג און מיך אארט עס וויא דיא וואנד. וואס? עס פאסט דיר אפשר נים צו ריידען מיט דער שוויגער?...

שא, זעהט נור, זיא וויינט שוין וויא גרינג דו ביסט עס אויף טרעהרען! אימיצער זאל הערען, וואלט מען מיינען ווער ווייסט וואס איך האב איהר געטהאן. קוק איהר נאר אן וויא זיא פיעסטשעט זיך, אקוראט איך זאל איהר דיא קרוין פון קאפ ריהרען איך האב דאך דיר נים געפאטשט, נים געשלאגען, בלויז א ווארט געזאגט; היינט וואס מאכסטו אזא אנשטעל? זאג מיר נאר ווער ביסטו, ר' שמעלקעס אן אייניקעל?

יא, יא, יעטי, ווען דו וואלסט געהאט אן אנדער שוויגער, וואלט זיא דיר צופראסקעט דיא מארדע דיינע; באשר איך בין אן איינגעהאלטענע און איך לאז בעסער מיינס איבערגעהן.

אן אנדערע אויף דיין ארט וואלט געדאנקט דער שוויגער דערפאר וואס זיא לערנט איהר און דוא ביסט נאך מיר א שונא! א שעהנע פאדיאקע האב איך פון דיר, אזא פאדיאק זאלסטו האבען פון דיינע קינדער.

וואס האב איך זיך איינגעטשעפעט אין דיר? דוא, האב נאר נים אזא ברייטען מויל! דרך ארץ, זעה נור אויפגעפענט א פיסק, איך בין אפשר

מיט א מיטוואָך עלטער פון דיר! וואָס האָב איך זיך אָן איהר אָנגעטשעפּעט פרעגט זיא? טשעפּען זאָלען זיך דיא וואָס ווינשען מיר בייז, אויף דיא גלייכע ווענד! ווער טשעפּעט דיר, ווער? אז איך זאָג אז א ווייבעל דארף זיך א ביסעל צופוצען און ניט זיין קיין שלאָמפּערקע, האָב איך איהר אין קאָפּעליוש אריין געשאָסען, טפו זאָלסטו ווערען.

אזוי? דוא געפעלסט דזשאו'ען אזוי אויך? א ברירה האָט ער! וואָס זאָל ער טהאָן, אז ער איז אריינגעקראָכען אין א בלאָטע? אין דער היים אז מען טרעפט ניט מיט א שידוך נעהמט מען צום רב, מען שרייבט אָפּ דיא צוועלף שורות און פּטור, דאָ אָבער, אין דער צרה'דיגער אמעריקא מוז מען זיך האַלטען מיט דער צרה! א פינסטערער מזל אויף מיינע שונאים'ס קעפּ, האָסטו געהערט אויף דיין לעבען א מין גזירה? א גט פון א רב טויג זיי ניט!

דערפאר אפשר ביסטו אזוי אין ברייטעל; דוא מיינסט, אז עס איז שוין גאָר קיין עצה ניטאָ וויא פון א שלאָק פּטור צו ווערען! נעוועהר מאי, דוא וועסט זעהען וואָס דער סוף וועט זיין. דוא קריכסט זיך אליין אויפ'ן קאָפּ, יעטי, און דוא וועסט שפּעטער טויזענד חרטות האָבען.

איך זאָג דיר אָן, יעטי, אז דוא זאָלסט אָוועקוואַרפען דיינע שטיק און דוא זאָלסט ניט מיינען, אז איך בין א גוטע, בין איך א גוטע, ווען אָבער דוא וועסט מיר אריינברייגנען אין כעס, וועל איך מיט דיר לערנען בלק. אז מען טרעט אָן אויף א קאָטשערע גיט זיא אויך איבער'ן קאָפּ. געדענק איך זאָג דיר אָן אויף פריהער.

56טער קאַפּיטעל.

דיא פאמפאדור געפעהלט איהר ניט.

תנה פעסיל גיט איהר שכור א גאָב דערפאר וואָס זיא פערקאָמט איהרע האָאר ניט וויא זיא וויל. אגב ווארפט זיא איהר אויף וואָס דער מאַן דארף איהר צופינגען דיא ווייסטעל.

זעה נור, וואָס האָסטו זיך עפּעס אזוי אויסגעסטראָיעט? געהסט ערשט צו א חתונה? מזל טוב דיר.

האָט איהר געהערט אויף אייער לעבען? א ווייבעל זאָל קיין זאַך ניט

טהאָן נור שטעהן ביים שפּיגעל און סטראָיען זיך! ווידער א טאפּ דיא פּאָמפּאַדורקע און נאָך אמאָל א טאפּ דיא פּאָמפּאַדורקע; ווידער א גלעט דיא וויסטעל און נאָך אמאָל א גלעט דיא וויסטעל; שטעהט נור און דרעהט זיך הין און צוריק אזוי וויא א קאָטשקע.

דוא הערסט, יעטי? דער סוף וועט זיין אז איך וועל דעם שפּיגעל צוברעכען אויף פּיטש פּיטצלעך עס גודעט דאָך צו קוקען, וויא איך בין א אידישע טאָכטער; איך ווייס ניט אויב וואנדערבילטיכע סטראָיעט זיך אזוי פיעל וויא דוא. וואָס מיינסטו, אז דוא וועסט שטעהן לענגער ביים שפּיגעל וועסטו שעהנער ווערען? עס, אן עבירה דיא מלאכה, פון זויער מילך קען מען קיין פּוטער ניט אויסשלאָגען.

וואָס? ווער זעהט דיך שטעהענדיג ביים שפּיעגעל? וואָס דען, שטעהענדיג ביים וואש־טאָב האָסטו עס אזא פּאָמפּאַדורקע אויסגעמאכט? אזא מזל מיינע שונאים, וואָס פאר א שעהנקייט דאס איז. הערסט, יעטי, ווען דוא וואָלסט ביי יאָמעלען אזא חן געהאַט וויא ביי מיר, וואָלט ער שוין לאנג מיט דיר אָבגעזאָגט דאס וואָס מען זאָגט מיט א האָהן אום ערב יום כפור.

זיא שטעהט ניט ביים שפּיעגעל, זאָגט זיא! דאכט זיך, אז דוא נעהמסט זיך אָנטהאָן, געהט אזש איבער דיא גאַל קוקענדיג קיין ארץ ישראל קען מען פארפאָהרען אין דער צייט וואָס דוא טהוסט זיך אָן. טפו זאָלסטו ווערען, קיין גוטער איד זאָל דיך ניט קענען מיט דיינע זאַביבאָנעס.

חידושים, אויף נאמנות, וואָס דוא האָסט זיך באַטש אליין אָנגעטהאָן. שטענדיג דאַרף דאָך דיר דער מאן צופּינען דיא וויסטעל, אליין קענסטו דאָך ניט! אוי, אז אָך און וועה איז מיר וואָס פאר א שטיק נעראַטענע סחורה איך האָב געקראָגען.

איך ווייס אסור, וויא וועסטו עס אמאָל זיין א מאמע, וויא אזוי וועסטו האָדעווען קינדער, וויא וועסטו זיי דייפּערען, אז פערשפּיעלען דיא ספּאָדניצע, איך בעט איבער מיין אייגענעם כבוד, קענסטו ניט און דער מאן דאַרף עס טהאָן! באשר דער בעל הבית׳ל איז א שטילער, א גוטער, גיט ער דיר נאָך דיא שמד, ביי אן אנדערען וואָלסטו עס זיכער ניט אויס־געפיהרט.

וואָס האָב איך זיך אויף דיר אָנגעזעצט, זאָגסטו? וועצען זאָלען זיך

מיינע שונאים מכות אויף דיא ציינגער! אן עזות פון א שטיק מיאוסקייט, איך האב זיך אויף איהר אנגעזעצט! איך עס נאך ניט דיין ברויט און איך זיץ ניט אויף דיין קארק, הלואי ווייטער, ביז אהער איז געווען גאט'ס גאב און יאטעלע'ס פראצע, דעם גדן דיינעם האב איך נאך, א דאנק גאט, ניט אויפגעגעסען.

א טשיק פון א ווייבעל, זיא וועט מיר גאר פערוועהרען א ווארט אויסריידען! קוק איהר נאר אן, דער גערעטעניס, אויך מיר א מענש! א קלאג צו דיא פאטרעבעס, אז יאשקע פויקער איז אויך א כלי זמר.

מיין ניט, אז איך וועל זיך פאר דיר אבשרעקען. זאלסט ניט פערגעסען, אז איך בין דיינע א שוויגער, און א שוויגער איז אלץ איינס וויא א מאמע, און איך האב רעכט צו לערנען דיך, צו זאגען דיר וואס גלייך און וואס קרום, און ווען דוא זאלסט זיין א רעכטע, וואלסטו מיר דערפאר נעדאנקט, ניט שפיעלען מיט מיר צו להכעיס.

איך פרעג דיר, אדרבה, וואס איז עפעס פאר א סטראָיען זיך אין מיטען מיטוואך; און פאר וועמען סטראיעסטו זיך? זעה נור אויסגעפוצט זיך, אזוי וויא א סוועגטע מאטקע, וויא פיעל פינס האסטו שוין אנגעשטעקט ארום זיך? אלבעטשע אז דיא פינס וועגען מעהר פון דיר אין גאנצען. ניחאי, וואלסטו האטש געווען א בעל הבית'טע און בעהאלטען דיא פינס פון איין מאל אויף נאך אמאל, דאס ניט! זיינען דיא פינס שטענדיג צוּר זעעט איבער'ן הויז און דיא קענדי סטאר לייזט אלע מאל פענים. אי, וואלסטו אבער וויסען, וויא שווער עס קומט אן א פעני צו פערדיענען, וואלסטו ניט אזוי געשאכער מאכערט.

דוא מיינסט אפנים, אז דוא ביסט נאך א מיידעלע און עם ליעגט דיר אין זינען פוטצען זיך, פערגעס ניט אז דוא האסט שוין פערדרעהט א יונגען מאן דעם קאפ, פערדרעהט זאל אזוי ווערען מיינע שונאים דיא יאהרען, און דוא האסט ניט פאר וועמען צו פוטצען זיך.

וואס זאגסטו? איך אליין האב דיר געלייגט אין דר'ערד אריין פאר וואס דוא ביסט אבגעלאזען און טהוסט זיך ניט אן לייטיש? איך אליין, זאגסטו, האב דיר געזאגט, אז א ווייב דארף זיך סטראָיען און צופוטצען כדי זיא זאל איהר מאן בעסער געפעלען זיין? נו, און, הייסט עס, טהוסטו עס פיר צוליעב. איך בין דיר, יעטי, מוחל דיא טובה, וויא שטעהט אין

טייטש חומש: לא מדובשך ולא מקוקצאך (מעוקצך) — איך בין מוחל דיין האָניג און איך וויל ניט דיין ביס.

נימאַ ווער עס זאָל לאַכען, איך זאָל אַזוי געזונד זיין. קוקט איהר נאָר אָן, דער צדקניות, פּלוצלונג איז זיא גוט און פרום געוואָרען און פּאָלגט דער שווינער! דיינע קינדער זאָלען דיר, רבונו של עולם, אַזוי פאָלגען וויא דוא פאָלגסט מיך; אַזא כבוד זאָלען זיי דיר אָבגעבען, וויא דוא גיסט מיר אָב; איהר פערשטעהט אַן עסק? אַז איך זאָג, אַז מען דאַרף ניט זיין קיין שליאָמפּערקע, דאַרף מען שוין קיין זאַך ניט טהאָן, נור דרעהען דיא פּאַטפּאַדור.

סעי, מיך נאַרט מען ניט. וואָס איך האָב שכל אין מיין מינדעסטען נאָגעל, האָסטו ניט אין דיין קאָפּ. דוא ווילסט מיר פערריידען דיא צייהן, אַז דוא ביסט אַ פּאַסלושנע ווייבעל און פּאָלגסט אַן עלטערע, דערציעהל עס פאַר'ן גראָבען פּאָליסמען, געוועזען מאַי, איך בין שוין אַ מבין אויף דיר.

הערסט, יעטי, ווילסטו זיין אַ מענש, איז אַלל רייט, ווען ניט וועל איך דיר צייגען וואָס איך קען. ווארט, ווארט איך וועל נאָך מיט דיר לערנען בלק, אַז איך שוויג, שוויג איך; אָבער ניע דאי באָזשע, וויא אַ גוי להבדיל זאָגט, אַז דוא וועסט מיך אין כעס אריינברענגען.

שאַ, זיא וויינט שוין! ווייג, ווייג טאָכטערקע, און בעט אוים אַ גוט יאָהר פאַר מיר אויך.

57טער קאַפּיטעל.

דיא שנור ברענגט צופיעל גענז.

חנה פּעסיל תוּבט זיך אָן מישען אין דיא עקאָנאָמיע פון הויז, זיא וויל איינשפּאָרען איהר יאָסעל'ן געלד און כל חמתה געביסט נעבאָך דיא שנור און אַ ביסעל אויך דער גענז מרעסס.

אַ בייזע איילענייש אויף איהר קאָפּ, זיא צינדט שוין אָן דיא גענז! קיין ברעקיל צייט האָט זיא נאָר ניט! וואָס זעהסטו ניט, וואָס? ניט זעהען און ניט הערען זאָלען מיינע שונאים.

איך פרעג דיך, יעטי, צו וואָס פעהלט דיר ערשט דיא גענז? מיר דאַכט אַז מען קען נאָך אויסקומען אַזוי. גענז קאָסט געלד און געלד דאַרף מען שאָנעווען.

אלע אבענד מאכט זיא גאנצע אילומינאציעס! זיא פיהרט זיך ברייטלאך, מיין שנור, אקוראט זיא זאל זיין א גביר'טע! אין קיטשען געז, אין דיינינג רום געז; געוואהנט פון צו הויזע! זאג מיר נור, משומדת'טע, אין דער היים ביי דיין טאטען האט מען אויך געברענט געז? אודאי א קליין קעראסין לעמפעלע געברענט, און דא קענסטו זיך אנדערש ניט קראטצען, נור ברענען צוויי לייהטס געז! נו, דארף מען האניג אז צוקער איז זיס?

עס איז גאר ניט איהר באבעס דאגה. דער געז־מאן וועט ברענגען א בילל אויף פיער דאלאר, איז פיער דאלאר; פינף דאלאר, איז פינף דאלאר! וואס געהט עס איהר אן? זיא הארעוועט עפעס אויס'ן געלד? גאט האט איהר צוגעשיקט אן אומזיסטען פאראבאק, וואס פראצעוועט, פערדיענט און ברייננגט איהר אפ דיא געלד און זיא מאכט דערפון א תכלית.

ווען יאסעלע זאל שכל האבען, וואלט ער אנדערש געפיהרט. וואס עפעס אזא גאר־נישט לאזען בעל הבית'עווען? א מכה מיינע שונאים, וואלט איך איהר געגעבען ניט געלד! א מצוה וועט ער פערדיענען, ער וועט הארע־ווען און דיא ווייב זיינע וועט אנשטאפען דער געז קאמפאניע! אזוי שווער זאל זיי אנקומען דיא גסיסה, וויא שווער מיין יאסעלען קומט אן ביז ער פערדיענט אויף געז.

דער שווארץ יאהר ווייסט! זיגט ווען מען רעדט 80 סענט געז און א נעכטיגער טאג! אכציג יאהר זאלען זיי, רבונו של עולם, ליגען און קרענ־קען אויף איין זייט און אכציג יאהר אויפ'ן אנדערן זייט, אט דיא הויט־שינדער, דיא בייטעל שניידער.

ווען עס זאל זיך ווענדען אן מיר, וואלט איך זיי אסור קיין שאו געגעבען, זאלען זיי ברענגען און שרפה'נען מיט דיא געז צוזאמען; מיין שנור'ל אבער קעהרט ניט דערפאר, זיא פלאקערט דיא געז צו מען דארף, צו מען דארף נים, און דיא ביללס וואקסען! זיא שיט זיך מיט פינף דאלאר ביללס, שיט זיא זיך.

וואס? עס איז נאך קיין מאל נים געווען קיין בילל אויף מעהר וויא צוויי דאלער? א שעהנער יישר כח דיר! און צוויי דאלער געהט צו פוס? געה נור, בריה מיינע, פרוב פערדיענען צוויי דאלער, וועסטו וויסען וויא שווער דאס שטט אן.

א שמחה האט זיא מיר אנגעזאגט, עס איז נאך נים געווען קיין ביל אויף מעהר וויא צוויי דאלער! נו, דעריבער איז וואס? דארף מען שוין ברענגען געז גאנצע טעג? ווען דוא וואלסט אבער געווען א בעל הבית'טע, וואלט קיין צוויי דאלער אויך ניט געקאסט. אדרבה, גיב מיר צו פערשטעהן צו וואס דארפסטו ערשט דיא געז?

הא? עס איז פינסטער? מען דארף געהן עסען סאפער? דוא ווערסט אסור צום נאז ניט צוטראגען, אפילו אין מיטען דער נאכט וועסטו אויך טרעפען צום מויל! אויף וואס וויא אויף וואס, אויף דער אכילה ביסטו, אהן עין הרע, א מאדים! וואלסטו אזוי געטויגט צו אנדערע זאכען, וויא דוא טויגסט צום עסען.

א תירוץ פאר דיא וואנצען! אז ניט צינדסטו עס אן דיא געז צוליעב דעם סאפער? זאל איך שוין אזוי קיין שלעכטס ניט האבען וויא דוא מיינסט עס ניט! דיין כונה איז דאך נור, אז דיא שווינער זאל זיך יאדען; ווייל איך זאג אזוי, דארפסטו טהאן אנדערש — וועל, עס וועט אויף דיר אויך קומען א צייט.

אפשר, הארצינע שנור מיינע, צינדסטו אן דיא געז, כדי איך זאל דיר זעהען און קלייבען פון דיר נחת! בין איך דיר מוחל במחילה גמורה. דוא שיינסט מיר ב"ה אין דער פינסטער אויך. מיינע שונאים'ס מזלות זאלען אזוי שיינען, וויא דוא שיינסט אין מיינע אויגען.

א רציחה אין דער וועלט, א ווייבעל זאל זיך אבליינען אויף איינס — נור טהאן דער שווינער אויף צו להכעים! שניידען זאל אזוי מיינע בילער אין דיא בייכער וויא מיר שניידט דיא אויגען פון דיא געז. איך וואלט שווערען, אז זיא טהוט עס עקסטרע, כדי איך זאל בלינד ווערען.

וואס זאגסטו? איך וויים נים וואס איך רייד? שור! אודאי! ווער זאל אזוי לעבען, איך צו דוא? אהא, וואלסטו אזוי געוואוסט וואס דוא טהוסט, וויא איך וויים וואס איך רייד.

א סוף, אן עק. וואס מיר שניידט דיא אויגען, בין איך דיר שוין מוחל — מוחל מיט'ן גאנצען הארצען. איך בין דיר שוין אויך מוחל וואס דוא טהוסט עס מיר אויף צופוקעניש, אבער איך פרעג דיר, וואו וועט מען עס נעהמען אזוי פיעל? 35 דאלאר א חודש רענט און גרויסע געז בילס, מען דארף דאך זיין כאטש א באנקיר צו פיהרען אזא הוצאה. אויב דוא ווילסט

זיך פיהרען אזוי גרויס, יעטי, טאַ געה העלף דיין מאַן פערדיענען. פון איינע צעהן פינגער, וויא מען זאָגט, קען מען גיט אזוי פיעל שאַכער־מאַכערען מיט געלד.

זעה נור אַ קוקעלע, אקוראט וויא אַ בייזוער הונד! ווילסט ניט ליידען אַז מען זאָגט דיר דעם אמת? אויב דיר געפעהלט ניט, טאַ טהו זיך אריין פוטער!

אזוי? עס קאָסט מעהר ניט וויא זיבעצעהן דאָלאר אַ מאָנאט רענט? וויא פיעל דען האָסטו געוואָלט זאָל קאָסטען? וואָס איז, ניט גענוג פאר אזא פריצטע וויא דוא ביסט אזעלכע רומס? באשר דיר ווילט זיך מופען, און מופען האָסטו דאָך מסתמא חשק אין אזעלכע רומס וואָס זאָלען קאָסטען 35 דאָלאר אַ מאָנאט, אנדערש לוינט דיר ניט. אפשר, גערעטענים מיינע, וועסטו מופען אין פינפטע עוועניו? קוקט איהר נאָר אָן, דער ליידי, אין דער היים אודאי אויסגעהאָדעוועט געוואָרען ווער ווייסט אין וואָס פאר אַ כאַלופקע און דאָ ווילט זיך איהר זיין אַ פינפטע עוועניצע! אוי, אז אָך און וועה צו דיא יאָהרען, אז יאָשקע פויקער איז אויך אַ כלי זמר.

וואָס? דוא האָסט גאָר ניט אין זינען צו מופען? האָב יאָ אין זינען! און אז דוא ועסט וועלען פון היינט ביז איבער אַ יאָהר ועסטו עפּעס אויספיהרען? דוא ווייסט וויא מען זאָגט: אַן אָרימאַן טאָר זיך ניט וועלען.

למאי זשע רייד איך אומזיסט? נו, רייד איך! אַ קאַטאָוועס, גאָר חוטא־ביינעל (בעגל) געוועו, אז איך האָב אויסגערעדט אַ וואָרט! וואָס אַ מרשעת קען, איך רייד מיט גוטען וויא אַ מוטער רעדט צו אַ קינד און זיא כאַפּט זיך אָן, אקוראט איך זאָל איהר ווייס איך וואָס טהאָן! האָסטו געזעהען אויף דיין לעבען, וויא עס ברענט אין איהר דיא רציחה? עפּעס אזוי וויא איך זאָל איהר חלילה זידלען צו שילטען! טפו זאָלסטו ווערען. עס איז טאַקע אמת וואָס מען זאָגט: טהו אַ הונד גוטס, בילט ער נאָך.

58טער קאפיטעל.

עס געפעהלט איהר ניט דער ניגון.

חנה פעסיל'ס שנור, וויא דער שטויגער א יונגע ווייבעל, זיצט און זינגט זיך צו. נו, האט זיא פון דער שוויגער צו זינגען און צו זאגען. זיא כאפט פון איהר א חלק, אז עס ווילט זיך איהר אזש וויינען.

אן אנשיקענים אויף מיר מיט איהר זינגען. דעם מוח האט זיא מיר שוין אויפגעריסען מיט איהר ליאממאדערייקען. א ווייבעל זאל ניט געפי־נען קיין אנדער מלאכה, נור זיטצען אויפ'ן ראקינג טשער און זינגען! א קאפ וויא א קארב האט זיא מיר שוין געמאכט. טפו זאלסטו ווערען, פע, חלשות!

זאג מיר נאר, פארשווינדעל מיינע, פון וואנען האט זיך עס צו דיר גענומען אזא קול'כיל, דיין טאטע איז א חזן געווען? אויב אזוי, האב איך דאך געטהאן א יחוס שידוך און איך האב עס גאר ניט געוואוסט! אט אזוי ווערט אפט א מענש דערהויכט און ער וויס אליין ניט פון זיין גדולה.

נו, געלויבט דער אויבערשטער. אלע טאג געפין איך אויס אין מיין שנורעל אנדערע מעלות; אי שעהן, אי קלוג, אי א בריה, אי א יחסן'טע און קען נאך זינגען אויך! אויף מיינע שונאים געזאגט דיין שעהנקייט, דיין קלוגשאפט, דיין בריה'שאפט און דיין זינגען. אויף גוי'אישע חתונות זאל מען קיין שעהנערע ניגונים ניט הערען וויא מען הערט פון דיר — הערסט יעטי, אז דוא זינגסט איז שעהן, און אז דוא וועסט אויפהערען, וועט זיין נאך שעהנער.

איך זיטץ און עס הויבט מיך אין דער לופטען, יאסעלע נעבעך הארע־וועט, ווערט פערשווארצט און דיא יפת תואר זיינע זיצט זיך און זינגט! אין אמת'ן, וואס געהט איהר אפ? זאל מיינע בילער אזוי פעהלען בויך ווערטאג, וויא איהר פעהלט עפעס. וואס איז, זיא האט עפעס קאפ דרעהעניש? א קייסערינע לעבט דאך ניט בעסער פון איהר.

עס איז טאקע אמת וואס מען זאגט, אז אלע שלים־מזלות האבען גוטע מזלות. אזא נאר־נים, אזא צוקראכענע, אזא שטיק פלייש מיט צוויי אויגען,

דארף קריגען מיין יאָסעלען פאר א מאן און מיך פאר א שוויגער! נעוועד מאַי, ווען דוא וואָלסט געהאַט אַן אַנדער מאַן און אַן אַנדער שוויגער, וואָלט מען דיר געציינט, וויא זאָגט פאַניע, „פּאַטשאָם פונט ליכאַ"

וואָס טהוט זיא מיר, פרעגט זיא! וואָס האָסטו געוואָלט, דוא זאָלסט מיך אָנפּאַטשען? מאכט רש"י, נים זוכה! א חוצפה א ביסעל, זיא רעדט נאָך! זאָל עס דיר, רבונו של עולם, פּאַרקומען אויף יענער וועלט, וואָס דוא טהוסט נעגען מיר. מעהר ווייסטו דאָך ניט, נור פּראָווען מיט דער שוויגער צו להכעים, טרייסלען זאָל מיינע שונאים דאס זיעבען־יעהריגע קדחת, דאס וואָס איך האָב פיינד, דאס וואָס איך קען ניט זעהען אָדער הערען, טהוסטו דוקא, און דיא שוויגער ווערט צופוקעט.

דיינע גאַנצע רעיונות איז דאָך נאָר אין זינגען. איך זעה דאָך מיט וואָס פאר א חשק דוא לייענסט אין דיא פּייפּערס פון גאָספּאָדין שלאָפּע (שאַליאַפּין), מיסטער קאַקערוז (קאַרוזאָ), מאַדאַם טאַטערצייהנער (טעט־ראַציני) און דיא נייע רוסישע פורים־שפּילערקע, וואָס איז ערשט אַראָבגע־קומען. — וויא רופט מען זיא דיא נייע קונצענמאַכערקע, וואָס דיא פּייפּערס בעשרייבען? זאָלען דיא וואָס ווינשען מיר בייז אַזוי קענען עסען, וויא איך קען אויסריידען איהר נאָמען.

טפו זאָלען זיי ווערען, דיא פּייפּערס, דיא שמייפּערס! זיי געהט אַפּנים אויף גאָר נים אַפּ אַזוי וויא דיר, פּערפּאַטשקען זיי דיא בלעטער מיט אַזעלכע נאַרישקייטען, און דוא, פּאַניענקע מיינע, קוויקסט זיך גאָר מיט זייערע שרייבעכצען! הערסט, יעטי, אַז דוא ביזט יע א זינגערקע און האָסט חשק דערצו, האָסטו געדאַרפט חתונה האָבען מיט א קאָמעדיאַנטשיק פון טהעאַ־טער און יאָסעלע איז פאר דיר נים קיין גלייכע פּאָר.

איך וויים, אַז דוא וואָלסט חשק געהאַט, אַז יאָסעלע זאָל דיך פיהרען אין דיא דראָפּערע (אָפּערא), וואָס דען? אַנדערש לוינט דיר נים — עט ע! דוא ווערסט זיך נאָך א ביסעל אויסוואַרטען. פאר אַזא פּריצטע וויא דוא ביסט מעג נאָך אָנשטעהן צו זיצען אין דער היים און נים אויסברייננען דאָלאַרס, דאס שוואַרץ יאָהר ווייסט אויף וואָס.

שא, ליעבהאַרציגע שנורעלע מיינע, אפשר קויפען דיר גאָר א פּיאַנאָ? יאָ, דוא וואָלסט וועלען? מען קען דאָך, שונאי ישראל, זיטצענדיג לוידיג משוגע ווערען, אָט ווערסטו זיטצען און צימבלען און דיא שוויגער וועט פון

דיר קלייבען נחת — אזא נחת זאָל דער רוסישער קייסער האָבען פון זיינע קינדער, וואָס פאַר א נחת איך קען פון דיר ערוואַרטען.

דראַפּערע, פּיאַנאָ, געוואָהנט פון צו הויזע! אזא ווייבעל וויא דוא דאַרף צימבלען אויפ׳ן וואַש־ברעטעל, ניט אויף א פּיאַנאָ. וואָס מיינסטו וואָס, דער מאַן דיינער שאַרט עפּעס געלד מיט׳ן גראַבליע? אזוי שווער זאָל מיינע שונאים אָנקומען דיא נסיסה, וויא שווער עס קומט איהם אָן צו פערדיענען א דאָלאַר

וואָס? ווער רעדט וועגען אָפּערא? ווער רעדט וועגען פּיאַנאָ? דזשינקויע זא לאַסקו! און אז דוא וועסט אפילו ריידען פון היינט ביז איבער א יאָהר וועט דיר עפּעס העלפען? און אז דוא וועסט וועלען דיא טעלעריל פון הימעל, וועט מען דיר אויך מוזען דערלאַנגען? נאָו מעם, מיין ניט אז יאָסעלע איז אזא יעקעלע נאַר און ער וועט זיך לאָזען פיהרען אויפ׳ן בוידים.

א טובה מהוט זיא מיר, זיא רעדט ניט וועגען א פּיאַנאָ! שוין גענוג, אז דוא האָסט עס אין זינען! אז אָך און וועה איז מיר, לייטישע ווייבלאַך טרייען איינברענגען דעם מאַן געלד און מיין צרה ברעכט נור דעם מוח וויא אזוי אויסצוברענגען.

וואָס ברענגסטו אויס, פרעגסטו? פרעג איך דיר, וואָס ברענגסטו איין? זאָג מיר נור, געראָטענע מיינע, אז דער לענדלאָרד וועט קומען נאָך רענט, וועסטו איהם אפשר פּטר׳ען מיט א סאָנג? אָדער אפשר וועט דיר דער בוטשער געבען פליש פאַר דיינע קאָנצערטען? און טהו נור א פרעג דעם גראָסערי מאַן, אויב ער וועט יוצא זיין מיט דיינע א לידעל? ניין! א ווייבעל דאַרף ניט זינגען, אז איך זאָג ניין, איז ניין.

איך זאָג דיר אָן, יעטי, אז דוא זאָלסט מעהר ניט לאָמטעדרייקען. איך קען עס ניט הערען און איך וויל עס ניט הערען. דוא זאָלסט וויסען, אז אויב דוא וועסט מיך פאָלגען מיט גוטען, איז אָלל רייט; ווען ניט, וועל איך דיר מאַכען אזוי, אז דיר וועט ניט ליגען אין זינען צו זינגען. מעגסט זיך אויף מיר פערלאָזען, אז איך וויל קען איך.

זעה נור וויא זיא טויג זיך צו דיא אַקטיאָרסקע שטיק. דאַכט זיך ערשט האָט זיא געזונגען, פרעהליך געווען, און זיא וויינט שוין. דיא גוטע יאָהר זאָל איך האָבען, וואָס ווען דוא וויינסט זעהסטו אויס שעהנער

איידער ווען דוא זינגסט. זעהסטו, דאָס שאַדט מיר נים, אבי לעבער מיר ניט דעם מוח מיט דיינע נגונים.

כלה'לע, כלה'לע וויין וויין, דער חתן וועט דיר שיקען א טעלעריל תריין, ארויספאלען זאל מיינע שונאים דיא צייהן.

59טער קאַפּיטעל.

דער רבי האט געהייסען פרעהליך זיין.

חנה פעסלען פערדרעהט דער שגעון און זיא קען נים לוידען וואָס דיא שנור איז צו אומעטיג. זיא גיט איהר א לעסאָן מיט א ברייטען מענח לשון, אז א ווייבעל דארף זיין פרעהליך. אגב דערוויסט זיך חנה פעסיל א סוד...

גוט יום טוב לפניך! שוין לאַנג שטיל געווען, זיא ליעגט שוין ווידער אויפ'ן לאַנדזש א פערטרויערטע! טפו זאָלסטו ווערען! צייט איך לעב האָב איך נאָך אזא קלאָג מוטער ניט געזעהען.

א מאָדנע זאַך מיט איהר; אָדער זיא זיצט אויפ'ן ראקינג טשער אזוי וויא א הוהן אויף אייער, אָדער זיא ליעגט וויא א פגירה אויפ'ן לאַנדזש! פון אזא יונג ווייבעל זאָל מען ניט זעהען קיין פרעהליכע מינע, קיין פרייען מוטה, נור זיא איז פערטרויערט, שטענדיג איז ביי איהר תשעה באב, וואָס דאגה'סטו, וואָס איך האָב קיין געלד ניט?

איך פרעג דיר, אדרבה, וואָס ביסטו אזוי פעריאָמערט? דיינע שיפען אויפ'ן וואסער זיינען אונטערגעגאנגען? אזא ווייבעל וויא דוא, האָט, אויף נאמנות, אלע מאָל געמעגט געהן א טענצעל.

זאָג מיר, איך בעט דיר, וואָס פעהלט דיר? א מאן האָסטו, אויף אלע אידישע טעכטער געזאָגט. ער איז דאָך א זייד, א דיימאַנד. אזעלכע יאָסעלעך זיינען קיין סך נימא. מען זאָל אפילו זיפען און זוכען וועט מען אזא יונגען מאַן ניט געפינען, געזונד און שטארק זאָל ער מיר נאָר זיין, און איך זאָל, הארציגער פאָטער, פון איהם נחת דערלעבען — צער האָב איך שוין ב"ה פון איהם גענוג געהאט, און איך האָב נאָך היינט אויך, — אז אַח און וועה איז מיר, אזא טהייער קינד, אזא ליעב קינד, אזא זיס קינד איז נעבעך אריינגעפאלען צו אזא פליאגע אין דיא הענד.

עס טרעפט אמאָל א טיידעל האָט חתונה און פאלט אריין צו א

שלעכטע שוויגער. אוי, אוי, עס זיינען פאראן שוויגערס ארורות, וואס ליינען דיא שנור זייערע אין דער ערד אריין; אבער דוא האסט, א דאנק גאט, מיט ביידע זאבען געטראפען, אי מיט'ן מאן, אי מיט דער שוויגער. היינט וואס ביסטו אזוי פערזארגט? מיידעלוויים איז דיר געוועז בעסער?

איך האב פיינד צו בעריהמען זיך, זאלען מיך בעסער לייט ריהמען; אבער דאס בין איך זיכער, אז דוא האסט פון מיר קיין קריוודע ניט געהאט. אפשר האב איך אמאל געזינדיגט נעגען גאט, אבער נעגען דיר געוויס ניט. א מאמע קען ניט זיין אזוי גוט צו א קינד וויא איך בין צו דיר. דוא האסט געדארפט זעהען וויא לייטישע ווייבלעך לייטערען זיך פון זייערע שוויגערס, וואלסטו ערשט פערשטאנען וויא גוט דיר איז וואס דוא האסט מיך פאר א שוויגער. אזא סחורה וויא דוא ביסט האט געדארפט אריינפאלען צו אן אנדערע, וואלסטו שוין אפשר געוועזן העט, העט אויף יענער זייט. ווער ווייסט וואו דוא וואלסט שוין אנגעשפארט? — איך וויל עס גאר פאר מיין מויל ניט ברייננען.

אבער גאט גיט דיא קעלט נאך דיא קליידער. פאלט אזא שטיק צרה אריין אין אזעלכע הענד וואו זיא קען א קיום האבען. ניחאי זשע וואלט זיא, דער גולם, דאס פערשטעהן, ווייס איך וואס? עס הויבט זיך גאר ניט אן.

אט וועט דער בעל הבית'ל באלד קומען אהיים, וועט ער טרעפען דיא מארגארעטע זיינע ליגענדיג אויפ'ן לאנדזשו! יענעם איז נעבעך דיא מינוט צו גרויס, ער וויל גיכער דערלעבען קומען אהיים האבען א ביסעל פארגעניגען פון זיין יונג ווייבעל, לסוף ליגט זיא און קוואקעט וויא א קוואקטשע! וויא אזוי קען איהם נעבעך איינגעהן דער עסען צו דער לעבען, אז דיא ווייב איז שטענדיג אנגעבלאזען וויא אן אינדיטשקע?

מיינער, א ליכטיגען גן עדן זאל ער האבען, פלעגט, געדענק איך, זינגען „דער רבי האט געהייסען לוסטיג זיין, דער רבי האט געהייסען פרעהליך זיין“ ביי מיר אין שטוב, א דאנק דעם אויבערשטען, איז טאקע שטענדיג געוועזן פרעהלאך, א מחיה, און היינט? אז אך און וועה איז מיר, אזוי וויא, ניט דא געדאכט, אין שבעה! האט מיך גאט געבענטשט מיט א שנור א פערקלאגטע נשמה און רק זיא טרויערט אזוי וויא אויף א חורבן.

אך האב געמיינט אז איך וועל יאסעלען חתונה מאכען, וועט ווערען א ביסעל פרעהליכער. אין אמת'ן, א יונגע ווייבעל, האב איך געדענקט, וועט זיין לוסטיג, לעבעדיג. לסוף איז עס א פגירה און גענוג! אוי, שטיק שלאק, אפילו א יונג קעלבעל איז דאך אויך פרעהלאך, טאנצט און שפרינגט אום, און דוא ביסט ני בע, ני מע, ני קוקוריקו.

שא, דוא האסט זיך שוין וויא עס איז אבגערופען א ווארט? טהענק יו מאדמאזעל! אין וועלכען קוימען פערשרייבט מען עס? שוין אפשר א שעה אויפ'ן זייגער אז איך רייד, האט זיא קוים א ווארט געענטפערט! עס פאסט דיר אפשר ניט צו ריידען מיט דער שוויגער? נו, אויב דוא ביסט א גרעסערע יחסן'טע פון מיר, איז דיר גוט.

צרות ביים סטריט קלינער! איהר שמעהט ניט אן צו ריידען מיט מיר! אפשר פאסט דיר ניט צו וואהנען מיט מיר אין איין הויז? אפשר וואלסטו חשק געהאט איך זאל ארויסמופען? נאו מעם, נאך ניט אזוי גיך! ווען עס איז ענג, דער זאל אבטרעטען.

נו, לאמיר שוין הערען עפעס א גוט ווארט. בורטשעט און בורטשעט און איך הער אסור וואס זיא זאגט...

וואס? דוא פערהערסט זיך ניט מיט מיר אין יחוס? פאר וואס זשע איז עס ביי דיר א ווארט אזוי טהייער? פאר וואס רייד איך און רייד און דוא ענטפערסט ניט? וואס מיינסטו עפעס, א צויג בין איך?

אזוי? דוא האסט מיר ניט וואס צו ענטפערען? אז דוא זינגסט, אז דוא ביסט פרעהלאך, זאגסטו, שריי איך און דוא קענסט מיך ניט איינהאווירען? נו, אויב אזוי איז געקאנטשעט! אימיצער זאל הערען וואלט מען מיינען אין אמת'ן אז איך בין א בייזע שוויגער און שריי אויף איהר! טאמער האב איך אמאל אויסגערעדט א ווארט, איז שוין איך ווייס ניט וואס, דארף מען זיך שוין אויסלייגען אויפ'ן לאנדזש און, שונאי ישראל, ניט אויפשטעהן! א געלעכטער, איך זאל אזוי געזונד זיין. איך האב קיינמאל ניט געזעהען א געזונטער מענש זאל זיין אזוי פער־טרויערט און פערכמארעט. דוא ביסט טאקע וויא מען זאגט: פריש און געזונד און משוגע.

וואס? דוא פיהלסט ניט גוט? וואס איז דיר? וואס האסטו מורא צו זאגען? א סוד אין באד? וועל, אז דוא ווילסט ניט זאגען, טא האלט

עס פאר זיך, קיין מיתה וועל איך זיך חס ושלום צוליעב דעם ניט אָנטהאָן.

אַזוי? עס נודיעט דיר ביים הארצען? עס ווילט זיך דיר עפּעס זויערס? פּאַסטיפּקעס מסתמא, אַט האָסטו דיר אַ נייע חתונה! שיין פּערטיג דיא פּיש! וואָס האָסטו זיך אַזוי פעראיילט, וואָס? אַלע שלים־מזל'ניצעס האָבען גאָר קיין ברעקעל צייט ניט, און עס קומט ביי זיי ארויס נאָך פריהער וויא ביי דיא בריה'ס. מילא, וואָס קען מען העלפען? אַז עס וועט קומען, וועט מען ניט ארויסוואַרפען.

60טער קאַפּיטעל.

לעסאָן אין הלכות אכילה נומער 1.

דיא בייזע שוויגער גיט דער שנור אַ גאַב פאר וואָס זיא עסט ווייניג, זיא גיט איהר צו פערשטעהן מיט חריפות, אַז אַ ווייבעל דארף ניט זיין אַבגעלאָזען און עסען וואָס מעהר.

יעטי, דוא האָסט שוין אָבגעגעסען? אודאי נאָך ניט! אויף ווען וואַרטסטו? פרעג איך דיר, ליטישע ווייבלעך האָבען שוין ביז ערשט דריי מאָל אָבגעגעסען — וואָס דען? אַזוי וויא דוא וואַרטסט, אַז דיא שוויגער זאָל דיר דערמאָנען עסען? דעריבער האָסטו טאַקע אַזאַ צורה! וויא דיא מתים עסען, אַזאַ פּנים האָבען זיי.

איך פערשטעה גאָר ניט, דוא פּאַסט הפסקות, פּאַסטו? אַזאַ אישה צנועה ביסטו דאָס? פון דער מעלה האָב איך נאָך ניט געוואוסט! דוא הערסט, יעטי? אַזעלכע פרומקייט בין איך דיר מוחל! ניע פּאַסטוי, ניע גאַנוואַוי — פּאַסט ניט און פראווע ניט מיט דער שוויגער קיין צו להכעיס.

דוא טהוסט דאָך עס עקסטרא, כדי דיא שוויגער זאָל זיך יאדען. דוא מיינסט איך פערשטעה ניט? נעוועך מאַי, איך בין שוין אַ גוטער מבין אויף דיר. אַי, עטי, האָסטו אין זיך פליגען! אַ ווייבעל קען! עס איז ביי איהר רעכט, וויא מען זאָגט, כאַטש זיך ביידע אויגען ארויסנעהמען, אבי יענעם איינע, עס איז פאר איהר רעכט ליידען הונגער, אבי דיא שוויגער זאָל דערפון האָבען קלעמענים.

קוק נור אדרבה אָן אַ פּענדזשע (פּנים), אַ שעהנערע לייגט מען דאָך אין דר'ערד אריין! האָסטו געזעהען אַ ווייבעל, מען קען דאָך דיר מיט'ן

קולאַק ארומגעהמען! דיא גאַנצע ווייבעל איז גרויס וויא אַ כזית, טפו זאָלסטו ווערען, עס איך דאָך מיאוס אויף דיר צו קוקען.

מען זאָל זאָגען, עס טרעפט, זאָל גאָט היטען, אַ שלעכטער מאַן, אַ בייזע שוויגער, וואָס צעהלט דער שנור דעם ביסען אין מויל — הלואי וויטער, דיין מאַן, דאכט זיך, וואָלט דיר געגאָסען גאָלד אין האַלדז אריין; דיא שוויגער פערגינט דיר אויך — אך, מיט'ן גרעסטען פערגעניגען! אלע אידישע טעכטער זאָלען קיין ערגערע דאָליעס ניט האָבען וויא דוא האָסט, איז דאָס אָבער אַזאַ מרשעת, אַז וואָס דיא שוויגער זאָגט, דאַרף זיא דוקא מהאָן קאַפּויר.

וואָס? דיר ווילט זיך ניט עסען, זאָגסטו? זאָל זיך מיינע שונאים ניט ווילען לעבען! אַ מענש קען מיט סוועטשים דוכאָם ניט אויסקומען, אַ לעבעדיגער מענש דאַרף עסען! וועמען דערצעהלסטו? איך פערשטעה זיך אויף דיינע שמר־שטיק. דוא ביסט זאַט דערפון וואָס דיא שוויגער עסט זיך אָב דאָס הארץ, קיין גרעסערען פערגעניגען זאָלסטו ניט האָבען כל זמן דוא וועסט לעבען....

איך היט מיך, דאכט זיך, פאר אַ קללה אַזוי וויא פאר פייער — שילטען זיך פּאַסט פאר סעדיכעס, פאר מאַרק אידענעס, אָבער ניט פאר מיר; ברייגגט זיא אָבער דערצו, אַז איך מוז שילטען! מען איז דאָך ניט מעהר וויא אַ מענש, עס דערגעהט צום הארצען און מען קען זיך ניט איינ־האַלטען. מען זאָל אפילו זיין אַ מלאך, קען מען אויך פון איהר ווערען אַ גלח, אַ קלייניגקייט איז עס? אַ מענש דערגעהט אַזוי פיעל דיא יאָהרען! אפילו אייזען ווערט אויך איבערגעראָסטעט.

איך בין אמאָל אויך געוועזען אַ יונג ווייבעל, אַזאַ איידעל קינד וויא דוא, מעגסט מיר זיכער גלויבען, אָבער איך בין געוועזען אַ מענש ווען איך בין געגאַנגען אין סטריט האָט אונטער מיר דיא ערד געציטערט! אוי, הלואי האָב איך היינט כאָטש אַ העלפט פון דיא אמאָליגע כחות.

אַז אָך און וועה איז מיר, איך קען שוין האָבען אַ מוח צו אַ כח, אַז איך האָב דיר פאר אַ שנור! אַ קלאָג איז מיר, אַ בראָך איז מיר, איבער־געפיהרט אַ קינד, אויף אייביג עולמות איבערגעפיהרט.

אַ בחור האָט חתונה וויל ער פערגעניגען האָבען, וויל האָבען אַ ווייב ער זאָל אליין האָבען אויף וואָס צו קוקען און וואָס פאר לייטען צו ציינען, און

מיין יאָסעלע'ן האָט גאָט צוגעשיקט אַ שטיקעל סחורה וואָס איז ניטאָ וואָס צו זעהען! קוק נור אָן אַ נפש, גרוים ווי אַ טל וממטר אין אַ קליין סדור'ל! וואָס איז דער חידוש? אַז אַ מענש לעבט אומגעגעסען?

דוא מיינסט מיר וואָלט זעהר געאַרט? שלאָג זיך קאָפּ אָן קישען, עס יאָ, עס ניט; מען קען דאָך אַ מענשען ניט שטאָפּען מיט געוואַלד וויא מען שטאָפּט אַ גאַנז. מיר פערדריסט אָבער פאַר וואָס זאָלסטו מיט מיר פּראָ־ווען צו להכעיס, דיין גאַנצע כונה איז דאָך נור כדי דיא שוויגער זאָל האָבען עגמת נפש, איך האָב עס ביי דיר פערדיענט? זאָג אליין, איך טריי פאַר דיר אדרבה ואדרבה, און דוא ביסט מיט מיר קידער ווידער....

וואָס? דוא ביסט מיט מיר ניט קידער ווידער? פאַר וואָס זשע פאַלגסטו מיר ניט? אפשר געפעלט דיר ניט דיין מאַן'ס קעסט? זאָג מיר נור, יחסן'טע מיינע, ביי דיין מאַמען האָסטו בעסערע קעסט געהאַט? דוא ווייסט וויא אַ היימישער גוי זאָגט? כליעב דאַ וואָדא, ניעט גאַלאָדאַ — אַז מען איז הונגעריג עסט מען ברויט מיט וואַסער, בפרט אַז דוא האָסט אי ברויט, אי פליישׁ, אי אלעס וואָס דוא ווילסט, וואָס דוא גלייכסט, דאַרפסטו געווים צופרידען זיין.

ווער זאָגט דען, אַז דוא ביסט ניט צופרידען? איך זאָג עס, ווייל איך זעה עס מיט מיינע אויגען! אפשר וואָלסטו חשק געהאַט צו געבראָ־טענע טייבעלעך? וועל, אויב אזוי, האָסטו געזאָלט חתונה האָבען מיט וואַנדערבילט'ם אַן אייניקעל! קוק איהר נור אָן, דער גראַפינע!

ביי לייטען ווייבלאַך אַ מחיה צו קוקען; מען איז שעהן, דיק; און דאָס איז דאַר וויא אַ שטעקען! איך פרעג דיר, וואָס מאַרעסטו זיך, דוא דאַרפסט שטעהן צום פּריזיוו, דאַרפסטו שטעהן? עס און בענש און זיי אַ מענש! וועט דער מאַן צופרידען זיין, וועט דיא שוויגער ניט האָבען וואָס צו ערגערען זיך און דיר אליין וועט אויך גוט זיין! אָבער דוא פערגינסט ניט, אַז דיא שוויגער זאָל אַ ביסעל נחת האָבען, דוא צושטערסט, דוא האָסט מורא מאַמער וועל איך האָבען אַ בערוהמטע מינוס, געפינסטו זיך עצות וויא צו דערגעהן מיר דיא יאָהרען.

דוא מיינסט אפשר, אַז דוא וועסט איינדאַרען, אַז דוא וועסט, שונאי ישראל אַנהויבען קרענקען, וועט דיר דער מאַן פיהרען צו דאָקטוירים, צו פּראָפעסאָרען? אסור זאָל מיר זיין! מען וועט דיר אָבגעבען אין אַ

האָספּיטאַל און דוא וועסט, שונאי ציון, פוילען ביז דער פגירה. נישט־קשה, יאָסעלע איז חס ושלום ניט קיין בראַקאַווגע סחורה, אַזאַ ט..יערע מציאה וויא דוא ביסט, וועט ער נאָך עני טיים קריגען.

דוא מיינסט אפשר, אַז ער וועט דיר זומער שיקען אין קאַנטרי אויף פּאַפּראַווקע? אַ פייג! אויף אַזעלכע וויא דוא, איז אסור לרחם!

וואָס וויל איך פון דיר? דוא ביסט ניט הונגעריג? אודאי! חידושים, אויף נאמנות, וואָס דוא ווינסט נאָך ניט, ביי דיר איז דאָך ווייגען אַזוי גרינג וויא ארויסצוציהען אַ האָאָר פון מויל...

וואָס, דוא האָסט טאַקע אויף וואָס צו ווייגען? וואָס איז? אפשר מיט'ן שידוך ניט געטראָפען? נו, קענסטו חרטה האָבען! אַ חוצפה דאס איז, זיא האָט וואָס צו ווייגען! שור, מען דאַרף טאַקע אין ארון הקודש אריינפאַלען, אַז מען טרעפט אָן אַזאַ שוויגער וואָס טרייבט צו דער שנור זיא זאָל עסען! דוא האָסט געדאַרפט האָבען אָן אַנדער שוויגער, וואָלסטו שוין לאַנג מיט'ן קאָפּ דיא טהיר געעפענט.

אַ סוף, מעהר רייד איך מיט דיר ניט. הערסט, יעטי, עס וועט אויסגעהן צו דיין קאָפּ, וועט עס אויסגעהן. וויא מען בעט זיך אוים אַזוי שלאָפט מען.

61טער קאַפּיטעל.

לעסאָן אין הלכות אכילה נומער 2.

חנה פעסיל האָט חרטה און האָט טענות צו דער שנור דערפאַר וואָס זיא עסט צו־פיעל. זיא גיט איהר אַ שעהנעם חלק פאַר עסען אָן עפּעל און זיא ער־קלעהרט איהר, אז עסען א סך איז אונגעזונד.

יעטי, וואָס טהוסטו דאָרט, וואָס? דוא קייסט שוין? אַ דאַנק דעם אויבערשטען! אבי איך האָב געמיינט אז דוא פאַסט היינט.

איך וויים ניט! דוא מוזט האָבען אַ קישקע אָהן אַ דעק, ניט אַנ־דערש, וויא איך בין אַ אידישע טאָכטער! אַ ווייבעל זאָל שטענדיג מעלה גרה זיין אַזוי וויא אַ בהמה! נסים אויף נאמנות וואָס דער בויך ווערט דיר ניט צופּלאַצט.

וויא זיא עפענט דיא אויגען, זיא עסט שוין! אַ בייזע איילעניש אויף איהר, קיין ברעקיל צייט האָט זיא ניט, זיא האָט מורא דיא הערצעלע וועט

איהר איבערגעהן! גיחאי זשע וואָלט זיא אָפּעטען און א סוף, האָלט זיא אין איין קייען און קייען א גאַנצען טאָג! דער מויל פערמאַכט זיך איהר גאָר ניט! טפו זאָלסטו ווערען. א מענש זאָל זיין אזוי פיעל אריינגעטהאָן אין דער אכילה!

דוא מיינסט עס איז א מעלה אז מען שטאָפּט זיך א סך? עס איז גאָר אומגעזונד. א מענש דאַרף עסען, אָבער אַלעס מיט א מאָס, און ביי דיר איז גאָר קיין געוגוג ניטאָ! ווען דוא וואָלסט זיך ניט געשעהמט, וואָלסטו אפילו אין מיטען נאַכט אויף געגעסען, אז ניט ביסטו עפּעס א מענש? א פערד ביסטו ניט א מענש, מען האָט דיר געמעגט אוועקשטע־לען אין א שטאַל נעבען א קאָרעטע מיט האָבער.

וואָס? אן עפּעל עסטו? א דאַנק גאָט, אבי כאָטש ניט קיין רויהע קאַר־טאָפּליעס! עס וואָלט דיר אויף נאמנות, געפּאַסט דוא זאָלסט רויהע קאַר־טאָפּליעס אויך עסען.

ניטאָ ווער עס זאָל לאַכען. א שמחה זאָגט זיא מיר אן, זיא עסט עפּעל! אז ניט זעה איך ניט וואָס דוא עסט? — קיין הארץ האָב איך שוין צו־ליעב דיר ניט; אָבער אויגען האָב איך נאָך א דאַנק, דעם אויבערשטען.

אז ניט מיינסטו זשאַלעווע איך דיר דעם עפּעל? איך פערגין דיר עס מיט'ן גאַנצען הארצען. עס און זאָל דיר וואויל בעקומען! מיך אַרט גור פאַר וואָס זאָל עס א ווייבעל האָבען אַזאַ גע'שמד'טע האַלדז, פאַר וואָס אז מען לייגט אוועק א זאַך זאָל עס ניט ליגען! אַלץ איינם בין איך אויך א מענש, איך זעה אויך עפּעל און מיר ווילט זיך גאָר ניט! וואָס איז עפּעס א מענש זאָל אזוי נאָכגעבען דעם יצר הרע? אז עס ווילט זיך אפילו דאַרף זיך־אויך איבערוועלען. מאַלע וואָס גוט איז? פאַראַן בעסערע זאַכען וויא עפּעל, פון דעסטוועגען בעגעהט מען זיך אָהן דעם. אט וואָלט איך, למשל, וועלען אז מיין אַלטער זאָל לעבען און איך זאָל ניט זיין קיין וויסטע אלמנה; אבער אז עס האָט זיך אזוי געמאַכט, מוז זיין גוט וויא עס איז — א ברירה האָב איך!

אזוי וואויל איז איהם, אזוי גוט איז איהם וואָס ער איז געשטאָרבען און ער זעהט ניט דיא צרות מיט זיינע אויגען. יאָמעלע איז דאָך ביי איהם געווען איין אויג אין קאָפּ. ער פלעגט שטענדיג רק זאָגען: וואָלט איך כאָטש דערלעבען איהם חתונה צו מאַכען און האָבען א ביסעל נחת פון

איהם, נו, איז ער געשטאָרבען און דער גאַנצער נחת איז פאַר מיר גע־בליעבען! אַזאַ נחת וויא איך האָב פון איהם אויף מיינע שונאים געזאָגט געוואָרען.

נים צו פערזינדיגען, פון יאַסעלען אליין וואָלט איך דוקא נחת גע־האַט, וואָס פעהלט איהם, וואָס? אַזוי וויא ער הערט נים אַזוי זאָל איהם נים שאַדען. וואָס איז? אַ קאַליקע איז ער? אָדער חלילה אַ הולטאַי? אַ מהייערער בעל הבית'ל, אָהן עין הרע, אויף אַלע אידישע מאַמעס געזאָגט אַזעלכע קינדער וויא ער איז, האָט איהם אָבער גאָט צוגעשיקט אַ זיווג וואָס איז מקצר דיא יאָהרען אַי איהם, אַי מיר.

וואָס טהוט זיא מיר פרעגט זיא! נאָך ווייניג טהוסט דוא מיר? דאַכט זיך אַז גאַנץ גענוג! דיינע שניר זאָלען דיר נים בעסער בעהאַנדלען וויא דוא בעהאַנדעלסט מיר! איך וואָלט שווערען, אַז דוא ביזט ערשט אַזוי הונגעריג אַקוראַט וויא דעם מילנער'ס חזיר, עס קריכט דאָך דיר, שונאי ישראל פון האַלז און דוא ביזט מעלה גרה דיא שווינער אויף צו להכעים! דוא שעפּסט פערגעניגען דערפון וואָס דיא שוויגער יאָדעט זיך און קריגט פון דיר אַ לונגען פעהלער.

איך וואָלט אסור חזיר אַ וואָרט איבערגערעדט. עס, שטאָפּ זיך פיעל דוא ווילסט, פון עסען ווערט מען חלילה נים בדלות, אָבער ניחאַי וואָלט זיך כאָטש עפּעס צוגעקלעפּט צו דיר! דאַכט זיך פון אַזוי פיעל עסען האָסטו געדאַרפט ווערען געזונד וויא אַ קאָזאַק און דיק וויא אַ בראָזשנער אָקס, לסוף ביזט דוא דאַר וויא אַ קאַקערוטש, און דיין געזונד אויפ'ן רוי־סישען קיסר געזאָגט! דו עסט און עס עסט דיך! וואָס איז דער חידוש? דוא עסט אפנים ווייל דיר ווילט זיך עסען? דוא שטופּסט דאָך אין צורה מיט געוואַלד, נור דער שוויגער אויף צופּוקעניש, איך וויים, אַטור, וואָס פאַר אַ שלעכטעס האָב איך דיר געטהאָן וואָס דוא ביזט מיר אַזאַ שונא און וואָלסט מיר וועלען אין אַ לעפעל וואַסער דערטרינקען.

הא? דוא ביסט מיר גאָר קיין שונא נים? וואָס דען, אַ גוטער פריינד ביסטו מיר? שור! אַזעלכע גוטע פריינד זאָל מען אַ סך זעען און ווייניג זאָלען זיי וואַקסען! ווען גאָט זאָל דיך אַזוי ליעב האָבען וויא דוא האָסט מיך ליעב, וואָלט ער דיך שוין לאַנג צו איהם צוגענומען.

איך ווינש עס דיר נים חלילה, נור עס רעדט זיך אַזוי. אויידער מיין

קינד זאל ווערען אן אלמן חס ושלום, זאל שוין בעסער זיין וויא עס איז. אפשר וועסט דוא דאך אמאל קליגער ווערען, אפשר וועסט דוא צום שכל קר מען און דוא וועסט זיך אנהויבען אנדערש פיהרען, דערווייל אבער גיבסטו געגוג מעפער צו שמעקען אי מיר, אי יאסעלען.

דער בעל הבית׳ל איז דאך שוין איינגע׳חושך׳ט פון קלעמענים, א האל־בער מענש איז ער געבאך געוואָרען! באשר ער איז מיינס א קינד און ער האט מיין נאסור צו שווייגען און שטיקען דיא צרות אויפ׳ן הארצען, ווען עס וואלט אבער טרעפען אויף אן אנדערען, וואלט ער, שונאי ישראל זיך אליין א מיתה אנגעטהאן, אדער ער וואלט אימיצען א מיתה געמאכט.

פוינעלע מיינע. ער זעהט וואס פאר א פנים זיין פארשווינדעל האט, מיינט ער, דער נארעלע, אז זיא פאסט תפסקות און מען דארף מיט איהר „ענגו" זאגען! ער יארעט זיך נעבאך און גריזשעט זיך אויף און ער האט שוין א פנים וויא א מת, ניט דא געדאכט. דוא וועסט דאך איהם אזוי אין קאנסאמשאן אריינטרייבען.

וואס זאגסטו? מיט מיר איז ניט לייג זיך, ניט שטעה אויף? אמאל שריי איך אז דו עסט וויניג און אמאל האב איך טענות פאר וואס דוא עסט צופיעל? אימיצער וואלט הערען, וואלט מען מיינען ווער ווייסט וואס פאר א מרשעת דיין שוויגער איז! אין אמת׳ן, אן אונשולדיגע נשמה נעבאך און דיא שוויגער משעפעט זיך צו דיר! שטיק גלאמפ, שטיק גולם! דו פער־שטעהסט אפנים וואס מען רעדט צו דיר? אז דיא שוויגער טרייבט איהר צו עסען, איז שלעכט! א חסרון דיא כלה איז צו שעהן...

אזוי פאר וואס זשע זאג איך ערשט, אז דו עסט צופיעל? ווייל אזוי וויל איך, איך בין א שוויגער און א עלטערע פון דיר, מעג איך זאגען! געה אין אל־דע שווארץ יאהר, אז ניט קען מען זיך מיט דיר אויס׳טענה׳ן? מיט דיר צוריידען דארף מען זיך פריהער אנעסען מיט ארבעס! שטיק פלייש מיט צוויי אויגען, טפו זאלסטו ווערען!

62טער קאפיטעל.

דיא שנור שלאפט צופיעל.

מאדאם חנה פעסיל זאגט פאר דער שנור א פאר יום־טוב'דיגע רעדע; אבער א רעדע וואס בענעהמט דער ווייבעל ביים הארצען בעסער וויא דיא דרשה פון בעסטען מגיד.

א גוטער אויף אויף מיין שנור'ס גוף. דוא ביסט שוין וויא עס איז אויפגעשטאנען? געלויבט איז דער אויבערשטער! דוא ווייסט וואס איך וועל דיר זאגען יעטי? שוין ניט כדאי אויפצושטעהן, ווארום ביז וואס וועז, איז ווידער צייט געהן שלאפען.

איך בין דאך עפעס ניט ערשט געבוירען געווארען, שוין א דאנק גאט דיא גרעסערע העלפט פון מיינע יאהרען אבגעלעבט און איך האב נאך אזא פעפערקע ניט געזעהען! איך ווייס ניט וויא סטאיען דיר דיינע זייטען ליגענדיג, אפילו קרעפלאך עסען דארף דאך אויך מיאוס ווערען.

ערב יום טוב ביי גאט, לייטישע ווייבלאך טהוען עפעס און מיין שנור שלאפט! לייטישע ווייבלאך געהען, דרעהען, און מיין מארגארעטע בראפעט! לייטישע ווייבלאך געהען אין סטרים, קויפען עפעס איין אויף יום טוב און מיין זוהן'ס דאליעניצע האט גאר אין זינען ניט עפעס טהאן, עפעס צוגרייטען און ליגט זיך אין בעט! שעהמען האסטו זיך געדארט אין דיין ווייטען האלדז.

ווען אין לייטישע הייזער איז שוין אויפגעקלינט, אויפגערוימט, קעהרט זיך ערשט מיין שנור איבער אויפ'ן אנדערען זייט און קלעהרט גאר ניט וועגען אויפשטעהען! אלבעמשע ווען עס זאל דיר ניט איבער'חלש'ן דאס הערצעלע, וואלסטו נאך ערשט אויך אין בעט געלעגען.

חידושים, אויף נאמנות, וואס דו שטעהסט כאטש אויף עסען! איך פערשטעה, דוא וואלסט חשק געהאט, אז דיא שווינער זאל דיר צוטראגען דעם ברעקפעסט צום בעט; אבער נאך ניט היינט, אפילו מארגען אויך ניט! אזא פריצטע וויא דוא ביסט, מעג מוחל זיין דעם כבוד און אליין געהן נעה־מען. קענסט זיך א שעהן ביסעל אויסווארטען ביז איך וועל דיר פאסלו־געווען. ניט דערלעבען וועלען מיינע שונאים, איך זאל ביי דיר זיין א דיענסט. א קאטאוועס איז עס, זעהר גוט גע'דרשן'עט.

וואס? דוא פערלאנגסט ניט איך זאל דיך בעדיענען? א גליק איז מיר געשעהן, דיא בייבי פערלאנגט ניט מען זאל איהר קארמענען! ביסט דאך עפעס א טהייער קינד, קום אהער וועל איך דיר דערפאר א קוש טהאן אין שטערעלע. קיין עין הרע, קיין בייז אויג זאל דיר ניט מיידען, וואס פאר א וואויל קינד דוא ביסט.

א נשיק פון א ווייבעל, זיא פערלאנגט ניט איך זאל איהר פאסלר געוועזן! א טובה טהוט זיא מיר! זיא ראטעוועט מיר גאר ביים לעבען! וואס איז? דוא האסט חלילה ניט קיין הענד, קיין פיס? קענסט אליין ניט טהאן וואס מען דארף? ווער ביסטו דאס, זאג מיר נור, ראטשילד'ס אן אייניקעל? אזעלכע יחסן'טעס וויא דוא וואלגערען זיך אויפ'ן מיסט.

א פערדראסיגע זאך, ניחאי וואלט זיא כאטש שטומען, איז וויא איך רייד אויס א ווארט, ענטפערט זיא! דאכט זיך א גאר נישט, טויג ניט, וויא מען זאגט: א קאטץ אן עק פערבינדרען, קען נור שלאפען און עסען און אויף א שטאך טהאן דער שווינער איז זיא א מארים! אי ביסטו, יעמי, א סחורה, נו, נו.

איך קוק זיך עקסטרא איין אין פענסטער און זעה וויא ווייבלאך האבען זיך שוין אויסגעקירעוועט צו זיין צוויי דריי מאל אין סטרים, און מיין פאניענקע טהוט זיך ערשט אן! אלץ איינס בין איך אויך א מענש, פון דעסטוועגען האב איך זיך אויסגעשלאפען און זיים ווען איך בין אויפגעשטאנען, האט מען שוין געקענט אפטאהן מי יודע וואס.

איך וואלט אין ערגעץ ארויסגעגאנגען, קען איך ניט, איך דארף זיטצען און וואטשען דיא הויז. ווען דו שלאפסט קען מען דאך דיך ארויסטראגען מיט'ן בעט מיט אלעמען און דו וועסט גיט הערען, מען קען דאך בדלות שטעלען, צונעהמען אלעס וואס אין הויז איז פאראן און א האהן וועט ניט א קרעה טהאן. אז ניט ווייסטו עפעס פון דיין חיות צו זאגען? לייגסט זיך אוועק איז אזוי וויא א שטיק לייהם, אזוי וויא א שטיין, מעג מען דיר אפילו טרובען אונטערן אויער, הערסטו דאך ניט.

און ווייסטו פון וואנען דאס קומט? פון פוילקייט קומט עס! ווען דוא וואלטסט ניט געוועזן אזא לייזי באני, וואלט דיר קיין שלאף ניט גענומען. ווען עס זאל דיר ליגען אויפ'ן קאפ, אז מען דארף עפעס טהאן, וואלסטו שוין לאנג אויף געוועזן, דיא גאנצע צרה איז וואס דו ביסט פויל, פערברייגגסטו

דיא טעג מיט דיא יאָהרען אין שלאָפען ! און וואָס וועסט דו ערשט טהאָן, אַז דו וועסט אָפּעסען ? מסתמא זיך ווידער לייגען שלאָפען ! דוא וועסט שוין אזוי דיין גאַנצען לעבען איבערשלאָפען און דוא וועסט נאָך אויף יענער וועלט קומען אַ שלעפעריגע.

אָבער דאָרט, יעטי, וועט מען ניט לאָזען שלאָפען. אַי וועט מען סאַ־טעווען, עס וועט אוש פונקען פליהען ! און ווייסטו פאַר וואָס ? אַט טאַקע דערפאַר וואָס דוא פערצאַפּסט דער שווינגער'ס בלוט. אפשר גלויבסטו ניט דערינען, אָבער איך זאָג, אַז דיא וועלט איז ניט הפקר. עפּעס איז דאָרטען פאַראַן, און אויב עס איז דאָ אַ גהינום, וועסטו געוויס קריגען דיין פּסק.

איך בין שוין ב"ה אָבגעקומען פאַר אַלע מיינע זינד אויף דער וועלט. מען דאַרף ניט האָבען קיין גרעסערען גהינום וויא זיין מיט דיר אין איין הויז און ליידען פון דיר אזוי פיעל. דיא גאַל ווערט דאָך אין מיר צופּלאַצט קוקענדיג אויף דיינע אויפפיהרונגען.

געה אדרבה וויז מיר וועלכע וויבעל שלאָפט אזוי שפּעט וויא דוא. אויב דוא וועסט נאָך איינע אַזעלכע געפינען, וועסטו מיר אָנרופען משוגענע, און וואָס דוא וועסט נעגען מיר טהאָן, וועסטו זיין גערעכט. ביז איצט לי־נען אין בעט דאָס טהוט ניט קיין געזונדער מענש, סיידען אַ קראַנקער, זאָל גאָט היטען.

הא ? וואָס זאָגסטו, עס איז ערשט זיעבען דער. זייגער ? זאָל פון מיינע שונאים ווערען אַ פגר ! פּרינצעסין מיינע, זיא שלאָפט גאָר אויפ'ן זייגער ! נו, און אַז עס וואָלט קיין זייגער ניט געווען, וואָס וואָלסטו געטהאָן ? וואָלט מען געדאַרפט האַלטען אַ ניגער וואָס זאָל דיר אָנזאָגען, אַז עס איז צייט אויפצושטעהען.

האָסטו געזעהען אַ ביסעל ? זיא האָט זיך עס אָנגעכאַפּט : עס איז ערשט זיעבען דער זייגער ! נו, האָב איך דעם מאָל ניט געטראָפען, און אַז דער לוח טרעפט ניט ? אָבער וואָס איז געווען נעכטען, און וואָס וועט זיין מאָרגען ? דאַכט זיך, אַלע טאָג ליגסטו ביז האַלבען טאָג אין בעט און דער־לעבסט, שונאי ישראל, ניט אויפשטעהען.

פיעל מאָל טרעפט, אַז דוא ליגסט זיך אזוי אין בעט כאָטש דוא שלאָפסט ניט ? גאָר ניט, ליגט זיך, ציהט זיך אויס דיא ביינער, גענעצט, רייבט זיך דיא אויגעלאָך, אַקוראַט וויא אַ בייבי ! פע, חלשות, עס געהט אוש איבער דיא גאַל.

קוק נאָר אָן אַנמהאָן זיך! מען האָט זיך שוין געקענט אויסמראַיען צו א חתונה אין דער צייט וואָס דוא שפּילעסט דיינע שיך! זעה נאָר וויא דאָס רירט זיך, אקוראט וויא א בלייענע פויגעל! אפשר האָסטו חיינט געהאט א קריוודע און דו ביסט צו פריה אויפגעשטאַנען, טאָ לייג זיך צו נאָך א ביסעל.

הער נור א זיפץ, צו מיינע שונאים'ס קעפּ, צו זייערע הענד און פיס, צו זייער לייב און לעבען! אימיצער וואָלט הערען וואָלט מען געמיינט ווער ווייסט וואָס פאר אן אונגליק עס איז געשעהען! וואָס זאָרגסטו? וואָס דיא שווינער לעבט, נישט־קשה, נאָט איז מיט דיא צובראָכענע הערצער, ער האָט מיך געלאָזט לעבען ביז ערשט, וועט ער מיר ווייטער אויך שענקען דאָס געזונד.

אָט אזוי איז עס. פאר מיין גוטסקייט, פאר מיין געטריישאַפט האָב איך מיר געקויפט א שונא, פאר ברויט צאָהלט זיא מיר אָפּ מיט שטיינער.

63טער קאַפּיטעל.

א לעקטשור וועגען קניידלאך.

חנה פעפלען געפעלט ניט דיא קניידלאך וואָס דיא שנור האָט געמאַכט אום פסח, דער־צעהלט זיא איהר א מעשה וויא אזוי קניידלאך דאַרפען זיין, וואָס פאר א שייפּ זיי דאַרפען האָבען און אזוי ווייטער.

אַי, האָסטו מיין שנור, אָבגעטמראַיעט קניידלאך, דאָס מזל מיינע שונאים אין קבר. מען קען זיי דען אין מויל אריין נעהמען? אז אסור זאָל מיר זיין.

קוק נור אָן א קניידעלע גנב! בעטראַכט עס נור, האָט עס דען א צורה פון א קניידעל? עס זעהט גיכער אוים וויא א קרעפּעל אָדער וויא א המן־טאש, ניט אום פסח דערמאָנענדיג! אוי, מיינע שונאים'ס פּנים'ער זאָלען אזוי שיינען וויא דיא קניידלאך דיינע שיינען.

איך בין אמאָל אויך געווען א בעל הבית'טע, איך האָב אמאָל אויך גע־מאַכט קניידלאך, הלואי אויף היינט געזאָגט אזעלכע קניידלאך וויא ביי מיר פלעגט זיין. יעדער קניידעלע איז געווען קיילעכדיג, וויא שעהנע רויטע עפּעלאך האָבען זיי אויסגעזעהען. מען זאָל מיינע א קניידעל אוועקלייגען אויפ'ן טיש, וואָלט זיא זיך אראָבגעקייקעלט און מיין געראָטענער שנור'ס

קניידלאך זיינען צופליאשקעט אזוי וויא רעטשאניקעס! חרפה, בושה האסטו אויף נאמנות געדארפט האבען צו דערלאנגען אזעלכע קניידלאך צום טיש.

דער טייוועל ווייסט, דאכט זיך עס פעהלט דיר חלילה ניט קיין אייער, קיין שמאלץ, הלואי אויף אלע אידישע קינדער געזאגט. דוא האסט דאך געקענט מאכען קניידלאך, עס זאל זיין שעהן צו קוקען, לסוף שיינען זיי וויא א שמיעד פארטאג! ביי א.צוקראכענע בעל הבית׳טע, זיינען דיא קניידלאך אויך צוקראכען.

געריכט זיך אזוי לאנג אויפ׳ן פסח, דערמאנט זיך פון ווען עס טהוט זיך: הו־הא, פסח, קניידלאך, לסוף האסטו דיר! זאל איך שלעכטס האבען, אויב צוליעב אזעלכע קניידלאך איז כדאי געוועזן זאגען דיא הגדה. קיינע צרות זאלען ניט זיין און אזעלכע קניידלאך זאלען אויך ניט זיין.

דוא מיינסט איך בין אזוי אריינגעטאהן אין דער אבילה? זאל מיר שוין אזוי מיין קאפ ניט וועה טהאן וויא איך קעהר ניט דערפאר! איך בין דאך ניט אין דיר געראטען; עס איז מעהר ניט פערדראסיג, פאר וואס זאל עס אזוי זיין? פאר וואס זאל עס א וייבעל האבען אזעלכע ליימענע הענד און ניט קענען טהאן א זאך וויא געהעריג איז? שעהמען האסטו זיך געמעגט אין דיין ווייטען האלז אריין.

מיר וואלט אסור געווארט, יא קניידלאך, ניט קניידלאך, איך פרעג דיר אבער וואס זאל איך עסען? קייען דיא דארע שארבענס, דיא מצות? דאס איז ניט פאר מיינע ציינער. ניט מעהר זאלען מיינע שונאים האבען יאהרען, וויפיעל ציינער איך האב אין מויל.

וואס מיינס איז ניט ליטיש. ביי ליטען מצה איז אזוי וויא אייער קיכלעך, עס צוברעקעלט זיך אין מויל, א מחיה, און מיר האט גאט צוגעשיקט מצה אודאי פאר־אייאהרינע! ניט געשטראפט זאל איך ווערען פאר דיא רייד, רעגולע שארבענס, רעגולע גלאז, עס איז דאך אונמעגליך צו צוקייען עס. וואס איז? מיין הארציגע שנוריל האט זיך פערכאליעט מען זאל געבען א שאו איהר לאנדסמאן דעם פעדלער און קויפען ביי איהם מצה! אזוי וויא דוא ביסט גוט אזוי איז דיין לאנדסמאן גוט און אזוי איז זיינע מצות גוט.

עס קומט מיר דאך אוים, שונאי ישראל, כאטש ציה אוים דיא פיס און

שמארב פון הונגער! אז קיין מצה ניט, קיין קניידלאך ניט, וואס זשע רען עסט מען? וואלט עס געווען איין טאג, וואלט זיך איבערגעקומען, זאל זיך ראכטען א תענית, מען קען דאך אבער ניט פאסטען אכט טאג כסדר.

איך האב געמיינט, א יונג ווייבעל וועט זיך פלייסען, וועט זיך וועלען אויספיינען און מאכען גוטע קניידלאך, לסוף א נעכטיגער טאג! און איך וואלט שווערען, אז זיא טהוט עס מיר אויף צו להכעים! זיא וויים, דיא מרשעת, אז איך קען קיין אנדער זאך ניט עסען, מאכט זיא עס עקסטרא, כדי איך זאל הונגער ליידען! דוא קלייבסט דאך נחת דערפון, וואס דער שווי־נער איז עפעס אויסען.

הא? וואס זאגסטו? אז מיר נעפעלט ניט, זאל איך אליין מאכען קניידלאך? פרישאל תרך נא דרך! דוא האסט הפנים חשק, אז איך זאל זיין ביי דיר א דיענסט און וואס ועסטו טהאן? תהלים זאגען?

א העזה א ביסעל פון א ליידאטשקע, איך זאל אליין מאכען קניידלאך, זאגט זיא! מעגסט זיכער זיין, אז מיינע קניידלאך וועלען זיין בעסער וויא דיינע, אפילו ווען דו וועסט זיין אין דריטען גלגול וועסטו ניט מאכען אזעלכע קניידלאך וויא איך! גלויב מיר, אז דאס וואס איך האב פערגעסען קענסטו נאך ניט; וואס איך האב אין מיין מינדסטען נאגעל, האסטו ניט אין דיין קאפ; אבער נאכגעבען דיר דיא שמד און ארבייטען פון דיינטוועגען — א פייג אונטער'ן דעבעלע.

האסטו געהערט? איך זאל זיין דיא קעכנע און זיא וועט פאנעווען! אזוי ווילט זיך איהר, דער מארגארעטע מיינער! וועסט זיך א שעהן ביסעל אויס־ווארטען! אזוי שפל ביי זיך בין איך נאך ניט.

שוין גאנץ גענוג דערניעדעריגט בין איך, אז איך דארף מיט דיר אונ־טער איין דאך וואהנען, אז איך דארף ריידען מיט דיר; אבער איך זאל דיר נאך בעדיענען, דאס וועסטו קיינמאל ניט אויספיהרען.

וואס האט זיא מיר דא אזוינס געזאגט, פרעגט זיא! נאך ווייניג פאר דיר? וואס האסטו געוואלט, אז דוא זאלסט מיך שילטען אין טאטען אריין? פרוב נור, אדרבה לאמיך עס הערען, מעהר וועט דיר ניט פעהלען, איך וועל דיר, וויא מיר האבען היינט פסח אויף דער וועלט, צופראסקען דיא חזיר'שע מארדע דיינע.

דו ווייסט ווער מיין מאמע איז געווען? אזעלכע אידען וויא מיין מאמע

עליו השלום זיינען קיין סך נימא, א איד א למדן געוועזן און א צדיק, דיא וועלט האט דאך מיט איהם נעקלונגען. א שפאס איז עס ר' יאסעלע! ער האט דאך אויפגעריהרט דיא וועלט מיט זיין תורה, מיין יאסעלע, איהם צו לייננערע יאהר, איז א נאמען נאך איהם, נאך'ן גרויסען ר' יאסעלע, אי איז עס געוועזן א איד, זיינע אור־אייניקלאך זאלען כאטש האבען איין גליעד פון איהם, וואלט איך צופריעדען געוועזן. אוי, פינסטערער מזל מיינער, אז איך, ר' יאסעלע'ס טאכטער האב געדארפט אריינפאלען צו אזא כלב'טע אין דיא הענד.

הא, דו פערהערסט זיך נים מיט מיר אין יחוס? פערהער זיך יא! דו האסט דען מיט וואס צו יחסנ'ען זיך? ווער ביסטו דען? דער טאטע דייר־נער צו דער זיידע אודאי שוסטער געוועזן! וואס דען? ווען דוא וואלסט געוועזן א בעל הבית'יש קינד, וואלסטו אויך געוועזן א בעל הבית'טע און דוא וואלסט כאטש ווענינסטענס א טעפעל געקענט אבקאכען. א בעל הבית'יש קינד מאכט נים אזעלכע קניידלאך וואס מען דארף פאר הינט ארויסווארפען.

אבער וואס זאל איך מיט דיר ריידען? דוא ביסט געוועזן א נאר און וועסט בלייבען א נאר נישט, אז איך וועל דיר נים אויסלערנען שוין אפילו דער שווארץ יאהר אויך נים אויסלערנען.

64סטער קאפיטעל.

דיא שנור געהט צופיעל.

עס איז ליעבער זומער. יעמי געהט ארויס אין ספרים, באלאקעט א ביסעל מיט דיא שכנות בוי'ס סטופ, וויא דער שטייגער איז, וויל עס אבער דיא הארציגע שוויגער נים ליידען און זיא גיט איהר א גאב, אז עס ווערט דער ווייבעל אזש פינסטער אין דיא אויגען.

ברוך הבא, מיין שנור איז שוין דא! סקאציל קומט, א גאסט, מען דארף דעם אויוועזן צו־ווארפען! וואו ביסטו עס געוועזן געדעטענים מיינע?

א מארגע זאך, א ווייבעל זאל זיך א מינוט, א רגע נים קענען איינהאל־טען אין הויז! נור זיא לויפט אום, דער טייוועל ווייסט וואוהין! איך וויים אסור וויא אזוי דיא פיס סטאיען דיר אומצולויפען שטענדיג.

דוא מיינסט מיך צארט פאר דיינע פיס? א כפרה ביסטו! פון מיינער־

ווענען מעגסטו כאָטש גאַנצע טעג אומטאַנצען אין מיטען סטרים, מיר וועלען דערפון דיא פיס ניט וועה טהאָן, עס איז אָבער אַ וועהטאָג אין האַר־צען דיא שיף, ערשט אויף יום טוב אַ פּאָאר נייע שיך געקויפט, האָסטו זיי שוין אודאי צוריסען! קיין געזונד איז זיי געווים ניט צוגעקומען פון אזוי פיעל אומשלעפּען זיך.

אָבער וואָס קעהרט זיא? וועלען זיך דיא שיך צורייסען, וועט דער מאַן קויפען אנדערע! אי, עס קריכען איהם, שונאי ישראל, ארוים דיא אוי־גען פון קאָפּ ביז ער פערדיענט אויף אַ פּאָר שיך, דאָס איז ניט איהר באָבעס עסק, כאָטש הענג און מיר ברייננ! אַ בהמה, מיינט זיא, האָט זיך איהר אָבגעקעלבט! באשר יאַסעלע מיינער איז אַ יעקעלע נארר און ער לאָזט זיך מעלקען, ביי אַן אנדער מאַן אָבער, וואָלסטו עס ניט אויסגעפיהרט.

האָט איהר געזעהן אויף אייער לעבען? אלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג זאָל אַ ווייבעל דאַרפען אנייע פּאָר שיך! וויפיעל פּאָאר שיך האָט דיר שוין דזשאָו געקויפט זינט נאָך דער חתונה? אלבעטשע מעהר פיעל איך האָב צוריסען אויף מיין גאַנצען לעבען! טפו זאָלסטו ווערען, וואָס עס איז געוועזן, וואָס עס האָט געזאָלט זיין, וואָס עס וועט זיין, זאָל אויסגעהן צו מיינע שונאים'ס קעפּ, צו זייער לייב און לעבען, צו זייער האָאר און נאָר, און צו דיר אויך אַ ביסעל.

ווינטער איז נאָך געווען אַ האַלבע צרה און וויא דיא זונן האָט אַ בלישצע געטהאָן, קען זי, דיא מארגארעטע מיינע זיך ניט איינהאַלטען אין שטוב אקוראט וויא וואַסער קען זיך ניט איינהאַלטען אין אַ רעשעטע! נור זיא האַלט אין איין ארומלויפען און עס איז אַ גאַנצע זכיה אַז מען זעהט זיא אַ ווייַלע אין דיא אויגען. קיין קשיא ניט, יום טוב געהט מען צו גאַסט; אָבער אין מיטען וואָך וואו שלעפּט מען זיך אום גאַנצע טעג?

וואָס? אין פּארק, זאָגסטו, ביסטו געזעסען? וואָס איז עפּעס אין מי־טען וויאָמר זיצען גאָר אין פּארק? קענסט ניט געפינען אין הויז וואָס צו טהאָן? נאַ דיר גאָר, וויא מען זאָגט: פון אלע מלאכות אין באָד אריין! לייטישע ווייבלאַך טהוען עפּעס און מיין שנור זיטצט אין פּארק! לייטישע ווייבלאַך געהען, דרעהען און מיין פיליפּאַצקע (פילאָזאָפּקע) געהט זוכען פרישע לופטע! שעהמען האָסטו זיך נעדאַרפט צו ברייננען עס פאר דיין מויל.

דוא מיינסט איך ביינק נאָך דיר ? אסור זאָל מיר זיין. מיין דריטע אויג האָב איך גאָר נאָך דיר אויסגעוויינט, פון מיינטוועגען האָסטו דאָרט געמעגט נעכטיגען אויך, איך וואָלט דיך אסור געגאנגען רופען. א קאטאָוועס איז עס דעם נחת וואָס איך האָב פון דיר קען איך קיינמאָל ניט פערשפּע־טיגגען; עס איז מעהר ניט פערדראָסיג, פאר וואָס זאָל עס אזוי זיין ? וויא האָט עס א ווייבעל דיא העזה אומצושלעפּען זיך שטענדיג און לאָזען דיא שוויגער איינע אליין אין הויז ! וואָס מיינסטו, מיין נשמה איז א ראָזשינקע ?

איך זיטץ גאנצענע טעג און זעה ניט קיין לעבעדיגען נפש, וואָס איז — דיא שנור מיינע זוכט פּלעזשור ! א מענש איז מען, עס ווילט זיך צו אי־מיצען א וואָרט אויסריידען, קומט מיר אוים כאָטש רייד צו דיא פיער ווענט ! מען קען דאָך, שונאי ציון, פון זינען אראָב זיטצענדיג פערשפּאָרט אזוי וויא אין אסטראָג ; מען קען דאָך ריידען פערגעסען ניט אַנזעהענדיג קיין לעבע־דיגען נפש.

וואָס ? איך קען אויך געהן ? קיינער צווינגט מיך ניט צו זיטצען אין הויז ? געהן זאָלען דיא וואָס ווינשען מיר בייז אויף קוליעס ! סעי, דוא טרייב מיך נור ניט, איך האָב נאָך לעת עתה אזא חלק אין הויז וויא דוא ! האָסטו גע־זעהן אויף דיין לעבען ? זיא הייסט מיך געהן ! געהן ועסטו ביי מיר מיט'ן קאָפּ אין דער ערד, מיט די פיס אין קלויסטער ! כל זמן איך לעב, בין איך בעל הבית'טע, ניט דוא.

א מאָדנע זאַך, אזוי וויא א שטעכעדיגע בהמה איז זיא ! וויא מען זאָגט איהר א וואָרט, ווערט זיא אַנגעצונדען און עס איז ביי איהר רעכט איינ־שלינגען א מענשען לעבעדיגער הייד ! איך האָב [illegible] בייגעל (בעגל) גע־ווען, אז איך האָב געזאָגט, אז א ווייבעל דארף זיטצען אין הויז ניט אומ־שלעפּען זיך ! טפו זאָלסטו ווערען, פּאסקודנע חיה וואָס דוא ביסט.

איך וואָלט מעהר ניט וועלען וויסען, וואָס וועט זיין איה"ש ווען דוא וועסט האָבען קינדער ? וועסטו אויך האַלטען אין איין ארומלויפען אזוי וויא היינט ? און וואו וועסטו איבערלאָזען דיא קליינוואַרג ? דוא מיינסט אפשר, אז דוא וועסט מיך פערזעטצען פאר א ניאַנקע, זאָג איך דיר פאָראוים, אז דוא זאָלסט זיך דארויף גאָר ניט ריכטען. געננג פאר מיר אז איך בין ביי דיר א דיענסט, וועל איך נאָך דיינע קינדער אויך ניאַנטשען ? ניט דער־לעבען וועלען עס מיינע שונאים ! א קאטאָוועס עולם הזיזען (תבא) וועל

איך פון דיר האָבען, איך וועל דיך לאָזען אומגעהן שפּאַצירען און איך וועל טענדרען דיא קינדער דיינע, קענסט זיך אַ שעהן ביסעל אויסוואַרטען.

נעהמט זיא און לאַכט, דיא פאַרשווינדעל מיינע! אַ געלעכטער אויף איהר קאָפּ! דוא מיינסט איך פערשטעה ניט וואָס דיין זיסער געלעכטעריל בעדיים? איך ווייס, אז דוא טראַכסט ערשט ביי זיך, אז ביז יענער צייט ווען דוא וועסט האָבען קינדער, וועסטו פון דער שווינער אין גאַנצען פּטור ווערען! אָבער עס איז, יעטי, קיין ראיה ניט, איך קען נאָך דיך איבער־לעבען! קיינער ווייסט ניט ווער עלטער איז! קיינער ווייסט ניט וועמעס מאָרגען איז, עס קען נאָך דיר דיא אויגען פון קאָפּ ארויסקריכען ביז דוא וועסט פון מיר פּטור ווערען.

עס ברענט מיר דיא זאַך וויא אַ פייער; עס פערדריסט מיר צום טויט! פאר וואָס זאָלסטו מיר זיין אַ שונא און ווינשען מיר דעם טויט? וואָלט מעגליך געווען וואָלסטו מיך אין אַ לעפעל וואַסער דערטרונקען; אָבער דיר אויף צופּוקעניש וועל איך דוקא לעבען! נישט־קשה, גאָט איז מיט דיא עלענדע.

הא? דוא ווינשט מיר ניט דעם טויט? וואָס דען, גוטעס ווינשטו מיר? אויף פּוסטע וועלדער, אויף וויסטע פעלדער זאָל עס, רבונו של עולם, פאַלען וואָס דוא ווינשט מיר! אַ גוטער פריינד איז זיא מיר! מוחל אזעלכע גוטע פריינדשאַפט — זיי מיר ניט קיין פעטער און נעה מיר ניט קיין שיך.

יעטי, איך זאָג דיר נאָך אַמאָל מיט גוטען, אז דוא זאָלסט זיך וויטער ניט ארומשלעפּען גאַנצינע טעג. אַ ווייבעל דאַרף זיטצען אין הויז און טהאָן עפּעס אַ מלאכה, אַ ווייבעל דאַרף ניט האָבען קיין שפּילקעס און איך בעט איבער דיין כבוד און לויפען אלע ווילע אין פּאַרק. אַ בעל הבית׳טע דאַרף ניט לאָזען אַ שטוב אויף הפקר און אליין זיין, ווייס איך וואו, עס איז ניט אזוי, עס איז ניט שעהן אזוי, פּע, חלשות.

דוא האָסט זיך אין גאַנצען געזאָמט אַ פיערטעל שטונדע, זאָגסטו? הייסט עס, אז דיא שווינער מאַפּט אויף דיר אַ בלבול, אז דיא שווינער איז אַ ליגנערקע? שטיל מרשעת! דוא וועסט מיך רופען ליגנערקע? אפשר וועסטו אויסטראַכטען אז איך בין אַ גנב׳טע אויך! וואַרט, וואַרט; איך וועל דיר דיין טרפה׳נעם פּיסק פערמאַכען, איך וועל דיר ציינען ווער עלטער איז.

65טער קאפיטעל.

א לעסאן אין קושענירסטווא.

חנה פעסיל משעפעט זיך צו דער שנור, אז פאר אלעס וואס זיא קויפט צאהלט זיא איבער און זיא רופט איהר אויסברייגגערקע און שארלאטאנקע, כאטש עס ציינט זיך ארויס, אז יעטי קען זיך אזוי גוט דינגען וויא זיא, חנה פעסיל, דיא בריה אליין.

וואס קאסטען עס דיא אונערקעלאך? אודאי פיער אדער פינף סענט א שטיק! וואס האט זיך דיר פלוצלונג פערגלוסט אונערקעס? קענסט ניט קריגען קיין אנדער זאך וואס צו עסען?

ווען איך זאל אפילו וויסען, אז עס איז מיר, שונאי ישראל, א מינוס פאר'ן טויט, וואלט איך אויך ניט געצאלט 5 סענט פאר אזא אוגערקעלע. דאס טהוט אן אנזעצערקע, טהוט עס! וואו איז עס געהערט געווארען אין דער וועלט מען זאל געבען א ניקעל פאר א זאך וואס איז אפילו א פעני אויך ניט ווערטה?

וואס קוקסט דוא מיך אן, וואס? דוא קענסט מיך ניט? זעה נור, אויסגענגלאצט א פאאר אויגען, אקוראט איך זאל זאגען דיא גרעסטע נארישקייט! איך פרעג דיך אדרבה, וויא האט עס ניט א ווייבעל נאט אין הארצען און גיט פאר אזא פיטצעל אורגערקעלע פינף סענט? וואס איז, א גביר'טע ביסטו? זאל עס מיר, רבונו של עולם, צוקומען וואס דיר פעהלט צו גביר'עשאפט. גלויב מיר, ווען איך זאל אפילו געפינען א בייטעל געלד, וואלט איך אויך קיין ניקעל פאר אזא אונערקעלע ניט נעגעבען.

געוואלד געשריען. אזא ביטערע צייט, אזא קלאגעדינע, אזא חושך'דינע צייט; מען דארף דאך דאנקען און לויבען גאט, אז עס איז פאראן ברויט, ווילט זיך גאר מיין שנור אוגערקעלאך! אום גאטעס ווילען, וויא איז עס א ווייבעל אזא ספענדערקע? וויא פערגינט מען זיך עס אויסגעבען ניקעלס אויף גאר נישט? מען דארף דאך האבען א טאטערשע הארץ, דארף מען דאך האבען צו ווארפען זיך אזוי מיט געלד.

אויסברייננערקע, שארלאטאנקע, שאכער־מאכערקע, כל־בו'ניצע! עפעס א פך ניקעלס האסטו שוין היינט פערדיענט? דער מאן נעבאך הארעוועט מיט'ן בלוטיגען שוויים, ברייננט דיר אב דיא געלד און דו צו שאכער מאכערסט עס! אונערקעלאך קויפסט דו גאר צו פינף סענט א שטיק! וואלט

ניט מעהר מצוה געווען, אז יאַמעלע זאָל פאר דיא געלד א פיינטעלע ביער טרינקען, איידער אַנשטאָפּען א פעדלער?

הא? ווער זאָגט עס, אז עס קאָסט פינף סענט א שטיק? ווער ווילסט דו זאָל עס זאָגען, דער רב? אויב ניט פינף, קאָסט עס זעקס סענט א שטיק! איך ווייס דאָך, אז דוא ביסט ניט פון דיא וואָלוועלע סוחר'טעס. דיר, אז פערכאַליעט זיך עפּעס, איז וויא א גוי, להבדיל, זאָגט: ני דראָגא, אבי דאָס־טאָל. איך קען דיך יעטי גאַנץ גוט, הלואי וואָלט איך דיך בעסער ניט געקענט.

א רציחה, אויף נאמנות, אונערקעלאַך גרויס ווי פלוימען זאָל מען צאָה־לען צו פינף צי צו זעקס סענט א שטיק! טאקי נור וואַנדערבילטיכע קען עס זיך פערגינען; אָבער אזא קבצן'טע וויא דוא ביסט, האָסט זיך נאָך גע־קענט קראַצען אָהן דעם. וואָס איז עפּעס א ווייבעל זאָל האָבען אזא גע־שמר'טע האלדז? מאָלע וואָס מען זעהט דארף זיך אלעס ווילען?

וואָס? עס קאָסט ניט צו פינף סענט א שטיק? צוויי פאר 3 סענט קאָסט עס? נו, האָב איך ניט געטראָפען! באשר דער פעדלער האָט קיין שכל ניט; אָבער ווען ער זאָל בעטען צו פענף סענט, וואָלסט דו ניט געגעבען? און צו צעהן סענט וואָלסט דוא אויך געצאָהלט! דוא האָסט דען שכל צו דינגען זיך? ביי דיר איז דאָך רעכט אָבצוגעבען דיא גאַנצע געלד וואָס דוא האָסט ביי זיך פאר א זאך וואָס איז קיין סענט ניט ווערטה! אז מען שיקט א נאר צוווישען דיא קראָמען, פרעהען זיך דיא קרעמער.

א גרינער נעבאך, דער פעדלער וואָס האָט דיר דיא אונערקעס פערקויפט. א רחמנות אויף איהם, א צער בעל החיים, ער האָט נעבאך ניט געוואוסט ס'ארא טהייערע קאָסטאָמערקע דוא ביסט; ווען ער זאָל עס געווען ווייסען, וואָלט ער געהאָט א גוטען יריד'ל.

ער האָט זיך מסתמא אזוי אויך ניט גענארט. אז דוא האָסט געצאָהלט צו צוויי סענט א שטיק, איז עס געווים ביי לייטען צו צוויי פאר א פעני. וואָס דען? מעהר איז עס ווערטה וויא צוויי א פעני? ווען דער פעדלער זאָל האָבען א סך אזעלכע קאָסטאָמערקעס וויא דו, וואָלט ער געמאכט גאַנץ גוטע ביזנעס.

עס איז דאָך הימעל שרייענד. מען זאָל זיך אויף א ווייבעל ניט קענען

פערלאָזען פון דאנען אהין! זיא שטעהט גאָר ניט אום געלד, זי ווארפט זיך דערמיט אזוי וויא מיט שפענער; ביי איהר איז רעכט יאבעקאָ, יאקעקאָ, פיעל מען זאָגט איהר בעצאָהלט זיא! דינגען זיך, זוכען בילינגער, דאָס ניט.

ביי לייטען ווייבלאך שפּארען אָן וויים איך וואו. מען געהט אין מאר־קעט, מען טאפּט איבער אלע פּושקארטס, אבי איינשפּאָרען א סענט, און מיין שטיק גלאָמפּ פּאסט ניט צו דינגען זיך! צוויי סענט אן אוגערקעלע, איז צוויי סענט! אי, יעטי, יעטי; דער וואָס שטעהט ניט אום א סענט, איז אליין ניט ווערטה א סענט.

א סענט צו א סענט, זאָלסטו ויסען ווערט אָ גאנצער חשבון. ווער ווייסט מיט פיעל יאָסעלע וואָלט ערשט רייכער געווען, ווען ער זאָל האָבען א לייטישע ווייב ניט קיין אויסברייגגערקע. דעם מלך'ס אוצרות קענען דאָך אויך ניט סטאיען פאר אזא שטיק גולם, וויא דו ביסט.

איך רייד דאָ ניט דוקא פון דיא אוגערקעס. דערפון קען מען נאָך ניט בדלות ווערן; אָבער דו צאָהלסט דאָך ב"ה איבער אויף אלעס. איך מאך א ועט, אז מען קען אלעס קריעגען בילינגער, אי פלייש, אי ברויט, אי אלע זאַ־כען, אז מען שאפט זיך מיט א נארר, קאָסט שטענדיג מהייער.

אז אך און וועה איז מיר, וואו מיין זוהן'ס געלד קומט אהין. אלע האָ־בען הנאה פון זיין פראצע, וואָס איז, גאָט האָט איהם געבענשט מיט א ווייב וואָס שיט זיך מיט געלד, וועל, וואָס קעהרט זיא, איהר קומט עס אָן גאַנץ גרינג.

וואו שיט זיא מיט געלד, פרעגט זיא! וואָס האָסט דו געוואָלט, דוא זאָלסט נעהמען הויפענס געלד און שיטען אין סטריט? הלואי וואָלסט דו עס שוין געטאָהן, וואָלט מען דיך אפשר צוגענומען אין משוגעים הויז און איך וואָלט פון דיר פטור געוואָרען! אוי, אוי, אוי, איך האָב שוין ניט קיין הארץ פון דער מרשעת.

א טובה טהוט זיא מיר, זיא שיט ניט קיין געלד! און אז זיא איז אזוי אן אויסברייגגערקע איז גוט! שור, דוא ביסט אזוי גוט, וויא מען שמייסט מיט א רוט. דיא וואָס ווינשען מיר בייז זאָלען קיין בעסער'ע שניר ווי דו ניט האָבען.

66טער קאפיטעל.

טענות מכח בלינצעס.

חנה טעסיל תאלט פאר דער שנור א לעקטשור וויא אזוי צו מאכען בלינצעס. און נאר אוידער וואס ווען זאגט זיא שוין נביאות, אז דיא בלינצעס וועלען טויגען אוי כפרות און זיא צאהלט דער וויבעל איין א פארציע אין פאראוים.

יעטי, יעטי! דו ווייסט וואס איך וועל דיר זאגען? היים דעם מילך מאן ארויפטראגען א פאאר קווארט מילך וועסט דו שטעלען א פאאר לאדישקעלאך אויף שבועות. אט וועט זיין אביסעל שמעטענע און פון דיא זויער מילך וועט מען מאכען קעז אויף בלינצעס.

זאל מיר גאט נים שטראפען פאר דיא רייד, איך קען דיא געקויפטע קעז נים פערזוכען עס איז זויער וויא עסיג און עס האט א טעם וויא מיין באבע'ס טוים. דער מיפעל ווייסט זיי, וואס זיי מישען אריין אין די קעז. מען קען עס אסור אין מויל אריין נעהמען.

דוא הערסט? זאג איהם נור אן ער זאל דיר געבען גוטע מילך, ער זאל עס נור נים „אב'שמד'ן", דער מאשעניק! ביי דיר איז דאך רעכט וואס מען נים דיר, עס ארט דיר דען עפעס? אבי דו גיבסט אב דיא געלד און וועגען דיא סחורה קימערסט דוא זיך ווייניג! מען זאל דיר געבען לאקריץ אדער כשר'ע פאדים, וועסט דוא אויך צונעהמען. וואס מאכט עס אוים? אן אקס, אן אינדיק, אבי אן עוף אויף שבת.

מילא אין מיטען וואך וויא אין מיטען וואך. דו ווייסט דאך, אז איך בין נים קיין איבערקלייבערקע אויף עסען. אט וואס מען עסט, עסט מען, איך בין נישט „פריטיקעלע" אויף דיא זאכען; אבער הייליגער יום טוב דארף מען הנאה האבען. זאל בעסער קאסטען עפעס מעהר, אבי עס זאל גוט זיין.

נו, וואס זשע זיצסט דו, וואס? ריהר זיך שוין אמאל און געה אונטער צום מילך מאן, אויף ווען ווארטסט דו? איך האב מורא, אז דו ווייסט גאר נים, אז דאנערשטאג איז שוין ערב שבועות. אט פרעג דיר בחרם, וואס ווייסט דוא יא?

וואס? דוא ווייסט, זאגסט דוא? נו, פאר וואס זשע האסט דוא זיך אליין נים דערמאהנט, אז מען דארף זיך עפעס צוגרייטען? פאר וואס, גלאמט איינער, האסט דו אלץ נים אין זינען וואס מען דארף? טאקי אלעס דארף

לינען אויף מיין קאפ? שוין צייט, אז אזא ווייבעל זאל אליין עפעס וויסען.

איך פרעג דיר אדרבה, וואס טהוען דיא ווייבלאך וואס האבען נים קיין שווינערם? מאכען זיי קיין יום טוב נים? ביז וויא לאנג איז דער שיעור נאכצושלעפען זיך נאך דער שווינער'ס פארטוך? שעהמען האסט דוא זיך געמעגט אין דיין ווייטען האלדז אריין.

דער שווארץ יאהר וויסט, דאכט זיך אזוי פיעל וויא איך דויבע איהר אין איהר פערדישען קאפ און מיינע רייד קלעפען זיך צו איהר אזוי ווי ארבעס צום וואנד! אפילו א בער לערענט מען אויך אוים טאנצען און איהר קען מען נים אויסלערנען, כאטש טהו זיך א מעשה אן! איך וויים אסור צו וואס דארפען עס אזעלכע מענשען געבוירען ווערען.

איך וואלט אויף ציקאוועס וועלען לעבען און זעהן, וואס וועסט דוא מאהן ווען די שווינער וועט נעבען דיר נים זיין? וויא אזוי וועסט דוא פיהרען א בעל הבית'ישקייט, ווען דוא וועסט נים האבען ווער עס זאל דיך לערנען? איך האב מורא, אז מען וועט דאמאלס ביי דיר עסען און טרינקען פערגעסען! נו, נו, א סחורה האט מיר גאט צוגעשיקט, אזא מזל אויף מיינע שונאים, רבונו של עולם.

און אז איך האב דיר שוין דערמאהנט, און אז איך האב דיר שוין געזאגט, אז דאנערשטאג איז ערב שבועות, וועט עפעס זיין דערפון? א נעבטיגער טאג! דוא וועסט אזוי האבען בלינצעס אקוראט וויא איך האב ערשט הונדערט טויזענד דאלאר! אויף מיין באבעס קימפעט וועלען דיינע בלינצעס ארויס-קומען! אז איך וועל אליין נים געהן איינקויפען וואס מען דארף און אז איך וועל זיך נים סטארען, וועט נים זיין.

הא? דוא געהסט שוין צום מילך מאן? אין א יאהר א תשובה! וויא עס איז, זיך פארט מישב געווען, אז דיא שווינער זאגט א גלייכע זאך, פרעג איך דיר, צו וואס האב איך געדארפט ריידען אזוי פיעל? ווען מען איז א מענש מים פערשטאנד ווארט מען נים אז אימיצער זאל זאגען, אימיצער זאל דערמאהנען, מען נעהמט און מען טהוט און מען האדיע.

און אז דוא וועסט שוין געהן צום מילך מאן, און אז דוא וועסט שוין נעה-מען מילך, וועט עפעס זיין דערפון? זאל איך שוין אזוי קיין צער נים הא-בען! עס וועט געווים פריהער אנקומען אן דער קאץ וויא אן אונז. ביי דיר איז דאך קיין מאדע נים צודעקען א זאך און בעווארענען, אז דיא קאץ זאל

ניט קענען צוקומען, ווען ניט איך, וואלט דיא קאץ דיין נאז אויך אבגע־גריזשעט.

ניט ליעב איז אידור, ניט ניחא איז איהר, דער נאשערקע! זיא וועט שוין האבען צו לעקען שמעטענע, אז זיא וועט צוזעצט ווערען. אויף אזא גליק האט זיא זיך גאר ניט גערעכט. ניט אלע קעץ האבען אזא מזל, — אז דיא בעל הבית'טע איז א שלים־מזל'ניצע, קען דיא קאץ זיין א נאשערקע.

וואס רייד איך אזוינס וואס ניט געשטויגען ניט געפלויגען? איך רייד שוין גאר ניט פון פוסטען פאס. א נארר איז א האלבער נביא, איך ווייס פריי־ער וואס שפעטער וועט זיין! דערווייל האט נאך ניט פאסירט איך זאל א זאך ניט טרעפען, נור מיט דיר האב איך ניט אזוי גוט געטראפען, וועה איז מיר, ווינד איז מיר.

געוויס, עס זאל זיך געווען ווענדען אן מיר, וואלט אנדערש געווען. איך וואלט געקענט האבען א שנור מיט לייטען גלייך, האט זיך אבער יאסעלע איינ־געשפארט ווי מען זאגט: מיט דיא פיס אין וואנד, נור יעטי איז איהם גע־פעהלען! ניט אנדערש זיא האט איהם א כשוף געטאהן, דיא מרשעת.

א סוף אן עק. איז זיא א שלעכטע, א נארישע, ניחאי וואלט זיא כאטש א בעל הבית'טע געווען, איז דאס אויך ניט! איך רייד דא פון בלינצעס, אז ניט ווייס זיא וויא מען מאכט בלינצעס? זאל איך שוין אזוי פון שלעכטס ניט וויסען, הארציגער פאטער.

סעי יעטי, וויא מאכט מען בלינצעס, מיט דריי צו מיט פיער שפיצען? איך וואלט שווערען, אז דו ווייסט ניט! אט דאס איז, קינדערלאך, א גולם; מען זאל אויספאהרען דיא גאנצע וועלט וועט מען אזעלכע ניט געפינען. און אזא שמיק פלייש מיט צוויי אויגען לעבט און פערנעהמט א פלאץ אויף דער וועלט! אך רבונו של עולם, צו וואס טויגען דיר אזעלכע גארנישטען? וואס פאר א נוצען בריינגען זיי.

טפו, ס'ארא זיפץ, אויף גוי'אישע קעפ זאל עס זיין! וואס זיפצסט דו וואס? וואס דיא שוויגער זאגט דיר אן אמת, אדער וואס די שוויגער לעבט? זאלץ דיר אין דיא אויגען, שמיק מיאוס'קיים! דיר אויף צופוקע־ניש וועל איך לעבען און געזונד זיין, מעגסט אפילו זיפצען און קרעכצען פון היינט ביז איבער איאהר.

איך זאל געווען וויסען, אז דוא וועסט אזוי ניט וועלען ליידען, וואלט איך

נאר קיין רייד ניט געמאכט. א דאנה האב איך. יע בלינצעס, ניט בלינצעס; בראי טאקי האבען אן עסק מיט אזא מרשעת. פון מיינטוועגען מעגסט דו שבועות עסען המן־טאשען. אלע דאגות זאלען פון מיר אוועק און דיא איינע זאל מיר פערבלייבען. טפו זאלסט דו ווערען שטיק המן! זאלען שוין מיינע שונאים דאמאלס לעבען, ווען איך וועל מיט דיר ריידען.

67טער קאפיטעל.

זיא רעדט צו דיא וועגד.

חנה פעסיל בעקומט א העד־אייק. זיא שיקט דער שנור נאך מעדיצין און דיא ווייבעל פאלגט דעם ארדער; חנה פעסיל אבער מיינט, אז יעטי איז אין בעד רום און זיא לייענט אב א לאנגען מענה לשון און שילט איהר אויס דיא געביין, דערפאר וואס זיא געהט איהר ניט ברייננען א רפואת

יעטי, יעטי! פאר וואס גערסטו ניט וואוהין איך האב דיר געבעטען? אז איך בין אויף א ווײלע אנדרימעלט געווארען, האסטו זיך פערוועצט אין בעד רום און זיצסט דארט! דאכט זיך, אז דוא ביסט גאר ניט פויל אויפ׳ן גאנג. דוא וואלסט זיך גאנצע טעג אומגעשלעפט, און אז דיא שווינער בעט דיך דוא זאלסט איהר ברייננען א העד־אייק פאודער, האסטו מורא, אז דיינע פיסעלאך וועלען דיר אבנעהמען!

איך ליג און דער מוח הויבט זיך מיר אין דער לופטען און איהר הויבט עס ניט אן צו ארען! אויף א שכור׳ע גוי׳ע, אויף א באמערקע האט מען דאך אויך געדארפט רחמנות האבען און זיא זיצט זיך דארט אין בעד־רום און זאל עס איהר גאר אנהויבען טשעפען! איך וויים ניט וויא איז עס א מענש אזוי שלעכט, אפילו א וואלד גזלן וואלט דאך אזא זאך ניט געטהאן.

איך האב שוין, א דאנק גאט, א שעהן ביסעל יאהרען אבגעלעבט און איך בין שטענדיג געזונד געוועז. זייט אבער איך האב מיין שנור דערקענט, האב איך נור צו טהאן מיט קאפ וועהטאג און אלע צרות, מיינע שונאים! אוי, איידער אזא לעבען, איז שוין בעסער א בעטערער.

יעטי, יעטי! דוא שלאפסט דארט, צו דוא מאכסט זיך שלאפען, טאמער וואלסטו דאך מוחל געוועזען דיין כבוד און געהן ברייננען מיר א רפואה צו מיין קאפ וועהטאג? אויף מיר דיא אחריות, דוא גועסט חלילה

דערפון ניט מפיל זיין, ניט געפעהרליך, אויב דער גאנג וועט דיר עפעס פערשאדען, וועל איך א תשובה נעהמען.

אוי, מיין קאפ, מיין קאפ! געוואלד, גזלן, רוצח גאָה ברענג מיר אהער אייק פאודער וואס האסטו זיך דארט פערשפארט אין בעד־רום? האב רחמנות, ראטעווע, געה גיכער, דוא וועסט זיך עולם הבא קויפען.

מיינע שונאים זאלען אזוי כח האבען צו לעבען, וויא איך האב כח צו ריידען. איך האב שוין אין הארצען איינגעריסען שרייענדיג און זיא ריהרט זיך ניט פון ארט! ניחאי וואלט זיא, דער המן, זיך כאטש אב־גערופען א ווארט, דאס אויך ניט! עס קען דאך, שונאי ציון, אזוי דיא נשמה אויסגעהן און אפילו א האהן וועט ניט א קרעה טהאן.

יעטי, יעטי, דוא געהסט, צו ניט? ווארט, ווארט, איך האף צו גאט, אז איך וועל דיר אמאל אבדיענען. וואס מיינסטו, דוא האסט שוין אנגענומען גאט פאר דער באָרד און דוא ביסט זיכער, אז דיר וועט קיינמאל דער קאפ ניט וועהטהאן? עס וועט קומען א צייט אויף דיר אויך און איך וועל זיך מיט דיר איה״ש אברעכענען! דוא וועסט זיך אפילו אויס־ציהען, דוא וועסט אפילו א כפרה ווערען פאר מיינע אויגען, וועל איך פאר דיר ניט טהאן וואס א האאר איז ווערטה, וויא דוא ביסט צו מיר אזוי וועל איך זיין צו דיר. ווארט, ווארט, דוא וועסט זיך נאך אמאל קלא־פען אין הארצען „חטאתי״.

א פערדראסיגע זאך, א ווייבעל זאל האבען אזא סאלטען לונג און לעבער! דוא זעהסט, אז דיא שוויגער מוטשעט זיך, אזוי וויא, שונאי ישראל, פאר׳ן טויט; וויא האסטו עס ניט גאט אין הארצען און פאלגסט איהר ניט א גאנג? איך פערלאנג דאך פון דיר ניט קיין שווערע מלאכה; איך בעט דאך ביי דיר ניט דוא זאלסט טהאן פון מיינטוועגען א זאך וואס איז איבער דיינע כחות, בלויז א גאנג בעט איך דאך דיר און דאס ווילסטו מיר אויך ניט טהאן.

מען וואלט זאגען, עס איז אין דרויסען א פראסט, א זאווערוכע, פוילסטו זיך געהן; עס איז דאך ליעבער זומער, ווארים א מחיה, נור ווייל דיא שוויגער בעט דיך, איז עס דיר א שווערע משא! אלבעטשע ווען איך זאל דיר ניט הייסען געהן, וואלסטו זיכער אין שטוב ניט געזעסען. נו מילא זאל זיין אזוי! ערשט אין דיין אמעריקא; אבער עס וועט אמאל קומען א צייט, אז עס וועט זיין מיין אמעריקא אויך.

עס ווילט זיך מיר ניט נאכגעבען דעם יצר הרע; אבער איך האב דאך גערארפט אריינגעהן, אין בעד־רום און אויספראסקען דיר דיא צורה! אסור מיר, אויב אימיצער וואלט מיר געגעבען אומרעכט, קיינער וואלט ניט געזאגט אז עס איז אן עולה; אבער זאל זיין, זאל בעסער מיינס איי־בערגעהן. גאט איז א פאטער און ער וועט זיך מיט דיר אליין אב־רעכענען.

און דוא מיינסט, אז דוא וועסט שוין ערשט געהן ברייגען מיר א רפואה וועל איך עס נעהמען, אסור חזיר! א קשיא אויף דיר? דוא קענסט נאך מיר ברייגען סם. אויף אזא ארורה וויא דוא ביסט, איז אלעס צו גלויבען.

יעטי, יעטי! געה עפען, אימיצער קלאפט אין טהיר. וואס איז דארט מיט דיר, דוא ביסט טויב? געה פרעג ווער איז דאס! אפשר עפעס אן אייגענער מענש. וואס פאר א פנים האט עס לאזען א מענשען שטעהן הינטערן טהיר?

יעטי, געה עפען, זאג איך דיר. עס איז מיר שווער אויפצוהויבען זיך פון לאנדוש, זאל מיינע בילער אזוי דרעהען אין דיא בייכער, וויא מיר דרעהט אין קאפ, געה זעה ווער איז דארט!

אט דאס קינדערלאך הייסט געשפיעלט צו להכעיס, אנפאלען זאל אויף מיינע שונאים קרחת! וועל, איך וועל שוין אליין געהן עפענען; אבער עס וועט זיך דיר, יעטי, עפענען א קבר. זאל מיר נאר דער קאפ אויפהערען וועהטהאן, וועל איך זיך מיט דיר אברעכענען וויא געהעריג איז.

ווער איז דארט?... הא? יעטי? טפו זאלסטו ווערען! וואס עס האט געזאלט זיין, וואס עס איז געוועז, וואס עס וועט זיין, זאל אויסגעהן צו מיינע שונאים'ס קעפ, צו זייערע הענד און פיס און צו זייער ליוב און לעבען! דוא ביסט עס נאר? אבי איך האב אומזיסט פערלארען מיינע כחות שרייענדיג. וואו ביסטו עס געוועז גערעטעניש מיינע?

וואס? אין דראג סטאר? דוא האסט מיר געבראכט דעם פאודער? א שעהנעם דאנק דיר פאר דער טובה! אז ניט ביסטו עס געגאנגען, וויל דוא האסט רחמנות געהאט אויף דער שוויגער? לעבען זאלען אזוי דיא גאנץ ווינשען מיר בייז. ממתמא געגאנגען ציינען דיין ניט שווייגע

(ספרינג) העט! דוא מיינסט דאָך, אז דיא העט פים דיר זעהר, אזא מזל אויפ'ן רוסישען קיסר! וויא א סטראשידלא זעהסטו דאָך אוים אין איהר, מען דארף דאָך, וויא דוא זעהסט מיך לעבען, שרייען שמע ישראל אויף דיר קוקענדיג.

א ביסעל א העט אָנגעטהאָן, א גאנצע חופה, איך זאָל אזוי געזונד זיין! א ראָמע סאָלדאטען קענען זיך דאָך אונטער איהר בעהאַלטען! אזא יאָתר זאָלסטו, מיין שנור, האָבען וואָס פאר א חן דיין העט האָט.

א גוסט פון א ווייבעל, אָנטהאָן אויפ'ן קאָפּ אזא מאַכינע! א קלאָג איז מיר נים געשעהן, וואָס דארט טהוט זיך אויף דעם העט; א גאנ־צער וואלד, כאָטש גֵעה און קלייב דארט יאגדעס! הייגט פעדערען, זאָל ער מציל ומשמר זיין; גאנצע אינדיקעס זיטצען דארט אויפ'ן נאָ־סיערעלא! מען האָט דאָך פון דיא פעדערען געקענט מאַכען א גאנצע פער־רענע און זיא טראָגט עס אויפ'ן קאָפּ. און זיא געהט זיך נאָך בעריהמען דערמיט!

חא? ווער זעהט דיר ערשט טראָגענדיג א העט? א לאָסקע זאך! זיא איז אונטערגעגאַנגען דאָ אויפ'ן קאָרנער אָהן א העט! דוא האָסט אפשר ארונטערגעהענדיג אין גראָסערי אָדער ארונטערטראָגענדיג דיא שמוטץ אויף געראָרפט אָנטהאָן דיא רעשעטע אויפ'ן קאָפּ! אוי, אז אָח און וועה צו דיר, אז אח און וועה צו דיין שכל.

אוי, מיין קאָפּ. גיב שוין גיב דיין פּאודער, וואָס דוא האָסט גע־בראַכט. עס וועט מיר אזוי העלפען וויא א טויטען באַנקעס. אומזיסטע געלד ארויסגעוואָרפען. מיין קאָפּ וועהטאָג קומט פון יאדאטע, פון הארץ קלעמענים, וואָס איך האָב אזא געראָטענע שנור. אז איך וועל פון דיר פטור ווערען, וועל איך פון מיין קאָפּ וועהטאָג אויך פטור ווערען.

68טער קאפיטעל.

ענדע גוט — אלעם גוט.

חנה פעסיל שטעהט אויף נאך א שווערע קראנקהייט און זיא טהוט תשובה. זיא זעהט זיך ארום, אז דיא שנור איז איהר טריי און זיא בעט איהר איבער און שווערט, אז זיא וועט שוין ווייטער גוט און פרום זיין.

נו, א דאנק זיין ליעבען, כשר'ן נאמען, אבי אזוי. איך האב גע־מיינט אז איך וועל זיך שוין אריבער פעקלען אויף יענער וועלט, אזוי שלעכט איז מיר געווען אער עס קען ניט זיין, וויא מען זאגט: א צייט אהן א צייט, מסתמא איז מיר נאך בעשערט צו לעבען און א ביסעל נחת האבען.

וואס מיר איז געווען ווייס איך ניט. איך דענק, אז דיא שבועות־דיגע בלינצעס האבען מיר פערשאדט. איך בין געקומען פון שוהל א הונ־געריגע, האב איך זיך צוגעכאפט צום עסען און מסתמא אריינגעכאפט אן איבעריגען ביסען. איך האב באלד געוואוסט, אז עס וועט מיר גלאט ניט אפגעהן; אבער געלויבט דער אויבערשטער, אבי גע'פטר'ט, אבי איך קען שוין מיינע פיס שלעפען, וועל איך שוין מסתמא פערבלייבען א היגע.

מיך אַרט נור וואס דיא קינדער נעבאך האבען געהאט ערגערניס. יאסעלע נעבאך איז דאך נאר אוים מענש געווען דיא גאנצע צייט וואס איך בין קראנק געווען, און יעטי האט אויך גענוג איבערגעליטען דיא פאאר וואכען. דאך א שנור! אט וויא זיא איז א שלעכטע, א בייזע, און האט מיך, דאכט זיך, ניט אזוי ליעב, פון דעסטוועגען איז זיא דיא גאנצע צייט געזעסען נעבען מיר און מיך געהיט. לאנגע און מזל'דיגע יאהר זאל זיא דערפאר האבען, רבונו של עולם.

איך ווייס אפילו ניט, אויב זיא האט עס געטהאן מיר צוליעב אדער זיא האט עס געוואלט צופריעדענשטעלען יאסעלען, דער גוטער יאהר ווייסט איהר! אבער אזוי צו אזוי, אבי דערווייל האב איך געזעהען א שטיקעל פריינדשאפט פון א קינד. איך זאג מיינס: בעסער א קוש פון א שונא, איידער א ביס פון א גוטען פריינד.

דיא זאך איז דיא: מען קען א מענשען אין הארצען ניט אריינ־

קריכען. אָט מיינט א שטיינגער מיין שנור, אַז איך בין איהר א שונא; אָבער וואָס איך ווינש איהר, זאָל עס מיר געשעהען. עס קען זיין, אַז זיא ווינשט מיר אויך ניט קיין שלעכטעס, כאָטש זיא איז מיט מיר קידער ווידער.

יעטי, יעטי! קום נור אהער, זאָג מיר דעם אמת, ביסטו מיר א גר טער פריינד אָדער ניט? ביסט דו צופריעדען וואָס איך בין געזונד געוואָרען, אָדער דוא וואָלסט בעסער געוואָלט איך זאָל צומאַכען אַן אויג? איך דיינק אַז דוא וואָלסט דיא דריטע אויג ניט אויס געוויינט נאָך מיר, וויא זאָגסט דו חאַ?

וואָס? דוא האָסט צו מיר גאָר ניט? דוא ביסט מיר קיין שונא ניט? דוא ווילסט איך זאָל לעבען און געזונד זיין? הלואי טאַטע פאָטער, פון דיין מויל אין גאָט'ס אויערען. דוא מיינסט, טאַכטערקע, אַז איך בין דיר א שונא? חלילה! זאָל מיך גאָט שטראָפען! עס מאַכט ניט אויס וואָס איך זאָג דיר אמאָל א גראָב וואָרט, וואָס איך שטראָף דיר אמאָל, איך מיין עס פון דיין טובה וועגען, דיך צו לערנען, אַז דוא זאָלסט זיין א מענש. דוא ווייסט, אַז דוא ביסט נאָך א יונגע ציעגעלע און דו דאַרפסט נאָך א סך לערנען.

וואָס קומט מיר דערפאַר, אַז איך קען דאָך ניט זעהען וויא דו טהוסט א זאַך קאַפּויר? איך ווייס ניט אויב דוא טהוסט עס אומיסטען אָדער ווייל דוא ווייסט טאַקי ניט וויא מען דאַרף טהאָן; אָבער איך קען עס ניט ליידען און עס קריינקט מיר אָפּט צום טויט.

דיא איינציגע זאַך וואָס איך בעגעה אפשר אַן עולה געגען דיר איז, וואָס איך דריק זיך אָפּט אויס צו שאַרף, וויא מען רופט עס. אָבער דאָס איז שוין ביי מיר אַזא פּראַקליאַטע נאַטור. יעדער מענש האָט אין זיך א שטיקעל גיפט און ער מוז עס אין זיין לעבען אויסניטצען.

דוא האָסט אמאָל, יעטי געלייענט דעם צענאַ וורענאַ (צאנה וראנה)? דאָרט שטעהט, אַז דער שלאַנג איז געווען דער ערשטער וואָס האָט אָנגערעדט דיא מוטער חוה זיא זאָל זינדיגען. ער האָט דאמאָלס איינגעטהיילט א טהייל פון זיין גיפט צום מענשען און מיר האַלטען זיך דערמיט ביז היינטיגען טאָג.

וואָרט, טאָכטערקע, דוא ווייסט אמאָל אויך האָבען קינדער; דוא

וועסט זיי אויך וועלען לערנען, אז זיי זאָלען געהן בדרך הישר, וועסטו אויך נים בעסער זיין פון מיר. זאָל דיר גאָט העלפען דוא זאָלסט אויך דערלע־בען צו זיין א שוויגער, נור אין א גוטען אופן, און דוא זאָלסט דיינע שניר אויך לערנען.

איך בין זיך מודה ומתודה, אז איך האָב אין דיר א שטיקעל טעות געהאַט. איך האָב שטענדיג געדיינקט, אז דוא ביסט מיר א דם שונא, אָבער אַצינד זעה איך, אז עס איז נים אזוי. וויא דיא מעשה איז, האָסטו מיר ווען איך בין קראַנק געוועֶן ביי'ם לעבען דערהאַלטען, און ווען נים דוא, וואָלט איך זיך שוין אפשר אויסגעשלאָפען.

יעטילע, טאָכטערקע, גיעב מיר דיין האַנד און לאָמיר ווערען שלום. וואָס געוועזן איז געוועזן! דו זעה נור סטאַרע זיך זיי א מענש און פאָלג אַן עלטערן און עס וועט זיין אַלל־דיים.

פיעלייכט האָב איך דיר אמאָל א קללה געגעבען, זאָל עס, הארציגער פאָטער, פאַלען אויף פוסטע פעלדער און וויסטע וועלדער, און וואָס עס האָט געזאָלט זיין דיר און מיר און דיין מאַן, זאָל אויסגעהן צו אַלע אוי־רישע שונאים'ס קעפּ. זאָג טאָכטערקע: אמן.

עגדע

אנקעל טאם'ס קעבין

— אדער —

די שווארצע שקלאווען אין אמעריקא

— פון —

העריעט בימשער סטאו

איבערזעצט אין אידיש

פון י. יאפפא.

אנקעל טאם'ס קעבין איז געשריעבען געווארען מיט פופציג יאהר צוריק, אין דער צייט ווען דער האנדעל מיט שווארצע שקלאווען האט עקסיסטירט אין אמעריקא.

די פערפאסערין, העריעט בימשער סטאו, האט מעהר ווי א העלפט פון איהרע יאהרען פערבראכט צווישען די שקלאווען, און אזוי ווי זי איז געווען א הויך־בעגאבטע און געבילדעטע פרוי מיט גרויסע מענשליכע גע־פיהלען, האט זי שרעקליך געליטען פון די גרויל־טהאטען, וועלכע זיינען בע־גאנגען געווארען געגען די אונגליקליכע, און זי האט בעשלאסען דיעזע גרויל־טהאטען בעקאנט צו מאכען פיר דער וועלט.

זי האט יאהרען־לאנג געקליעבען מאטעריאל פאר איהר בוך, און אז זי האט געזעהען, דאס זי האט שוין גענוג פאקטען אויף ארויסצוטרעטען פאר דער וועלט און בעווייזען ווי ווייט מענשען קענען ווערען חיות רעות געגען אונגליקליכע, אונבעשיצטע מענשען, וועלכע זיינען מיט געוואלד צו־גענומען געווארען פון זייער לאנד און האבען דאס אונגליק צו האבען א שווארצע הויט, האט זי דאן איהר בוך ארויסגעגעבען.

ווען דער בוך איז ארויס, האט ער אנגעמאכט א שרעקליכען שטורם אין דער גאנצער וועלט. מען האט געוואוסט אז יעדער ווארט איז אמת, אבוואהל אזעלכע שרעקליכע פאקטען, ווי אין איהם ווערען געבראכט, זיינען געווען קוים גלויבליך. מיט וועלכער היץ דער בוך איז געכאפט גע־ווארען, ווייזט דער פאקט, אז אין עטליכע טעג זיינען איבער צעהן טויזענד

ביכער פערקויפט געוואָרען און איבער דריי הונדערט טויזענד אין א יאָהר. אכט גרויסע דרוק מאַשינען האָבען געארבייט טאָג און נאכט און האָבען קוים געקענט נאָכקומען דעם פערלאַנג פון די ביכער. אין א פּאָאר יאָהר איז ער איבערזעצט געוואָרען אין נײנצעהן שפּראכען און פינף מיליאָן עקזעמפּלארען זיינען פערקויפט געוואָרען. אזא גרויס פערברייטונג האָט נאָך קיין בוך ניט ערגרייכט.

די ווירקונג פון דעם בוך איז געווען אזוי ווי דער גליהען פון א פייער׳ל אונטער א וואלד מיט טרוקענע האָלץ. דער הימעל האָט געגליהט מיט די שטורמישע געפיהלען, וועלכע האָבען געשוועבט איבעראל און זיינען זאָגאר אריבער דעם גרויסען אָקעאַן, ביז עס האָט געשיינט, אז די גאנצע וועלט האָט מעהר ניט גערעדט ווי נור ארום דעם בוך.

אָנקעל טאָם׳ס קעבין

דער געפיהל געגען שקלאַווערײ, אז שקלאַווערײ זאָל אבגעשאַפט ווערען איז שוין לאנג געווען אין אמעריקא, און פיעלע גרויסע מענער זיינען אויפגעטרעטען געגען דעם. אָבער די פיהרער פון די שקלאַווען שטאאטען אין די סאָוטה זיינען געווען זעהר מעכטיג און עס איז געווען שווער עטוואָס אויסצופיהרען; אויסער דעם האָבען זיי געהאַט א גרויסע מאכט אין דעם קאָנגרעס פון די פעראייניגטע שטאַאטען.

עס פערשטעהט זיך פון זעלבסט, אז ווען „אָנקעל טאָם׳ס קעבין״ איז ארויס אין דער וועלט און האָט אויפגערודערט אַלע נאַציאָנען, האָבען די פערטהיידיגער פון דער שקלאַווען סיסטעם, וועלכע זיינען דאַמאלס געווען אין פולער מאכט, ניט געשוויגען און האָבען געטהאָן אַלעס מעגליכע אָפּ־צושוואכען די שרעקליכע שילדערונג אין דעם בוך, זיי זיינען אויף דער פערפאסערין ארויפגעפאַלען מיט זלזולים און פערליימדונגען, אז די בילדער וועלכע זי האָט געמאָהלען זיינען פאַלשע און אויסגעטראַכטע, און זיינען גאָר קיין מאָל ניט פאָרגעקומען. די פּאָליטיקער און זייערע גלחים האָבען זי פערדאַמט, און אין פערשיעדענע סאָוטה שטאַאטען האָט מען דאָס בוך פערבאָטען צו פערקויפען.

איהר ענטפער צו איהרע אנגרייפער פערנעהמט א גאַנצען בוך מיט פאַקטען פון פערשיעדענע געריכטען און געזעץ־ביכער, מיט וועלכע זי אי־בערצייגט אז אַלעס וואָס זי האָט געשריעבען האָבען אין דער ווירקליכקייט פּאַסירט. דיעזע אַלע פּאַקטען זיינען איהר געשיקט געוואָרען פון אד־וואָ־קאַטען און ריכטער, וועלכע זיינען געווען געגען שקלאַווערײ און האָבען פאר איהר אויסגעזוכט דעם בעסטען מאַטעריאַל אויסצופיהרען איהר צוועק.

א וועלט מיט מענשען איז איהר געשטאַנען צו הילף מיט ראטה און טהאַט און דאָס האָט איהר געהאָלפען צו מאכען איהר בוך ניט נאָר פאר איין אינטערעסאַנטע און הערצרייסענדע ערצעהלונג, זאָנדערן פאר א

פייערדיגען רוט געגען א סיסטעמע, וועלכע מען האט שוין מעהר ניט געקענט פערטראגען.

א יאהר שפעטער נאכדעם ווי עס איז ערשיענען דאס בוך

אָנקעל טאָם'ס קעבין

איז אייברעהעם לינקאלן ערוועהלט געווארען אלס פרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאאטען, און ער האט ארויסגעלאזען א פראקלאמאציאן אפצושאפען די שקלאווערײ, און ווען דאס איז געווארען א געזעץ, איז גלייך ענטשטאנען דער בירגער־קריעג, צווישען די נארטה און סאוטה שטאאטען.

א הייליגע בעגייסטערונג האט דאן ארומגענומען די איינוואהנער פון דער נארטה, יעדער איינער איז געווען בערייט זיין לעבען אוועקצוגעבען פיר די בעפרייהונג פון די שקלאווען, מוטערס האבען זייערע קינדער ארויסגעשיקט, פרויען זייערע מענער, כלות זייערע חתנים אין קאמפף פאר די בעפרייאונג פון די נעגערס און געגען מענשען־שקלאווערײ.

דיעזער שרעקליכער ברודער־קריעג האט געדויערט איבער פיער יאהר, איבער א מיליאן מענשען לעבענס זיינען פערלארען געגאנגען און די לאנד איז כמעט פערוויסטעט געווארען, אבער די פערפלוכטע שקלאווערײ איז אפגעשאפט געווארען.

און דאס אלעס האט פעראורזאכט מיסעס סטאו מיט איהר בוך

אָנקעל טאָם'ס קעבין

אין וועלכען זי האט ענטדעקט פיר דער גאנצער וועלט די מערדערייען און שוידערליכע פייניגונגען, וועלכע זיינען בעגאנגען געווארען צו די שקלאווען.

מיסעס סטאו איז געווארען בעריהמט איבער דער גאנצער וועלט, און איהר נאמען ווערט עד היום דערמאנט מיט גרויס עהרע און ווירדע ביי אלע מענשען, וועלכע ליעבען פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט.

די אידישע איבערזעצונג פון אנקעל טאם'ס קעבין איז ארויסגעגעבען געווארען אין א פראכט־אויסגאבע. א גרויסע צאהל בילדער קומען אין בוך אריין, וועלכע שטעלען פאר די פערזאנען און די סצענעס, וועלכע ווערען דארטען געשילדערט, און דאס מאכט דעם בוך אויסערגעוועהנליך רייך און שעהן.

א פראכט־אויסגאבע פון „אנקעל טאם'ס קעבין" אין אנדערע שפראכען קאסט ניט וועניגער ווי 2 דאלאר. אונזער פרייז פיר א פראכט־אויסגאבע אין אידיש איז

בלויז $125

(פארטא פריי).

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., New York.

געקליבענע שריפטען

— פון —

אנטאָן טשעכאָוו

איבערזעצט פון לעאָן קאָברין

אין 4 פּראַכטפאָלע בענדער

אינהאלט פערצייכנים פון די פיער בענדער:

1טער באנד

1. די נקמה.
2. וואס אן אנגעקלאגטער האט דערצעהלט.
3. א בעקאנטער מאנספּארשוין.
4. א גליקליכער מענש.
5. א רפואה געגען שכרות.
6. א טהעאטער דירעקטאר אונטער א זאפע
7. די ענגלענדערין.
8. דער אויסרופונגס־צייכען.
9. דער רעדנער.
10. א קונסט־ווערק.
11. דער נצחון פון א זיעגער.
12. דער ממזר.
13. אן עלענדע בעשעפענים.
14. א טהייערער קינד.
15. אוים די שריפטען פון א אויפּגערעגטען מענשען.
16. זומער געסט.
17. א רעטהזעלהאפטע נאטור.
18. דער טוידט פון א בעאמטען.
19. די מכשפה.
20. נערוועז.
21. דאס איז געוועזן זי.
22. איבערגעזאלצען.
23. איבעריגע מענשען.
24. דער שלעכטער אינגעל.
25. א מעשה מיט א שוהל־אינגעל.
26. א שריפטשטעלער.
27. אן אונגעוועהנליכער מענש.
28. דער קרומער שפּיעגעל.
29. א פאמיליען־פאטער.
30. א גוטער סוף.
31. אין באד 1.
32. אין באד 2.
33. דאס לעזען.
34. דער ערשטער ליעבהאבער.
35. די פאסירונג.
36. דער פאססאזשיר פון דעם ערשטען קלאס.
37. אונפארזיכטיגקייט.
38. דער קלוגער וועכטער.
39. די שטיוועל.

2טער באַנד

1. דער אנטלאָפענער.
2. אַ בלבול.
3. פינסטערניש.
4. לעבעדיגע סמנים.
5. דעם קאַפּיטאַן'ס יוניפאָרם.
6. דער מאַן.
7. די פאַלשע נומער זעקס.
8. אַן אונגליק.
9. די אָרומשפרינגערקע.
10. אַריאַדנאַ
11. גנבים
12. נו, פּובליקום!

3טער באַנד

1. די ליידענדע
2. די דאַמען
3. אין דער פּאָסט אבטהיילונג
4. ביים באַרבער
5. דער שפּיעגעל
6. די שכנים
7. דער אונטערזוכונגס-ריכטער
8. שונאים
9. די דאַמע מיט'ן הינטעל
10. אַ צרה
11. ווייבער
12. אַ פאַל פון פּראַקטיק
13. וואָלאָדיאַ דער גרויסער און וואָלאָדיאַ דער קליינער
14. שטאַרקע געפיהלען
15. שווערע מענשען
16. אַננאַ אויף דער האַלדז
17. אַ נערוועזער אַנפאַל
18 קלייניגקייטען פון לעבען

4טער באַנד

1. וואַנקאַ
2. שלאָפען ווילט זיך
3. אַניוטאַ
4. וואָס זי האָט דערצעהלט
5. דער געבורטס-טאָג
6. די פויערים
7. וואָלאָדיאַ
8. נשמה'ניו
9. אָהן אַ נאָמען
10. דער פּאָטער
11. קעסטניקעס
12. די אַפּטהעקערקע
13. דאָס ווייב
14. די מוהמע
15. די כאָריסטקע
16. די פארבלאָנדזשעטע
17. בענקעניש
18. אַגרעסען

פּרייז בלויז 3 דאָלאַר

(פּאָרטאָ פריי)

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., NewYork.